STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08166

DER FULER KRUG

Berl Lapin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. לאַפּין

דער פולער קרוג

לידער־זאַמלונג

1950—1908

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1950

פונעם זעלבן מחבר:

„אומעטיקע וועגן”, 1910, פאַרלאַג „וועלט”, ווילנע.
„רוסישע ליריק”, 1919, פאַרלאַג „צייט”, ניו־יאָרק.
„צייכנס”, 1934, ניו־יאָרק.
„נייע לידער”, 1940, ניו־יאָרק.

B. LAPIN — DER FULER KRUG

(Poems)

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

Copyright, 1950, by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
New York, N. Y.

Printed in U.S.A. by
The Shoulson Press, 227 W. 17th St., New York 11, N.Y.
255

אַריינפיר

●

דער זעכציקסטער קרייז

איך דערגרייך באַלד דעם רונד
פון דעם זעכציקסטן קרייז;
ס'האָט געטונקלט, געזונט;
כ'האָב געזיגט, כ'האָב געגרייזט,
פיל געהאַט, פיל מיר קומט;
ס'איז מיין גלויבן נאָך ווייס,
כאָטש מיט בלוט אָפט דער גרונט,
וואו מיין גלויביקייט שפרייזט.

אין מיין זעכציקסטן רונד —
נישט מיין עלטער כ'באַקלאָג,
נישט אויף מי, אויף געזונט;
כ'בענטש דעם מיפולן טאָג
פול מיט רוישן צעזשומט,
און צום לעבן איך זאָג:
האַלט מיט מיר אָן דיין בונד,
ווייל דיין לאַסט ליב איך טראָג.

נייעם רונד בין איך גרייט
אָנצוהויבן באַנייס,
כ'וואָלט נאָך איצטער פאַרזייט
באָקסער־בוים מיט געפלייס,
כאָטש ביז שבעים ער שטייט
ביז זיין פרוכט זיך באַווייזט;
ווייל דער גלויבן באַגלייט,
ס'איז דער גלויבן וואָס שפייזט.

און מיין ליד אויף מיין ליפּ
וועל איך צערטלען נאָך לאַנג,
ווי אויף גאָלדענער זיפּ
זאָל זיך ריינען זיין קלאַנג
וואָס מיין ברודער איך גיב;
ס'איז פאַר מי מיין געזאַנג,
וואָס מיט ברודערשאַפט קניפּט
מיין נאָך ווייטערן גאַנג.

***

אין איצטיקער לידער־זאַמלונג „דער פולער קרוג" נעם איך אַריין דעם גאַנצן רונד פון מיינע לידער אַזש פון 1908 ביז 1950.

לידער פון דריי פריערדיקע זאַמלונגען: „אומעטיקע וועגן" — 1910, „צייכנס" — 1934, „נייע לידער" — 1940. מער פון הונדערט זייטן אין איצטיקן בוך, זיינען לידער פון 1940 ביז 1950, געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער.

אין „פולן קרוג", אָבער, גיב איך די אָרדענונג אַן אַנדערע. כ'הויב אָן נישט פון אָנהויב, נאָר פון סוף. די ערשטע גייען פון 1940 אָן ביז איצט. דערנאָך „צייכנס", „נייע לידער" און צום סוף „אומעטיקע וועגן". יעדן בוך מיט זיינע לידער און פריערדיקער אָרדענונג, נישט צעטיילט אין נייע אָפּטיילונגען אָדער אויסקלייב.

בלויז איינציקע זאַכן פון בוך „נייע לידער" און „צייכנס" האָב איך אויסגעמישט אין די ערשטע הונדערט זייטן פון בוך צוליב געוויסער קאָליר־באַטאָנונג.

אויף די לידער פון „צייכנס" שטייען די דאַטעס, ווי זיי זיינען געווען פריער. אויך אויף אייניקע פון דער לעצטער צייט שטייען דאַטעס פון די מלחמה־טעג און היטלער־אויסראָטונג־יאָרן פון די יידן אין אייראָפּע.

ווי געזאָגט, האָב איך די לידער ניט געשטעלט נאָך אַ געוויסן סדר, אַפילו ניט שטענדיק לויט דער שטימונג נאָך. די גרויסע צאָל לידער פון מי און אַר־בעט — וואָס ווי פון אין גוס כמעט — אויך זיי האָב איך ניט געשטעלט צו־זאַמען, נאָר צעוואָרפן אבער אַלע ערשטע הונדערט צען זייטן; אַזוי אויך אין מיין בוך „נייע לידער".

דאָס זיינען שטימונגען וועגן מי און ליבשאַפט צו מי און אַרבעט. די באַטאָ־נונג איז ניט אויף דער שווערקייט, נאָר מער אויף דער ליבשאַפט צו מי און צו דער קלוגשאַפט פון מלאכה: „גיסט קלוגשאַפט מיינע פינגער — און מאַכסט אַלץ מער זיי קלוג". — אָדער: „און מיינע פינגער יאָגן — מיט פרייד דעם מי־גע־יאָג; — ווי גוט, וואָס איך קען זאָגן — די רייד וואָס מיאונג זאָגט".

איך לאָז די אַלע מי־לידער אַרומגיין אין קליינע גרופּעס איבער די ערשטע הונדערט צען זייטן פון „פולן קרוג", זיי זאָלן אַליין אָנקניפּן זייער ברודערשאַפט צווישן פאַרשידענע נאַטור, וואָרט־און־צייט־לידער.

אין מיין בוך גיב איך אַריין אַלע מיינע אייגענע זאַכן, אָבער נישט די אַרויסגעגעבענע איבערזעצונגען פון בוך „רוסישע ליריק" און די אַמעריקאַ־ניש־ענגלישע לידער פון בוך „נייע לידער". דאָס האָף איך צו טאָן מיט יאָרן שפּעטער.

דעם סאַמע רונד פונעם „פולן קרוג" פאַרענדיק איך בלויז מיט אייניקע ניי־באַאַרבעטע לידער פון א. בלאָק, לערמענטאָוו און פעט. אויך דריי אַמעריקאַנער הימנען, ווי מיט זיי צוזאַמען וואָלט איך מיטגעזונגען דעם לויב צו דער אַמע־ריקע פון דזשעפערסאָן און לינקאָלן.

אויך וואָרט נאָך מיין גאַנצע פּאַרטיקע אַרבעט פון וויליאַם שעקספּירס סאָנעטן — אַ טייל געדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן — וואָס כ'וועל מסתמא אַרויסגעבן בקרוב נאָך דעם איצטיקן בוך.

די טיפע און שטראַמיקע טענער פון די מעכטיקע שעקספּיר־סאָנעטן — און די גרויסע מי־פרייד פון איבערזעצן זיי דערלויבן מיר צו ווערן פערזענלעך: נאָר זיי האָבן מיך אַזוי פריינטלעך און ליב באַגלייט אין די אָפּרו־שעה'ן פון דעם אָפּט זייער שווערן טאָג פון מי אין שאַף, אויך געוועקט מיך צו שרייבן אייגענע לידער און זיין פּאָעטיש וואַך.

נאָר אַזאַ גייסטיקער כוח האָט מיך אין משך פון די לעצטע צען יאָר, געקענט העלפן צו דערגרייכן דעם זעכציקסטן רונד און אים איבערשפּרייזן... אויך אָט דער כוח האָט געוויס גורם געווען איך זאָל אין אַזעלכע שווערע טעג פון דעם וועלט־געראַנגל, און אין די חורבן־יסורים פון מיין פאָלק, כוח האָבן צו זאָגן:

נייעם רונד בין איך גרייט
אָנצוהייבן באַנייס.

דער פולער קרוג

כאָטש נישט פון פולן קרוג אַרויס
איצט שעפּן זיך שוין מיינע יאָרן,
און אפשר טריפן שוין פון טיפן דנאָ
די לעצטע, לעצטע טראָפּנס;
און באַלד וועט מיך אַרומזוכן פאַרצווייפלטער מיין שאָטן, —
דאָך לעב איך אַלץ נאָך מיט דעם יונגן רויש
פון פרילינג־דונערן אין רוים אין קלאָרן,
ווי כ׳וואָלט אויף ס׳ניי פון קרוג גענומען שעפּן מיינע יאָרן,
און זיי שעפּן זיך נישט אויס! —
ס׳קוועלט לעבעדיקער קוואַל פון טיפן דנאָ,
ווי ס׳וואָלט צו אייביקייט געזאַלבט געווען די שעה;
איך לעב, כאָטש מיין געביין איז לאַנג נישטאָ! —

און אפשר איז דער פולער יאָרן־קרוג
נישט מיר אַליין געגעבן?
פאַר מיר איז לאַנג שוין לאַנג גענוג! —
נאָר ס׳קוועלן אין זיין טיפן דנאָ די יאָרן
פון נאָך נישט־אויסגעלעבטע לעבנס,
פאַר דער צייט פאַרצוקט? —
אַ געפעס בין איך געוואָרן,
מיט לעבנס מענטשלעכע פאַרטרויט.
יונג־בלוט פון אייגענעם, פאַרשניטענעם געזינד
דורך מיינע אָדערן רינט.
און וויפיל אַנדערע — פאַרלאָשענע פון טויט, —
לעבן דאָ מיט מיר אונטער איין הויט?...

איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס איך האָב, אָפט,
אין פאַרצווייפלונג פאַרשיכורט, —
נישט צעבראָכן מיין פולן קרוג אויף שטיקער.
ווי קאָן איך דערנעענטערן דעם סוף
צו אַ טייערן פקדון? —
אַז איך בין מיט אַ גאָב אָנגעלאָדן!
אימיצנס פרייד — דאַרף איך פריידיקן,
אימיצנס פּיין — דאַרף איך פּייניקן.
און אויסברוכן, פרעמדע אַמאָל,
פאַר מיר אַליין נישט צו פאַרשטיין, —
זוכן אַ וועג דורך מיר אַדורכצוגיין,
און זיי ריידן רייד אַזוינע מיט מיין קול...

באַלאַדע פונם ריטל

האָב געשפּילט זיך מיט פּשוטן ריטל,
האָב אַ בויגן אַ רונדן געמאַכט.
פון מיין פינגערבאַריר — האָבן בליטן
שוין פאַרטריקנטע, ווידער דערוואַכט.

האָב איך בויגן אין האַנט איינגעהאַלטן,
זאָל נישט געבן אַ שפּרונג, און — אַוועק.
נאָר די בליטן פון זונשיין צעשטראַלטע, —
האָבן מער נאָך מיט לעבן גערעגט.

די צערונצלטע קאָרע — ווערט גלאַטער,
און דאָס גרין — פריש און גלאַנציק שפּילט אוף;
אין מיין האַנט האָט אַ לעבן געפלאַטערט,
ס'האָט דאָס ריטל באַוועגט זיך ווי גוף.

האָט אַ חלום מיך גלעטן גענומען,
מיט די פונקען פון סנה מיך באַגליט;
און אַ ווינט — בלעטערט אָפענעם חומש:
„. . . איז מיט מאַנדלען דער שטעקן צעבליט!״ —

ווערט אין חלום פון צוויטן פאַרביטן,
ווי פון רייטער — די לאַנדשאַפט פאַרשווינדט.
אין דעם חלל פון רונדיקן ריטל
האָט צעבליט זיך געשטאַלט פון מיין קינד!

ווי אַ זון, מיט אַ קרייז אַ צעשטראַלטן,
קוקט דאָס קינד דורכן בויגן מיך אָן;
געוועזן שווער מיר דעם בליק אויסצוהאַלטן,
ווי מיר וואָלטן זיךביידע דערקאָנט. — —

אָבער וואָר — עפּנט ווידער די אויגן,
טויטער ריטל אין האַנט מיינער לעבט! — —
האָב געמוזט באַלד באַפרייען דעם בויגן,
ווי ער וואָלט מיך צום באָדן געשלעפּט.

מיט די פינגער — אַזוי ווי אַ בראָנע —
האָב צעגראָבן אַ ווייך שטיקל ערד,

כ'זאָל מיין ריטל פֿאַרפֿלאַנצן דאָרט קאָנען,
אויב אַזוינס איז צו טאָן מיר באַשערט.

אין מיין האַנט האָט געזונגען די אַרבעט,
דינעם ריטל באַוואָסערט, באַשיצט.
אויף אַ שטיין איז געזעסן דאָס שטאַרבן,
מיט די ציינער די ווייסע געבליצט;

און געהיט, נישט געוואָלט נאָך אַוועקגיין:
— מעןטשנס נס וועט נאָך ווערן צונישט! —
נאָר דאָס ריטל, באַטויט, ווי פֿון רעגן,
האָט געוויגט זיך פֿון ווינטל דערפֿרישט.

איצטער שטייט עס אַ יונגינקער צווייגל,
ווי אַ פֿייל — שיסט זיין שפּיץ אין דער הויך;
ס'וועט אַ בוים זיין... פֿאַרוואָס דריקט אַ שווייגן,
און ס'פֿאַרקנוילט זיך מיין אומעט ווי רויך? ——

האָב אַ ריטל אַ טויטס אָפּגעשריען,
האָב צוריק אין אים לעבן דערוואַכט.
נאָר פֿון מיר — ווייכט דער יום־טוב פֿון בליאונג,
פֿאַר מיין קוויט — קיין צעבלי נישט געבראַכט!

און דאָס חלום־געשטאַלט גייט אויף קלאָרער,
אַ באַשטראַלטע — דורך בויגן געקוקט.
אונטער לאַסט פֿון דעם קינדערשן אָרון
וועט מיין קאָפּ זיין אויף אייביק געבוקט.

אַ שרפֿה

האָב פֿייער דערזען, און דערהערט זיין רויש,
און כ'בין אַוועק אַהין.
ס'האָט בראַנדיק צעלויכטן זיך יענע הויז
אין פֿלאַטערדיקן ווינט.

די פֿענצטער — מיט פֿלאַמיקן בליק געלוגט,
גערופֿן, און געבלענדט.
אין ליכט האָבן ווייטן זיך אויפֿגערוקט,
ווי דאָרט וואָלט אויך געברענט.

דער פייער — מיט צונגיקן פלאַם געלעקט
די באַלקנס, און די ווענט.
די חפצים אין גלי — זיך צו אים געשטרעקט:
נאַ, ברען אונדז, און פאַרלענד!

פאַרצוויפלטער מענטש יאָגט מיט האַרץ אין האַנט
אויף גוף פון טיש און בענק, —
ס'ווערט שמאָלער זיין טראָט פון דעם פלאַם פאַרצאַמט,
ווי שלייף פון תליה ענג.

אויך זאַכן דערשפּירן די טריט פון טויט,
געשטרעקטע אין געפאַר, — — —
נאָר הילפיקע הענט — בלויז אויף מענטש צעשפּרייט,
געוואָגט, און איינגעשפּאַרט.

אין פּאַניקער שעה, פון זאַכן ווער טראַכט,
צעריִיצט פון ליכט־היפּנאָז;
און ס'האָט זיך אין בוך־שראַנק דער פלאַם צעלאַכט,
אַ ווילדער, הינטער גלאָז.

די גליאיקע בלעטער — געמישט, געמישט,
געלייענט, און פאַרצערט;
ביז שראַנק איז געפאַלן שוין פון די פיס,
צעשאָטן און צעשטערט.

שוין פינצטער אַרום... ווילדער פלאַם פאַרשטילט,
אַ פייכטע שוואַרצקייט גליט.
פאַרשרפהטע מעבל אין מיטן דיל, —
אויף שטיקלעך פיס געקניט.

און ס'קלינגט אַ געזשום פון פאַרברענט געהילך,
אַ שטאַרבנדיק געוויין;
דאָס לעבן פון זאַכן — נאָך מער דערפילסט
ביים פיינלעכן פאַרגיין. — — —

דו הויבסט עפּעס אויף פון דעם פלאַם פאַרלענדט,
און צערטלסט אין דיין האַנט; —
דו קוקסט, — ס'ווערן ווייטן נישט מער דערבענט
אין אויסגעלאָשן לאַנד.

דעם הימל האָט קנויליקער רויך פאַרדעקט,
און אַלץ, וואָס ס'איז געשען, — — —
אין קאַלט־שוואַרצן אַש האָט זיך פונק געוועקט,
נאָך איינמאָל וועלט צו זען!

ס'הויבט מיט וואָרט זיך אַלץ אָן!

בעשרה מאמרות נברא העולם... (פרקי אָבות)

ס'איז מיין וואָרט־לאַבירינט
היינט אַזוי אָנגעפילט
מיט דעם דינסטן עמפינד
אינם וואָרט־שטויב פאַרשטילט;
איך זע פונקען־צעצינד
און קאַלירן־געשפּיל
פון בראשית־באַגין
פאַרן אויג אָפּגעהילט.

די צעגליטקייט פון פּרע —
יענעם איידער־באַשאַף —
אין דעם שטויב איך דערזע,
משהס צוק פון פאַרגאַף
פאַרן פלאַם פון דעם סנה;
כ'זע אין וואָרט־שטויב דעם לאַוו
אין דעם מויל פון כבד־פה
אָנגעקוואָלן מיט קראַפט.

אין געדאַנק איך צעקנעט
רויען וואָרט־שטויב אָט דעם;
כ'הרגע פריער דעם שד,
וואָס דער שטויב האַלט אין קלעם,
ביז מיין אויג גלייך דערזעט
אָט דעם ברודערשן שם,
וואָס אין וואָרט מיינס ער רעדט,
און אויך מיך ער קאָן זען!

ס'הויבט מיט וואָרט זיך אַלץ אָן! —
וואָרט — מער גבורהדיק שלאָגט
ווי צעהאַלבטער אַטאָם,
וואָס וואָרטס ווילן ער טראָגט.
וואָרט — באַפעלט טאָט זאָל טאָן;
געגנוג קראַפט ער פאַרמאָגט
צו באַדאַכן וועלטס תהום,
ווען נאָר, ברודער, ער זאָגט!

אין אַ לײדיקן פויגל־נעסט...

אין אַ לײדיקן פויגל־נעסט, אויף אַ בוים,
האָט אַראָפּגענידערט די לבנה,
זיך אָוועקגעזעצט בריען שטערן
פאַרן טונקעלן הימלרוים;
דער בוים קאָן איר אָטעם הערן,
ס'קען דער וואַלד זיך אַליין ניט
דערקאָנען:
אַלע באַצוויגטע בוימער זיינע —
מיט מנורהס זעלטנדיקע שיינען;
און פון נעסט קוקט אַרויס אַ פּנים,
אַז אַזאַ איז נישטאָ צווישן פייגל;

שטערן זיינען זיך צעפלויגן
פון אונטער זיינע שטראַלן־פליגל
און צום טונקעלן הימל געצויגן
מיט אַ וואונדערלעכן הימל־ניגון;
אַלע ווינטן איינגעשוויגן, —
פאַרגאַפטע בוימער פון זיך אַליין
זיך וויגן,
פון ראַסע־טרערן קוים באַפייכטע;
די אויסגעבריטע שטערן לייכטן
איבער שטראַליקע מנורה־בוימער,
און ווערן אויגן פון דעם בלינדן דומם.

דאָס וואָרט מוז הונגערן נאָך לאַסט פון נדר

צו מיין פריינט מ. ה. גינזבורג

איך מעסט מיין וואָרט מיט כוח פון מיין ווילן,
וואָס ער זאָגט צו, מוז איך עס קאָנען טאָן;
איך מעסט אים אויס אויך אין מיין שטילער תפילה,
איך בעט נאָר דאָס, וואָס קומט צו מענטשן אָן.
מיר איז פאַרווערט מיט וואָרט זיך אומצושפּילן,
ווי ווינט מיט אומבאַשיצט־פאַרלאָזטער פאָן,
און ווייל איך מוז דעם חוב פון וואָרט דערפילן —
וואַכט שטענדיק האַרץ מיינס ווי אויף מויל פון תהום.

און כ׳בין דערפאַר מיט חוב נאָר אָנגעלאָדן,
עס וואָרט אויף אויסלייז יעדער וואָרט פון מיר,
ביי זיך אַליין געליען גמילת־חסדים,
און ס׳איז פאַרחובט די שוועל אויך פון מיין טיר.
פון מיינע מאָנערס וואָרט איך ניט קיין גנאָדן,
איך וויל זיין צאָלער — נישט געפּאַקטער גביר;
און אויב מיין וואָרט גייט נישט אין רייכע בגדים,
איז גוט, ווייל ס׳ווערט אויך וואָרט צעלאָזט אין ציר...

אַ וואָרט — אין לויטערקייט מוז שטענדיק ריידן,
ווי ס׳רעדט אַ בלאַט אויף בוים צו ברודער־בלאַט,
אַ וואָרט איז יונג ווי קינד און אַלט ווי זיידע,
און ריין ווי ס׳האָט אים מאַמע ערשט געהאַט.
ער טאָר זיך מיט זיין ריינקייט ניט צעשיידן,
כדי צו ווערן ריינע פליכט און טאַט;
דאָס וואָרט מוז הונגערן נאָך לאַסט פון נדר,
און טאָר נישט ווערן פון זיין טוואונג זאַט.

מיין וואָרט און איך — מיר טראָגן יאָך און צוימען,
עס זאָל נישט אָנוואַקסן אויף אונדז די זעט,
דאָס נדר־וואָרט באַיונגט ווי בלאַט — דיביימער,
ווי בוים איז יונג, ווען זיך אין גרין ער זעט.
מיין וואָרט זאָל ראוי זיין צו ווערן זוימען
פאַר קראַנקער ערד, וואָס שונאס פוס צעטרעט,
ער זאָל ניט שטאַרבן אין געשענדטער שיימע,
נאָר טרייסטן יידער נאָך די טרייסט געשעט.

די זון

איך — ברודער לײַבלעכער פון צופאַל,
האָב איינמאָל איינגעצאַמט די רגע, —
און האָב די זון אַרויסגערופן
פון הינטער במאַרעדיקע וועגן.

מיין רוף האָט הויך ניט אָפּגעקלונגען,
אין שטילקייט האָב איך זון באַשוואָרן:
— „נאָך ליכט איז גאַנצע וועלט
פאַרהונגערט,
דו מוזט באַווייזן זיך אַ קלאָרע!“ — —

איז זון אַרויסגעקומען בלוטיק,
פון נאָפּל־שנור אַראָפּגעשניטן, —
אויף מיינע אייגענע מאַרשרוטן
מיך נאָכגעשוואומען אַ צעגליטע.

אָט ווערט איר רויטקייט העלער,
העלער,
דאָס בלוט — ווי טרערן אָפּגערונען;
דיין חלום שטייט ביי דיינע שוועלן
נאָך שענער, ווי ער איז געשפּונען! —

די כמאַרעס — פון דער זון צעביסן,
און שטרעקעס—ווייטע זיך געליכטיקט;
נאָר מענטשן שפּאַרן—ווי אין תּפיסה,—
דורך שטראַלן־גראַטעס די געזיכטער.

זיי זיינען אַלץ נאָך אומגעגאַנגען
פון כמאַרע־בערג אַראָפּגעבויגן.
די זון און וואָלקן — זיך געראַנגלט
אין גרונט פון די צעפּראַלטע אויגן.

און כ'זע: אין אונדז ווערט אָפּגעשפּיגלט
דער וועלט־באַשאַף פון סאַמע אָנהויב;
אין אונדז צעבליט זיך סוד פון זיגן, —
און סוד פון דורכפאַל — ערד
אויף פּנים!

און די, וואָס טראָגן גלוט פון זונען
אין קנופּ פון שטראַליקע פאַרלאַנגען: —
רופט זון אַרויס, און זי וועט קומען,
ווי זון פאַר מיר איז אויפגעגאַנגען!

אַ טויער

כ'בין געשטאַנען פאַר אַ טויער,
ניט פון מענטשנס האַנט געמאַכט.
ס'האָט געשמעקט מיט אורוועלט,
רוי־ערד,
מיט געבורט און מוטער־טראַכט.

שטייט דער טויער ווי אַ דוגע,
ריזיק אויסגעהוילט פון שטיין, —
אויסגעהאַקט מיט שטאַרקע צונגען,
ווי געפּליקט פון ווילדע ציין.

גריבער־אויגן — איינגעבויערט,
מענטשן־בליק — אַרויסגעבליצט.

שטייסט פאַרגאַפט: פון ווילדער רוי־ערד
שאַפנדיקער אָטעם שפּריצט.

אויג — צעשפּרייט זיך, שאַרף,
ביז ווייטיק,
פון די וואונדער מיטגעשלעפּט, —
וואַקסט אַרויס פאַר דיר אַ לייטער
פון געהיפּטע בערג, ווי טרעפּ.

און אַ קייט פון שאַרפע פעלזן,
ביז די וואָלקנס האָט דערגרייכט.
ווי פאַרשטיינטע העלפאַנט־העלדזער
אויסגעשטרעקטע אין דער הויך.

איבער זיי — מיט ריטם קלעטערט
יונגער באַרג־פּאַנטאַן צעשטראַלט.
האָב געזען (ווען כ'גלויב אין געטער),
דאָרט זיך שפּיגלען גאָטס געשטאַלט...

און די שטייניק־גרויע ווייספּע
רירט, באַוועגט זיך, אָטעמט אויף.
הערסט פון פעלדז צו פעלדז אַ פליסטער,
ווי פון אויפגעוואַכטן גוף.

ריח פון באַשאַף און פאַרונג,
מיט אַ פרילינג־אָטעם שפּרייט.
גרונט צעשפּאַלט זיין ערשטע קאָרע,
עפנט אויף זיין אינגעווייד.

ס'דאַכט, אַט איצט ווערט אַלץ געבאָרן,
מיטן ערשטן אויסגעשריי.
כאָטש דער טראָט פון טויזנט יאָרן
האָט פאַרשטיקט גערעדט פון זיי.

טויער — אָפן איז געשטאַנען,
דורכגאַנג צו אַ רויער וועלט.
איך בין ערשטער מענטש צו שפּאַנען
אין נאָך קיינעמס נישט געצעלט.

מיין וועלט

איך האָב ליב דיך, מיין וועלט, ווי אַ טאַטע,
ווי אַ מאַמע זייער קינד מיט באַוואונדער;
ווייל ס'האָט ליבשאַפט זיי קיינמאָל פאַרמאַטערט,
און מיט האַס — אייגן לייב נישט געצונדן.

און איך קום נישט צו דיר ווי אַ פרעסער,
מיטן צאָנשאַרף און גיריקן גומען, —
ווי אַן אייגענער — אָפּט נישט דערעסן,
ביז ס'וועט יעדער זיין חלק באַקומען.

וועלט, — איך גלויב אין דיין גאַנג און השגחה,
דעם גערעכטן — וואָרט אָפּ דיין באַשיצונג;
און מיך שרעקט ניט וואָס שנאה־נצחון
וועט אַ ווייל דיינע הימלען צעבליצן.

נאָכט פון שנאה — ס'וועט טאָג זי פאַריאָגן,
ביזן וואָרצל אויף אייביק פאַרצערן;
כאָטש דיין בויך האָט מיט שנאה פאַרטראָגן,
דאָך וועסט ליבשאַפט — ווי מאַמע געבערן.

וויזיע פון אַ רויטן רעגנבויגן

רויטע קעלבלעך זע איך נייגן
איבער ווייסע גריקע־בייטן? —
נייך, דאָס האָט פון רעגנבויגן
וואָלקנסטאַדע זיך צערויטיקט.

רעגנבויגן אויפן מזרח, —
מיט דעם פאַרב פון זונפאַרגאַנגען, —
האָט היינט רויטער זיך באַוויזן,
ווי אַ וואָרנונג אויפגעהאַנגען.

אַלע פאַרבן פון דעם בויגן
האָט דאָס פלאַמיק רויט פאַרשלונגען;
אָנגעצונדן סטאַדע־אויגן
מיט פאַרצוקנדיקן הונגער.

נישט קיין וואָלקנס — בלודנע חיות,
דרייען הונגעריק די עקן,
וואַרפן זיך אין רויטן פייער,
חיה־בלוט אַראָפּצולעקן.

ווי אין פרעהס קי־דערשיינונג, —
דאַרע — שלינגען איין די פעטע.
זייער לייב — אַלץ דאַר פאַרפייניקט,
מיילער — אָפן, נישט געזעטיקט.

שלאָפסט מיין וועלט אַזוי ניט רואיק,
בייזער חלום ציבדט דיין הימל;
וועמעס פלאַמיקע נבואה
קומט מיט בלוטיק־רויטן סימן? —

כ'שטאַרק מיין טראַט, ער זאָל נישט
וואַקלען,
אין געשטייג אויף וואונדער־שטאַפּל;
ס'פרעסט מיך הונגעריקער פלאַקער,
שפיגלט זיך אין מיין שוואַרצאַפּל.

ליכט גייט גאַנצן לייב אַריבער,
כ'ווער ווי הימל אָנגעצונדן,
רופן דונערן זיך איבער,
בליצן שרייבן אָן די וואונדער.

ווי נאַטור האָט אירע צייכנס
מיט זיגזאַגן בליץ פאַרשריבן, —
כ'האָב נישט מורא מעסטן כוחות,
זיין אַן אויסגעלאַכטער גיבור!

מיט מיין הוילן בליק אַנטקעגן
אָט דעם וואונדיק־רויטן מזרח! —
כ'קוק אין אָפּגרונט פון די רגעס,
וואו עס שפיגלען זיך קאַפּריזן.

דו זאָלסט וואַגן, וואַגן, וואַגן,
קלינגען גלעקער אין מיין אויער, —
ס'זוכט מיין אויג די בליץ־זיגזאַגן
פון דעם רעגנבויגן־טויער.

אַלע צייכנס ווילסט אַנטפּלעקן,
אַלע גרענעצן פאַרווישן,
און צעודערן די שטרעקעס
איינגעדרעמלטע אין כישוף!

גלויבן

דער מענטש, דער פשוטער און פרומער.
זיין גאָט מיט אים איז אַלעמאָל;
ס'לייכט גאָט אין בליץ, ס'רעדט גאָט
אין דונער,
ער הערט אין רעגנרויש גאָטס קול.
ס'גייט־אויף ווי גרינגראָז זיין אמונה,
ווי ס'וואַקסט אויף שאָף דער
ווייסער וואָל
גאָט קוקט צו אים פון ריינעם ברונעם
און ס'טריפט ווי טוי אויף אים גאָטס עול.

דעם צען־געבאָטנדיקן פלאַקער
האָט ער אין וויג נאָך איינגעזויגט;
פון קינדווייז אָן זיך שוין זיין נאַקן
מיט ווילקייט צו גאָט געבויגט;
ער האָט פאַר אָקס מיט וועם ער
אַקערט,
צום ערשטן פוטער אָנגעלייגט;
פון אומגליק־בראָך זיך ניט
צעוואַקלט,
און פרום און רואיק קוקט זיין אויג.

ביי אים איז אַלצדינג קלאָר און פּשוט,
פון צווייפלעניש איז ער באַהיט;
ער ווייסט געננוי ווען ער איז רשע,
ווען האַרץ פון זינד ווערט אָפּגעבריט;
זיין לעבן האָט פאַר אים ממשות,
כאָטש ס'איז פון צער ניט אויסגעהיט.
דער גאָט פון ים און פון יבשה —
ער צייכנט פריער יעדנס טריט!

נאָר שווער, אָ, שווער איז אויפגעקלערטן —
מיט צווייפל איז זיין האַרץ פאַרזייט,
כאָטש ס'זיינען קלאָר אים אַלע ערטער
פון לבנה, זון, אויף הימל־שפּרייט;
פאַר אַלע סודות האָט ער ווערטער,
פאַר יעדן ר'עטעניש — באַשייד;
פאַר אים איז וועלט אַ בלויזער קערפּער,
צו נישטערן איר אינגעווייד.

ער לייקנט אין דעם וועלט־באַשעפער,
דאָך זוכט ער צום באַשאַף דעם וועג;
אים שרעקט די נישטיקייט פון טרעפן,
דאָך ווייל ער אַלץ זאָל זיין אַנטפּלעקט.
וועלטס טירן — אַלע אויפגעעפנט,
דורך זיי צו לויפן זיינע טעג...
און וואָס דער טויט וועט באַלד פאַרשלעפן —
פילט אָן זיין צווייפל־האַרץ מיט שרעק.

ער קאָן זיין צווייפל ניט דערהויבן
צום הויכן, גלויביקן געמיט,
ווי די, וואָס זוכנדיק אויך גלויבן,
אַז נייע וועלט וועט זיין צעבליט;
זיי זינגען ליכט אין בלינדע שויבן,
וואָס מדבר־שטויב האָלט איינגעשמידט,
ווייל געטלעך איז דאָך יענער צויבער:
אין אייביקייט פאַרפלאַנצן טריט...

אויפן גרענעץ פון זאַכן

כ'האָב מיין וועג אויסגעקליבן
אויפן גרענעץ פון זאַכן;
ביי דעם ראַנד פון די גריבער,
אין דער נעסט פון דערוואַכונג.

מיט דער שאַרף פון די ראַנדן
שטייען תהומען צעעפנט,
איך דערוואַרט די פאַרוואַנדלונג
פון פאַרוויסטונג אויף שפע!

מיט דעם גאָלדזוכערס פיבער,
וואָס אין חושך באַהעלט אים, —
זיך אַליין טרעט איך איבער,
ווי אַ צאַם אַ פאַרשטעלטן.

ביי די מענטשן, — ווי חפצים
אויסגעניצטע, — אָן נעמען,
דאָרטן בלענדט זיך מיין אוצר,
און עס פירט מיך זיין פלעמל.

זייער וואָרט אַ פאַרלאָכטער,
ווי אַ בלעטל צעטראָטן, —
גליט צו מיר אַ דערוואַכטער
פון באַריר מיט מיין אָטעם.

הייב איך אויף אַלע ווערטער,
די, פון קיינעם פאַרנומען, —
די, פון שטויב אויסגעצערטע, —
און איך ווער זייער גומען.

ווערטער הארבע, אָן בושה, —
אינדערהויך נישט צו זאָגן, —
ווייען צאַרטקייט פון קדושה,
טראָגן פולקייט פון לאָגל.

און איך צערטל זיי, צערטל,
ווי אַ קינדס יונגע גלידער, —
די געלייטערטע ווערטער
גיב איך קריק מיינע ברידער.

און ווי ערד שלינגט דעם זאָמען,
ווערן ווערטער פאַרשלונגען;
ווי צעפּרילינגטע שטראָמען
ווערט אַ פרייד אויסגעזונגען.

מיינע ברידער, מיליאָנען —
אין אַ ים אויפגעשטורעמט, —
ס'ווערט געגרויסט זייער נאָמען,
און עס שפּראָצט זייער גבורה!

וואָלקנס...

זע, וואָלקנס און וואָלקנס, און וואָלקנס,
פאַנטאַסטישע קעפּ און פיגורן;
אַ חיה פון אויבן פאַרפאָלגט אונדז,
אַ חיה — מיט מענטשלעכער צורה.

געשטאַלטן אויך אַנדערע פליען,
אויף דר'ערד נישט געזען נאָך אַזוינע!
נאָר ערשטע משונהקע בריאה,
זי היט אונדז, די ערדישע, קליינע.

אונדז לאָקט אויך פאַרבאַרגענער אויבן,
דער פּאַלאַץ פון הייליקן וואונדער.
אַ וואָגן — געשפּאַנט מיט פיר לייבן —
צעטראָגט זיך אין פלאַמען געצונדן!

זיצט גאָט אין דעם וואָגן געפּאַנגען,
גערינגלט פון פליגל־מלאכים;
די לייבן — זיך רייסן און ראַנגלען —
זיי האָבן דעם וואָגן צעבראָכן. —

די פלאַמיקע שטיקער פון וואָגן
פאַרברענען די וואָלקנס, פאַרטרייבן;
געשריי פון געבורט און פון טאָגן
צעטראָגט זיך פון הימלשע לייבער.

און גאָט — אויף אַ ראָד אַנגעהאַנגען —
וויגט אום זיך אויף פלאַמיקער תליה.
זיין מאַכט איבער וועלט איז פאַרגאַנגען,
האָט זיין כעס איבער הימלען געשריען.

נאָר ס'האָבן געשפּאָט און געלעכטער
פאַרקלונגען גאָטס צאַרניקן ברומען;
מיט יום־טוב פאַר אַלע גערעכטע —
האָט זיבעטער הימל געטומלט.

און דאָרטן — ווי אונטן, מסתמא —
מוז אמת אַרויפשווימען אויבן.
אויף געטער קומט אויך אַ נקמה,
אין בלינדקייט פאַרלעשט זיך דאָס גלויבן!

דודס שטיין

מיינע וואָכעדיקע רייד
גייען באָרוועס אָנגעטאָן.
און ס'צעפּאַלט אויף זיי דאָס קלייד,
קאַלט, — און ליד שפּילט צאָן־אָן־צאָן!

נעם איך, ווען, אויף שפּאַס אַרויס
מיינע רייד אין יום־טוב־גאַס,
מיט דער באָרוועסקייט אַנטבלויזט, —
און די גאַס, — שרייט אויף פאַר כעס!

אייל איך קריק מיט מיינע טריט
וואו די מחנות גייען אום;
רויטער מאָן איז אונדזער בליט,
וואָס קאָן בליען אויף אָן זון.

רויטיקט קראַפּיווע די הויט,
בריט דאָס לייב פון מידן טאָג.
קליינע ברעקלעך ווייסע ברויט —
מענטש ווי שווערע משא טראָגט.

די מייל־שפּרונגען

אָן ווערטער — בלויז קלאַנגען,
די קלאַנגען — שטיל־שטילע,
אין האַרץ — אַ געראַנגל,
מיט זיג פאַרן ווילן.

וואו צווייפל — צעפּאַלונג,
וואו שוואַכקייט — פאַרברעכן;
אין גלויבן — צעשטראַלונג,
וואָס פליגלט דיך העכער.

אויב וואָרט — אַ ריין־ריינער,
מיט וואָרקייט פון ווידוי,
אונדזער וואָרט — ווי דודס שטיין,
פלינק, און אויסגעפּרובט צום פלי.
נישט פאַר אונדז צו ריידן שיין,
מיר — מיט אויסגעפליקטע קני! —

מיט שנאה צו קיינעם,
מיט ליבשאַפט פון ברידער.

וואָס טויג דער פאַרלויפן,
פאַרמעסט פון שוואַרצאַפּל? —
גענוג מיר מיין הויפן,
די הויך פון מיין שטאַפּל;

די מייל־שפּרונגען מאַך איך
אין טרוימען צעצונדן,
מיט העלער באַוואַכונג
פון שטראַליקן וואונדער.

מיינע לאַנען

איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען
אין גרין פון מיינע יאָרן;
איך האָב פון מיינע לאַנען
געריסן יעדן דאָרן.

פון טרייען גערטנער בעסער
דעם ווילדגראָז אויסגעשניטן,
געהייליקט האָט דער מעסער
דעם בוים מיט זיינע בליטן.

ווי צווילינגס פון געבאָרן
די בוימער־רייען שטייען,
און ס'האָבן זיך פאַרלאָרן
אַלייען אין אַלייען.

פון אַלע אָפּגעזונדערט —
געשטאַנען מיינע לאַנען,
ס'האָט איטלעכער באַוואונדערט,
וואָס זיי איז פרעמד דאָס וויאַנען! —

נאָר וואָס ס'קומט פון געבאָרן,
דאָס קאָן מען נישט פאַרמיידן;
האָסטו פאַרזייט אַ דאָרן,
וועסטו אַ דאָרן שניידן! — —

ווען איך האָב אויסגעראָטן
דאָס ווילדגראָז און די דערנער,
האָב איך אַליין פאַרטראָטן
אין שטויב געבליבענע קערנער.

זיי זיינען לאַנג געלעגן,
פאַרשאָלטענע, באַהאַלטן;
און פּלוצלונג — ווי נאָך רעגן —
די ערד גענומען שפּאַלטן!

און מיט אַ טויבן ווילן
געשפּראָצט און זיך געריסן;
פון כעס — נישט איינצושטילן —
דאָס פעלדער לייב צעביסן.

און מיינע ליבע לאַנען
געצערטלטע, געהיטע,
גענומען האָבן וויאַנען
פאַרדאַרט און אָפּגעבליטע.

1920

דער שם

ווער ווייס, צי איך האָב נישט פיל מאָל אויסגעפּלאַפּלט
דעם שם אין פאַרשאָלטענע רגעס פון היץ?
ווייל אָפט האָבן פלאַמען פאַרהילט מיין שוואַרצאַפּל,
און ס'האָט אין מיין אויג זיך דער הימל צעבליצט.

צי איז עס געווען אויפן וואָר, צי דעליריע —
מיין יעדער פאַרלאַנג — ווי פאַר גאָט איז געשען.
איך שפּאַן צווישן מענטשן אַרום אינו נראה —
נאָר פּוסט אַזוי ווערט, ווען מען האָט אַלץ געזען!

און אָפט, ווען מיך פלעגט די דעליריע באַפרייען,
פאַר ליכט האָט מיין אויג זיך ביז ווייטיק צעשפּרייט;
דאָך האָט מיך געצויגן צו פייער, צו פייער,
געברענט און געקלונגען — נישט ערדישע רייד.

און אפשר — דער גיהנום וואָס האָט זיך געעפנט
פאַר מיר נאָך ביים לעבן — שטראָף גאָט מיך פאַר דעם:
גאָט וויל נישט איך זאָל זיינע רעטענישן טרעפן,
און אָן זיין פאַרלאַנג נישט אַנטפּלעקן דעם שם!

1930

ניט באַזיגט

ניט באַזיגט זיך נאָך איך גאַנצן,
ניט באַזיגט.
נאָך ניט אַלע ווילדע פלאַנצן
אויסגעפליקט.

נאָך ניט אַלע וואונטשן קומען
מיר צוגיין.
און ניט יעדער וואָרט פון גומען
איז נאָך ריין...

ס'מאַניעט, בלאַנקט נאָך פאַר די אויגן
רויטער שיין:
און איך ווער נאָך צוגעצויגן
פון מיין פּיין.

1915

אין אַ שנייאיקער נאַכט

גאַסן ליגן באַגלאָזט
אין געשליפענעם אייז.
ס'פלעמלט בלוילעכער פראָסט,
מיט די צינגעלעך בייסט.

ס'יאָגט פון פנים אַ רויך,
ווי דיין גוף וואָלט געברענט.
די צעשטערנטע הייך
שוועבט אויף דיר אָנגעלענט.

רירט דיך ווייטעניש אָן,
קאַלטע בלענדעניש בליט.
לופט — באַרוישט, לופט — דערמאָנט,
און די פראָסטיקייט ציט.

פידלט פראָסט אונטער שוך
דין־געצערטלטע רייד;
ליפ צעפלאַמטע — פאַרזוכט
שפריצלעך אייז אָנגעווייט.

אַלץ אין שניי איינגעדעקט,
דאָרפיש דרעמלט די שטאָט.
ס'רופט דיך אייגענער שטעג,
וואָס עס שניידט אויס דיין טראָט.

שפעטע נאַכט — דו ווילסט זיין
איינאונאיינציקער וואַך.
שניי — האָט אייגענעם שיין,
שניי — צעבערגלט די פלאַך.

ווינט — צעקאָמט דיין געמיט,
גייסט אויף קישנס פון פרייד,
און דיין האָפענונג פליט
ווי אויף פויגל צעשפרייט.

און מיט בליאונג פאַרשמעקט
קווייטיק־שפרייטיקער פראָסט, —
נאָר ווי הונט מיך באַלעקט
אויפגעפראַלטער פאַרדראָס.

אויף שפּאַציר מיך דעריאָגט,
און עס ווערגט מיר זיין כעס;
אויף אים קלעטערט דער טאָג
מיט זיין האָרביקער לאַסט.

און ער רופט מיך צוריק,
און פאַרצאַמט מיר דעם וועג;
פאַרדראָס — וויל ניט קיין גליק
אין די היינטיקע טעג.

אין זיין האַנט — פולער קויש
שוואַרצע זאָרגן ווי פעך:
— זע, אויף האַרטן גערויש
שלאָפן היינטיקע נעכט. — —

און מיין פרייד שרומפיקט איין
אין אַ קראָט איינגעקנוילט,
און אין שנייאיקן שיין
טונקלט באַרגיקער גרויל.

ווערט מיר ענג ווייסע שטרעק,
יאָמערט שטילקייט פון חצות;
שרייט דאָס שריפט אויפן שטעג,
יעדער פוסטראָט — אַן אות.

און צעשטרייט — הין־צוריק —
טרעטסטו שנייאיקן וועג,
און עס קרייצן זיך טריט
וויזאָווי — אין געשלעג.

אויפן שניי שרייבסטו אויס
די מגילה פון היינט.
ס'ביילט אין וואָרט זיך דיין פויסט, —
אַ פאַרמעסט צו די פיינט.

ווי אַ פרעג־צייכן ליגט
דיין געשטעמפלטער טראָט.
קיינער ענטפערט צוריק,
דאָרפיש דרעמלט די שטאָט.

אַ האַנט איז געשטאָרבן...

אין מיין שאָפּ איז געשטאָרבן אַ האַנט,
און די האַנט האָט אַ מענטשן פאַרמאַגט,
מיט גוט האַרץ, מיט אַ ליבן פאַרשטאַנד
(קלאָגט, געצייג און מאַשינען, קלאָגט, קלאָגט!).
ס'האָט אַ פלאַקער, טויטס העלישער בראַנד
אים פאַרברענט אין איינאיינציקן טאָג —
געווען יונג איז דער מענטש פון דער האַנט,
(קלאָגט, געצייג און מאַשינען, קלאָגט, קלאָגט!).

זיין וועט מענטש פון די מענטשן באַוויינט,
פון זיין ווייב, פאָטער־מוטער און קינד.
צו אַ האַנט זיינען הערצער פאַרשטיינט,
און אַ צווייטע האַנט באַלד מען געפינט;
וויינט געצייג און מאַשינען, וויינט, וויינט.
נאָך דעם מענטש וויינט דאָס גאַנצע געזינד,
ס'ווערט נאָר האַנט מיט קיין טרער נישט באַווינט,
בלויז אין שויב גרויע כמאַרע הײנט רינט.

ס'האָט זיין מעסער דעם שאַרפשטיין געגלעט,
ביז דער שטאָל מיט געזאַנג פלעגט פאַרגיין,
יונגע מי אויפן קול האָט גערעדט,
און דער שטאָל האָט געגלאַנצט אויפן שטיין;
כ'זע נאָך איצט אין דעם גלאַנץ זיין פאָרטרעט,
ווי צעוויגט איבער טיש ער פלעגט שטיין;
אין דער מיטאָג־שעה ווערגט איצט די זעט
און אַ טרער הייס פאַראייליקט די ציין.

אין דער מיטאָג־שעה האָט אַלע טאָג
זיך די האַנט אין אַ מענטשן אַנטפּלעקט,
נאָר דאָס האַרץ זיינס האָט אים נישט געזאָגט,
אַז ער גייט באַלד אויף אייביק אַוועק;
קלאָגט איר, חברשע הענט, אייער קלאָג
אויף דער האַנט, וואָס ליגט טויט, אָן באַוועג,
ס'האָט די האַנט יונגן מענטשן פאַרמאָגט,
וואָס נישט אויסגעלעבט האָט זיינע טעג.

מײַן ליבער חבר, זאָג...

מײַן ליבער חבר, זאָג,
וואָס איז פֿאַראַן אין דיר,
אַז ווען די כּבֿוד־פּלאָג
פֿאַרשוימט דיך ווי ברוין ביר,
און אָפֿט צו שטות דיך יאָגט
אין יעדער אָפֿן טיר, —
דאָך זעלבער איך דײַנס טראָגט
אַ האָס צום כּבֿוד־גיר?

ס'דאַכט, איך דײַנס אין איין צייט
געהאַט וואָלט אַנדער איך,
וואָס כּבֿוד־פּלאָג פֿאַרמײַדט;
דער צווייטער שאָטנט זיך
אין פּראָסטער אײַנפֿאַכקייט;
זאָג, וואָס איז דײַן געזיבכט
אויף וואָר — די וואָס געשייט,
צי די אין שטילן ליכט? —

כ'זע, אין דײַן ברודער רימסט
זײַן שטיל־זײַן און זײַן רײַן,
און אוצרות דו געפֿינסט
אין אײנזאַם פֿון דעם שטיין
באַזוימט מיט מאָכן־גרינס;
לויבסט ברודערס אײנזאַם־גיין,
מיט ליבשאַפֿט אים באַשפּינסט
פֿאַר קאָנען זײַן אַליין.

צי ביידע זײַנען דײַן
אויף תּמיד אומצעשיידט? —
צוזאַם זיי מוזן זײַן,
ווי נאַקעטקייט מיט קלייד.
קלייד הילט דאָס הוילקייט אײַן,
ווען הוילקייט נאַקעט גייט;
אָט דורשסט נאָך כּבֿוד־שײַן,
אָט גאַרסט נאָך שאָטן־שפּרייט.

אין הײַנטיקער וואָר

אין הײַנטיקער וואָר,
נאָך מײַן זעכציקסטן יאָר,
טרעפֿט אַמאָל, מיר דאַכט:
כ'קום ערשט פֿון מוטער־טראַכט
אין דער וועלט אַרויס,
און ניי קוקט אַלץ מיר אויס
אויף נײַער שוועל;
דעם מלאך'ס פֿינגער־שנעל
באַפֿײַערט מײַן אײבערשטע ליפּ...
און ערשט געשריי איך גיב
פֿון מלאך'ס וויי־מיר־טאָן.

קיין קענטעניש דערמאָן
פֿון הימל נישט געבראַכט,
די חכמה פֿון זיבעציק שפּראַך
מיט מלאך'ס שנעל פֿאַרשוואונדן;
אויף ס'ניי כ'מוז דורכגיין אַלע וואונדער
פֿון ייִדיש־פּלאַפּל־וואָרט
אויף מאַמעס ברוסט געקלאָרט,
פֿון ליבן קינדער־לאָר
ביז דעם מאַן פֿון הײַנטיקער וואָר,
מיט איר גאַנצער חבֿלי־לידה
פֿון דעם ערדישן גן־עדן...

אַלכעמיע פון וואָרט

האָב פאַרשפאַרט זיך אין אייגענער הייל,
און געזוכט די אַלכעמיע פון וואָרט.
אין אַטאָמען די ווערטער צעטיילט,
און דערנאָך זיי אין מינים געפאָרט.

האָט אַטאָמען־געשטויב אין דער לופט
זיך געזיילט ווי אַ מדבר־סאַמום,
ביז דאָס וואָרט האָט געקראָגן אַ גוף,
און דעם פייער — פון ברעניקער זון.

לייכט מיין הייל מיט אַ פונקען־געשפריי,
ווי מיט לעבעדיק דראָט אויסגעלייגט;
פון נאָך קיינמאָל געשריענעם וויי, —
צוקן נערוון מיט באַקעטן אויג.

און פון יעדן געבוירענעם וואָרט
ווערט אַן אַנדער גערויש אין דער לופט,
די, וואָס זיינען נאָך ווייניק געקלאָרט,
ווערן ווידעראַמאָל אויסגעפרואווט.

אַטאָ גליט — אַ פילפאַרביקער שטראַל,
אַטאָ איילט זיך — די קורצע מינוט.
יעדער וואָרט — מיט זיין שאָטן־
געשטאַלט,
רויטער פייער — ביים אויפגליִ פון בלוט!

לעבן — לאַכיקער פלאַטערט געקלאָרט,
ים — צעפלייצט זיך אין כוואַליקער
ברייט,
אַ געשריי אַ פאַרצוקטער ביי מאָרד,
אַ מוראַשקענע שטילקייט ביי טויט.

כ'זע, דאָס וואָרט איז ניט
גרודיקער ליים,
וואָס דערוואַכט אונטער פינגער־
געקנעט.
וואָרט באַשאַפט דעם באַשאַפער אַליין,
און מאַכט לעבעדיק דעם, וואָס עס
רעדט. —

וואַקסט מיך איבער מיין אייגענער צאַם,
דאָס געשען — איבערשטייגט מיין
פאַרלאַנג.
זען דאָס וואָרט ביי זיין אורערשטן
שטאַם,
הערן גאַנג פון דערוואַכטן געדאַנק.

ערשטע ווערטער — נאָך קיינמאָל גערעדט,
ווי אויף שניי — ניט פאַרשריבענע טריט;
יעדער וואָרט — אין זיין הוילן סקעלעט,
ווי אַ ווילדפלאַנץ נאָך פאַרן געבליט.

מיט אינסטינקט ווי פון אורוואַלד אַרויס
שפרייזט דאָס וואָרט נאָך אויף
מיידלשן פעלד,
ווי אַטאָם, ווען זיין קראַפט ווערט
אַנטבלויזט,
איז ער גרייט צו צעטרייסלען די וועלט!

מיין ווערטער־פאַרמעג

כ'קוק אַדורך־ווען מיין ווערטער־פאַרמעג,
נישט דערפאַר כ'זאָל מיין רייכקייט דערזען,
(ס'האָט מיך קיינמאָל צו רייכקייט גערעגט,
אויך ווען רייך איך אַליין בין געוועזן),

נאָר כ׳וויל זען פון די ווערטער דעם וועג,
וואָסער וואָרט ס׳האָט געהאַט מער פאַרנעם,
וואָסער וואָרט ס׳האָט צו מיר זיך אַנטפּלעקט
מיטן דורשט פאַרן פייער פון שם.

און כ׳וויל זען יעדן ווערטער־געדאַנק,
וואָס האָט וואָרט אַלץ געזוכט, אַלץ געוואָלט?
איינער גייט אַזוי שווער אין זיין גאַנג,
ווי אַ פּועל פון יאָך זיינס געזולט;
איינער וויגט זיך אין קלאַנגיקן קלאַנג,
איינער — טרויערניש טרויעריק מאָלט,
איינער צייטיקט מיט גלויביקן זאַנג,
איינער — צינז פאַר דער גאַנצער וועלט צאָלט.

און מיין ווערטער־פאַרמעג איך באַטראַכט,
אויף מיין האַרץ־וואָג די ווערטער איך וועג;
אַלע האָבן זיי נוץ מיר געבראַכט,
אַלע האָבן באַגלייט מיר מיין וועג;
כ׳האָב דעם מינדסטן נישט מינדער געמאַכט,
יעדער וואָרט האָט געדינט מיינע טעג,
און געחלומט פאַר מיר אין דער נאַכט,
און באַגין מיט גוט־מאָרגן געוועקט.

היינטיקע ווערטער!

אין די מאַסן־שחיטות אויף יידן אין פּוילן ווערן טויזנ־
טער יידן מיט איין מאָל אויסגעהרגעט. פון זייערע קער־
פּערס מאַכן די נאַציס פעלד־מיסט, פעטס און שטיקער
זייף. די רוצחים האָבן דערפונדן אַ מיטל, וואָס דער־
הרגעט הונדערטער יידן אין אַ רגע.

(צייטונגס־באַריכט, באַשטעטיקט פון
דעם סטייט־דעפּאַרטמענט)

אַט־אַ דאָס זיינען היינטיקע ווערטער,
און זיי גליען אין תפיסה פון גומען,
הלוואי גייען זיי אויס ניט געהערטע,
אַז זיי זאָלן אויף אייביק פאַרשטומען!
אַ שטיק זייף — גאַנצער יידישער קערפּער.
און אין פעלד־מיסט צעוויינט זיך מיין אומה!
ייד צעשטויבט זיך אין לענדער צעשטערטע,
ייד — שטיק זייף צו פאַרוואַשן וועלטס טומאה!

זיצן נאַצישע בייזע חכמים
און שטודירן די רוצחישע לערע,
זייער גרויליקע קונסט פון פאַלקאָמען,
הונדערט יידן אַ רגע פאַרצערן!

מע צעפּליקט אונדזער לייב אין אַטאָמען,
און מע פּרואווט אויף אונדז אויס ווי אויף ווערים...
און מע היט, פון די בלוטיקע שטראָמען
זאָל אַ טראָפּן פאַרלאָרן ניט ווערן!

יידן ליגן צעשעגדטע, צעשונדן,
פאַר די נאַצישע בליקן די טמא;
טויטער ייד ווערט אין שטאָפן צעזונדערט,
יעדער שטאָף מיט אַן אַנדערן נאָמען.
אין אַ סלאָי ליגט אַ ייד־הארץ רויטוואונדיק,
אַ צעווייקטע אין שאַרפקייט פון בראָמען;
איינער שרייט אויס פון צאָרן צעצונדן:
— אָ, עס לעבט נאָך פאַרפלוכטנס נשמה!

אויפן סלאָי־דנאָ, אין בראָמישע לויגן,
ליגט דאָ ייד־האַרץ אַ לעבעדיק־וואַכע;
אָטאָ האָט זיך דאָס ייד־האַרץ באַוויגן,
און עס יאָגט אויף די רוצחים אַ פּחד!
פרישע הויט האָט די רויט־הויט פאַרצויגן,
און די לעכער אויף לייב זיך פאַרמאַכן.
פאַר זיי גליען אויף יידישע אויגן,
וואָס פון סלאָי־דנאָ מיט שפּאָט אויף זיי לאַכן...

„פיל איר וועט ניט צעשטויבן יידס גלידער,
און אויף לייבער דעם ייד־זייף צעשוימען —
מענטשלעך בלוט וועט ניט אויפהערן זידן,
פאַר די טויטע, פאַרשטיקטע אין דומם.
בלוט וועט וועקן גערעכטיקייט־מרידה,
אויף אייך אָנרוישן פינצטערע אימה.
איר וועט קיינמאָל ניט זיין מענטשנס ברידער,
און פאַרבלייבן וועלטס אייביקער שונא!”

דאָס געלעכטער פון די יידישע אויגן
האָט די רוצחישע שטאָלצקייט צעבראָכן,
און מיט חוזק אַנטקעגנגעפלויגן
צו דעם פּרצוף פון זייער נצחון.
דאָס געלאַך האָט זיי שפּאָטיש געבויגן,
געמאַכט קניען פאַר אונדזער בטחון.
אין דעם ייד־האַרץ, פון בראָמישע לויגן
לעבט נאָך אַלץ אייביק־מענטשלעכע ברכה!

מורא קניטשט אין די רוצחימשע שליפן,
און די מיילער צעשוימט פון רציחה;
זייער טריאומף אין וואנזין געכופלט —
איצטער זעען זיי היגטיש אים קריכן...
טויטע יידן — געפורעמטע זייפן,
אויף צו וואשן די לייבער און טיכער —
ס'וועט דער ריח זיי יאגן פארצווייפלט,
און פארסמען דעם זאפט פון די דיכן!

נשמה־ליכט

אַ, גיין, ס'קומט אונדז קיינעם
קיין רו ניט,
(און אויך ניט דיר קומט רו אביסל);
אַ זינד, וואס דאס הארץ נאך זויגט,
ווען וועלט ווערט אין חושך צעריסן.

אַ זינד, וואס מיר קוקן ווי קינדער,
ווען טויט רייסט אוועק זייער נענטסטן;
זייער קינדער־שפיל ווערט קוים
פארמינדערט,
כאטש נשמה־ליכט ברענט נאך
אויף פענצטער!...

מיר פארגיבן קינדס לוסטיקן שמייכל,
קינד באגרייפט ניט פון שטארבן
דאס גורל, —
ס'זויגט ווי חיה דאס קינד זיינע
כוחות,
און ער ווייסט ניט פון צער און מורא.

אבער מיר טארן רו איצט ניט מאנען
פון וועלט — אויסגעווארצלט,
צעגלידערט;
אונדז רופן מיליאנען, מיליאנען,
צו יאמערן פאר זיי זייער ווידוי.

אַליין

פיל מאל, איך זיץ אליין,
פון אלץ ארויסגעטאן,
כ'לאז די געדאנקען גיין,
ווי ס'גייט מיך גאר ניט אן;
איך קוק אין זייער רוים
און הער זיך זייער שטראם
אין אנקום און פארגיין,
ווי אין א ווייט דערמאן.

אט פיל איך זיי גאר נאנט,
אט גייען זיי אוועק,
ווי פרעמדער טייכל שטראמט
אויף, דאכט זיך, פרעמדן ברעג;
געדאנקען מיר באקאנט
פון, דאכט זיך, נאנסטע טעג,
נאר כ'וויל נישט זיין דערמאנט,
און כ'וויל נישט זיין געפרעגט.

בלויז ווען געדאנק פארלירט
זיין זיכערקייט אין קול,
ווי ביי א פרעמדער טיר, —
וועקט אויף זיך גלייך מיין עול
פון וואכיקייט אין מיר,
כ'ווער וואך ווי אלע מאל,
ווען צווייפל גיט א ריר,
צי ברעכט זיך וואו מיין שטאל? —

נאר כ'וויס, מיין שטאל, איין שטיק,
וועט זיך קיין בויג נישט טאן;
און באלד בין איך שוין קריק
פון אלץ ארויסגעטאן,
כאטש ס'הענגט געדאנקען־בריק
אויף פנים פון דעם שטראם,
וואס איז פאר מיר צעוויגט
ארויף־אראפ א תהום.

צער פון צען געבאָט

ניטאָ קיין ליד שוין מער,
פאַרוועלקטער וואָרט־געזאַנג!
ס'איז וואָרט צעפלאַצטע טרער,
וואָס רינט אַראָפּ אָן קלאַנג.

ס'איז וואָרט היינט מענטש־געשריי,
צעברויזטער צאָרן־רוף,
איז לעבעדיקער ווי
אויף אויסגעשטרעקטן גוף.

און ווער ס'פאַרגעסט היינט ניט
דעם צאַרטן מוזע־שויס,
איז טעמפּ — ער פּרעסט דאָס ליד
ווי וויכן לעבער־פליש.

און ס'שפּראָצט ניט וואָרט אַרויס
פאַר אים ווי גראָז פון דר'ערד,
און ס'האָט דער וועלט־געררויש
אים גאָרנישט־ניט צעשטערט!

היינט שפּאַן אין יאָך דיין וואָרט
און גיב אים מענטשן־לאַסט,
גיב וואָרט דעם גרויל פון מאָרד,
און ביטערקייט פון האַס.

זיי, וואָרט, ווי מענטש פאַרגלאָזט
אין שונאס חיה־הענט;
זיי, וואָרט, דאָס קברים־גראָז
פאַר די פון טויט פאַרלענדט.

זאָל וואָרט, ווי מאַן אין קריג,
שטיין נאַקעט אין זיין שרעק;
און אין זיין שטאַרן בליק —
זיין וועלט, וואָס שטאַרבט אַוועק.

זיי, פּוסטע הויז־געזינט
צו וויסטעניש געווענדט —
געשריי פון מאַמע, קינד,
און לעצט־צעשטרעקטע הענט!

זיי, ריינע מיידל־לייב
מיט סוד פון וועלט און שטאַם,
און איר געשריי, וואו ס'שרייט
די ווייסקייט פון דער לאַם.

דאָס וואָרט מוז זיין געלאָדט
מיט סם פון גאָר דער וועלט,
מיט צער פון צען־געבאָט
אין קעלערן פאַרגעלט,

צום לעצטן מאָל געהערט
אין קרבנס אויסגעשריי —
איצט ליגן זיי אויף דר'ערד
מיט טויטן שם אויף זיי.

דאָס וואָרט מוז האָבן אַלץ,
וואָס קראַנקע וועלט פאַרזייט,
מיט גרויליקייט געהאַלדזט
פון אומגליקס הענט צעשפּרייט.

נאָר גיב אים אויך דאָס גרוי,
וואו ס'רייסט זיך דער באַגין
דיין וואָרט גיב טראָפּן־טוי,
און גיב אים יונגן גרין,

וואָס שפּראָצט פאַרשייט און פריש
אויף אויסגעריסן פעלד
פון טאַנקען־ראָד פאַרוויסט.
באַווייז אים יעדן העלד,

דעם טויטן און וואָס לעבט,
פאַרוואונדיקטן און ניט;
באַווייז אים שטראַלן־טרעפּ
צו זיגער־זון צעגליט.

טרינק אָן אים מיט די רייד
וואָס ברויזט אויף יעדנס ליפּ,
די שלום־רייד און פרייד,
וואו טויט האָט אויסגעהיפּט.

און גיב אים האַמער־קלאַפּ
און גיב אים רידל־ברום,
און בויאונג־דורשט, וואָס כאַפּט
איצט נייע וועלט אַרום.

און ברודער־פרייד פאַרוועב —
דער וואונדערלעכסטער קלאַנג —
וואָס אייביק, אייביק לעבט,
און גליט אין מענטש־געזאַנג.

אַ, ברודער־פרייד! — די גאָב
וואָס ווערט אונדז אָפּגעצאָלט
פאַר לעבנס און פאַר האָב
אין ראַד פון קריג צעמאָלט!

און פרייהייט שטילט און גלעט,
גלייכט אויס וועלטס קראַנקן גוף,
ס'גייט אויף ווי טוי די זעט
און צו איר סעודה רופט.

די פרייהייט — שוועסטער־פרייד —
מיט ברודער שפּאַנט ביינאַנד;
ווער נאָך מיט ליבשאַפט גייט
זיי נאָך פון לאַנד צו לאַנד? —

ס'איז טויטן ברודערס טראָט,
אויף וועמעס לעב און לייב
ס'האָט קריג געדרייט זיין ראָד, —
ער שאָטנט זיך ביים זייט.

באַקוקט אַלץ און באַמערקט, —
ווי אַלע נאָכן טויט, —
ער זעט אונדז און ער הערט
די וואָרע, פאַלשע רייד.

ער זאָגט צו זיך: „ס'איז גוט
צו שטאַרבן פאַר אַ זאַך;
אַ, ס'נעמט זיך אָן דאָס בלוט,
פאַר פרייהייט־גליק געבראַכט!"

ער קוקט מיט ליבע־גלי
אויף אונדזער פליכטן־באַרג,
בענטשט פרוכט פון ברודער־מי,
אַז האַרץ זאָל זיין געשטאַרקט.

נאָר זאָרג הילט דעם געמיט,
פאַרוועלקט ווערט וואָרט־געזאַנג,
דאָס וואָרט איז פול מיט טריט
פאַרשניטענע אין גאַנג.

ניו־יאָרק, אויג. 15, 1942.

אַ שויב אין וואַנט פון צייט

מיין וואָרט, מיין לעבן ביסט,
מיין וואָרט, — מיין דרייסטע טאַט,
פיל ביטערניש דו זיסט,
משופּע־וועג מאַכסט גלאַט!
צעגרינט האָסטו מיין וויסט,
וואָס האָט קיין גרין געהאַט,
מיט אותיות דו באַבליסט
דעם ליידיק־ווייסן בלאַט.

דאָס שטומע ווייס פּאַפּיר
האָסט ריידעוודיק געמאַכט,
די אותיות אין פאַרוויר —
האָסט פון פאַרוויר דערוואַכט.

פון שווארצן נאַכט־קאָליר
האָסט טאָג־ליכט מיר געבראַכט,
געעפנט האָסט אַ טיר
פאַר מיר אין מענטש־געדאַכט.

מיין וואָרט — די בלויע טויב,
פון טורעמס טויבענשלאַג, —
צו זיין אַ ליכטיק שויב
אין וואַנט פון צייט דו וואַגסט;
פון דונערס ניט פאַרטויבט,
ניט בלינד פון בליץ־זיגזאַג, —
דו וואַרעמסט אויף מיט גלויב
אויף ראַנד פון שאַרפסטער האַק.

אין פורעם ליגט דער סוד

ס׳פיר שורה׳ק ליד מײַנס כ׳האָב
פאַרביטן הײַנט אויף אַכט,
מיט וואָרט־שפּיל ליד מײַנס גראָבט
אין הייל פון ווערטער־שאַכט.
דעם אָטעם ציט ניט אָפּ,
נאָר טיפער וועג זיך מאַכט
דורך שטעגלעך, נאָך פאַרשטאָפּט,
צו אוצרדיקער פּראַכט.

און יעדער גראָב אַלץ פּרוּווט
דאָס ניט געפּרוּווטע נאָך,
דערפילסט אַ גראַמע לופט
פול מיט געפליגל־פּאָך;
און אַט אַ קול דיך רופט —
דאָס רופט דערגרייכטער תוך:
האָסט מיך מיט גוף באַגופט,
דערלייזט פון שטומקייט־יאָך.

ווען תוך באַגופטער רעדט —
מיט נײַקייט גיט אַ בליץ,
מיט פרישן טראָט ער טרעט,
פריש וואָרט אויף צונג־געשפּיץ.
אַלץ פריש, וואָס וואָרט דערזעט,
אַלץ ניי פאַר אים איז איצט,
אין ערשטקייט אַלץ געשעט,
מיט ערשטן טוי באַשפּריצט.

אין פורעם ליגט דער סוד
פון ווערן אויסגעשטאַלט,
דורך שטורעמס האַגל־שאָט
אויף פורעם־צייכן שטראַלט.
מיט פורעם־פּראַכט געלאָדט
איז בלענדיק שניי וואָס פאַלט
פון בערדיק ווייסן גאָט
אין וואָלקנדיקן וואַלד.

אויף נביאס ווייטיק־רייד
צום פאָלק, פון בראָך פאַרצערט,
דורך פּיין פון פורעם גייט,
אין אים צעשמאָלצן ווערט.
וואָס ס׳גייט דורך פורעם־לייד
אויף בלייבן ווערט געבערט,
די פורעמקייט אַנטשיידט,
צי וואָרט זאָל זײַן באַגערט.

ס׳אַכט שורה׳ק פורעם־ליד
מײַן וואָרט מאַכט זוכיקער,
עס גיט אים מערער טריט
צו נאָכגיין זײַן באַגער;
איז פריי — באַטש צוגעשמידט,
איז לייכט — כאָטש משא־שווער,
ס׳וויל ווערן אויפגעגליט,
שטאָט לעשן זיך אין טרער.

מײַנע רייד — נישט גערעדטע

מײַנע רייד — נישט גערעדטע
אין דעם שאַפּ אַלע טאָג, —
ביי דער נאַכט ביי מיר בעטן:
— „רעד אונדז איצטער און זאָג,
מיר, ווי דו, אויסגעשפּעטע
אין דעם טאָגיקן יאָג, —
מיט דײַן גומען אונדז זעטיק
איידער טאָג נײַער טאָגט.

בײַטאָג ריידן די חפצים
אין דעם שאַפּיקן רויש,
אין גערויש אַ פאַרפלייצטער,
זיך אַליין רווישסטו אויס.
אַרבעט שפּאַנט אָן די לייצעס,
לאָזט אַ רגע נישט לויז,
ווייסע חלה אַ מוציא —
זון פאַר דיר זיך אַנטבלויזט.

פון בייטאָגיקע שטראַלן
אין די אויגן בלויז שניידט,
ווי די פליגן באַפאַלן
יעדן בלויז פון דיין לייב;
איז נאָך גוט, וואָס נישט גאַליק
דער געמיט דיינער בלייבט,
און די צוויפל־שאַקאַלן
פון דיר שטענדיק פאַרטרייבט!

צינד אַליין אָן דיין הימל
מיט דיין נאַכטיקער זון,
זאָל איר ליכטיקער שימער
העל באַלייכטן אַרום

אַלע חפצים אין צימער;
און דיין וואָרט — טעגלעך־שטום,
גיב אים קריק אָפּ דיין שטימע,
פיל אים אָן מיט דיין זשום.״ —

מיינע ווערטער, איך דאַנק אייך,
איר צעהעלט אין מיר פרייד,
איר דערלאָזט נישט פאַרצאַנקען
די פאַרשוויגענע רייד,
מיט פאַרזייטע געדאַנקען
איר אַנטקעגן מיר גייט; —
אָ, צעבליט זיך, צעשלאַנקטע,
אויף דער ערד פון מיין בייט!

פאַרזיי דעם מענטשן אומעטום

דו שטעל דעם מענטש אַוועק
אויף דיין נאַטור־געמעל,
מער פראַכט ווי זון־געפלעק
גיט צו דאָך מענטשן־זעל;
די העלסטע רחבות־שטרעק
מיט מענטש־פאַרב ווערט מער העל,
מענטש טרעט אויף גרינעם שטעג
צו אַ גן־עדן שוועל. —

ווייל כ׳גלויב אין מענטש אַזוי,
ווי אין שטיק שוואַרצער ערד,
כאָטש דאַרנדיק און רוי,
דאָך הערלעכקייט געבערט;
דעם מענטשנס הארץ איך טרוי,
וואָס מיט זיין בייז זיך ווערט,
אין אויג זיינס העלט אַ טוי
מיט מענטשן־פיין באַטרערט.

אַ מענטש אין פרעמדער וויט
מיט פרעגנדיקע טריט —
זיין בליק די שטרעק צעשניידט,
זיין שיין צום רוים דערגליט;
דעם הימלס קאַלטער זייד
צוקט אויף פון בליקן־שניט,
וואָלט זיין דען אייביקייט,
ווען מענטש באַפרוכפערט ניט?

פאַרזיי דו נאָכאַנאַנד
דעם מענטשן אומעטום,
זיין פולע פינגער־האַנט
מיט פרייד נעמט אַלץ אַרום;
עס וואָרט עקרה־לאַנד
אויף טראָט פון מענטשן־זון,
דעם מדברס ווירבל־זאַמד
פון מענטשן־טראָט ווערט שטום.

ווי אַ פויגל אָן אַ ליד

איז מיר דען צופיל גוט,
וואָס לאַנג שוין שוויגסט, מיין ליד,
ווי וואָרט אין פוילקייט רוט,
פון וואוילקייט איינגעמידט? —

אָ, ס׳איז נישט אין מיין בלוט
אַ רואיקער געמיט;
ביסט שוין, מיין ליד, קאַפּוט?
האָסט זיך שוין אויסגעלידט? —

צי האָט דער מי־גערויש
מיין וואָרט ווי שפּין פאַרשפּינט,
און לאָזט אים נישט אַרויס
צו לידערישער זינד?
און רוישט מיר נאָך אין הויז
ווי זלידנער וואָי פון ווינט,
פאַרשרייט מיין ווערטער־ברויז,
מיט שווייגן אים באַצווינגט? —

מיין וואָרט, מעגסט שווייגן, שווייג!
מיין ליד, זיי אויסגעלידט!
נאָר נישט אין וואוילקייט־שטייג
זאָל אויסגיין דיין געמיט;
פאַרגיי אויף מיין געצייג,
וואָס פון מיין מי צעגליט, —
ווי פויגל אויף אַ צווייג,
וואָס האָט קיין ליד שוין ניט!

פאַר אַלע פינגער מיינע

ווען מי ווערט פרוכפּערדיק
פאַר אַלע פינגער מיינע,
אַזש האָנט מיינס זינגט פון גליק
און ראָז די נעגל שיינען;
דאָך נישט, ווייל ברויט דאָס שטיק
פאַרענטפערט אַלע פּיינען,
נאָר ס׳פרייד אין מי וואָס ליגט,
ווען פינגער מיאיק זיינען.

געקלאָרט ווערט מיין געדאַנק
אין רויש פון מי־געקלאַנגען,
ס׳ווערט זיכערער מיין גאַנג
אויף אָט די יאָכן־שטאַנגען;
מיין שענסטער ווערטער־זאַנג
אין זיי ווערט אויפגעגאַנגען,
און כ׳טרינק נאָר דעם געזאַנג
וואָס אין דעם יאָך זיך ראַנגלט.

ווייל ס׳ברענט אין מי דאָס ליכט
פון אַלע מענטשנס יאָכן,
אין שיין ווערט אויפגעריכט
דער גרוילסטער אינדערוואָכן;
די מיאיקייט פאַרריכט
דעם באַרג מיט ברוך צעבראָכן,
ס׳איז פרוכפּערדיקע דיך
פון קומיקן נצחון.

ווען מי דאַרט איין פאַר מיר,
און ס׳קלעקט נישט אויף איין פינגער,
די יאָך האַלט־צו איר טיר,
און כ׳הער נישט רויש־ליד זינגען,
דעם נאָגלס ראָז־קאָליר
פאַרוועלקט אין געלע רינגלעך,
געדאַנק ווערט שווער אין מיר,
ווען יאָך אין מיר ווערט גרינגער...

טויזנט צינגער

טויזנט צינגער האָט דאָס וואָרט.
מיליאָסן ווערטער — צונג.
וואָרט און צונג — צונויפגעפּאָרט,
ווי בלויער שטאָל און קלונג.

וואָרט — ווי מענטש איז לעבעדיק,
ווי מענטש — אי ריין, אי שלעכט, —
וויפל מאָל ווייגט וואָרט דערשטיקט
פון פוסטן רייד־געפּעכט.

וואָרט — פאַרפּוצט אין שרייאיק קלייד,
אַמאָל — ווי טוי אויף גראָז;
ווען אייביק — וואָרט באַגלייט,
און דעם — ביים וויג פאַרלאָזט.

שטומקייט גאַרט נאָך ווערטער־קול,
נאָך שטומער צעל — גאַרט וואָרט,
ס׳ווערט אין קלעם פון ברודער־עול
דער שענסטער וואָרט געקלאָרט.

„שטרומאַ"

א

שטרומאַ! — וואָרט צעריסענער פון צאָרן־שטורעם
צעפּייניקטע אותיות — דערוואָרגענע — ריידן,
און דערציילן פון מיינע ברידער אָן אַ קבורה,
אויף גרונט פון ים — אַ יידיש וואָגלענדיקע עדה...
פאַרוואָס ביזטו געשטראָפט צו ברענגען וויסטע בשורה
פון דערטרונקענע ברידער אין זייערע וואָגל־קליידער?
די זיבן הונדערט פּופציק נפשות איינגענורעט
אין איין קרבן־קנויל אויף דער אָפּגרונט־עקידה...

איז דאָ אַן ערן־צינז, וואָס איטלעך פאָלק מוז צאָלן
מיט בלוט פאַר זיין מלחמה קעגן קנעכטונג?
נאַטור שטעלט צו פאַר טאַנקען די מאָס פלייש צו מאָלן
צו באַפלאַסטערן דעם וועג אויף אייביקייט גערעכטיק?...
דער מוז פון דער נאַטור — אַז מענטש זאָל טראָגן אירע עולן,
און ווירדיק האַנט צו האַנט פאַר אירע קריוודעס פעכטן! —
דאַן פאַלט אויף גאַנצער וועלט די בייזע שטרומאַ־קללה,
צו לאָזן שטאַרבן זיי אַ טויט אַזאַ פאַרשווועכטן!

עס יאָגט פון דיר מיט נאַסן חושך — שטרומאַ!
דיינע אותיות פאַטשן חרפּה אויף וועלטס פּנים.
זיבן הונדערט פּופציק לייבער אָן אַ תקומה,
ווי מויערקעפּ טיף רוישן זיי אַרויס פון אַלע תהומען.
וואָס ווייסן מיר דען, ווי זיי זיינען אומגעקומען,
און וואָס עס האָט גערופן זייער לעצטער יאָמער?
איך זע די מויערקעפּ צום ברעג אַרויפגעשוואומען,
און אין מיין אויער רוישן זיי: נקמה.

ב

דער ברענענדיקער רוף גליט אויף אין דיר מיט פלאַמען,
נאָר ווילסט אין זיך אַליין דערשטיקן די מרידה:
ניט פאַר רשעות האָט פאַרשטעלט בריטאַניע אונדז די ימען?
ניט איר אכזריות־האַנט האָט הילף פאַר אונדז דערווידערט?...
נאָר ווי אין פאַניק־רגעס — אַ פאַרלוירענע מאַמע,
וואָס לאָזט אַ ווייל אויף הפקר אירע קינדער איבער? — — —
ווער קאָן דאָס שטענדיק משפטן ווי שמאַי?
ווי הלל דאַרף מען זוכן זכות אויף ברידער!...

פאַר די דערטרונקענע — איז אויסשפּרייט פון אַ פאָלק געהאַנגען,
און זיי באַגלייט אין טויט־פאַרשלאָסענעם שוואַרצאַפּל;
ווען לעצטער ייד האָט שוין מיט אַפּגרונט זיך געראַנגלט,
האָט אַ כוואַליע־טרעפ ארויף — נאָך אַלץ פאַר אים געשטאַפּלט...
אַ גאַנץ פאָלק — אויף כוואַליע־רוקנס אַנגעהאַנגען,
אויף יעדער כוואַליע־הויב — אַ מענטשנס לעבן צאַפּלט...
— —
— —
שטיק ערד מיט אויסזען פון אַ לאָם אין בלוט פאַרגאַנגען, —
פאַר שכר וועט אפשר בערגלען זיך אויף פרייער מאַפּע!...

1942

די אַמאַליקע לאַטע די געלע...

די אַמאַליקע לאַטע די געלע,
אויף מיין עלטער־עלטער זיידנס רוקן, —
האָט זיך ווידער איצט גענומען געלן,
און מיט קראַנקע, טוכלע בליקן אויף מיר קוקן —
פון זיך וואַלגערן אין פייכטע קעלערס...
יענער צייכן פון אכזריות און פאַרצוקונג,
בייזער אַפּצאַם פון מיין זיידנס שוועלן, —
איצטער קלעטערט אויך אויף אונדזער רוקן!

געלע לאַטע, שונאס אַפּלאַך־מיטל, —
אונדזער לייב האָט דיך מיט שאַנד געטראָגן,
חרפה האָט אויף אונדז אַרומגעריטן;
אונטער בייטש פון שפּאָטנדיקן האָגל
האָט געקייכט דעם שונאס האַרטער ביטול,
און דעם שטאָלץ געוואָלט אין אונדז דערשלאָגן,
וואָס גליט אויף צוזאַמען מיטן ציטער,
ווען מיר פאַלן פון די טריט אין וואָגל.

געלע לאַטע, ביסט סימבאָל פון אונדזער גבורה,
ביסט דער פּרוואָושטיין, אייביקער נסיון,
ביסט די וואָרנונג פון וישמן ישורון,
כאָטש דו קריכסט אויך איצט אויף רוקן פון די גוים! —
שווער די לאַסט פון חרפה און יסורים,
טויזנט־אויגיק ברענט אויף לייב דער לויער;
און עס ווינטיקט שרעק אויף אונדזער צורה, —
נישט פאַרלענדן וועט אונדז דער בזיון!

ס׳ווערט די חיה מיט איר שוץ־אינסטינקט געבוירן,
ס׳רייסט זיך לעבן — פלאַנץ אין פעלדזן־שפּאַלטן.
אויך דער האָז — אין דינער הויט פון מורא —
ווייסט זיך ווי פון שונא צו באַהאַלטן.
איבער אונדז העגנט שטענדיק שאַרף פון לעצטער ברירה,
נאָר ס׳פאַרשטעלט אים דער בטחון אַ צעשטראַלטער,
ס׳האָט דער גלויבן מיטגעשפּאַנט מיט אונדז דורך דורות,
וועט ער ווידער נאָך די זון פאַר אונדז פאַרהאַלטן!

די זון וועט שיינען הייגטיקס זומער...

די רייד, וואָס איך וועל איצטער זאָגן,
די באַלד שוין מוסרדיקע רייד,
זיי קומען ניט אַ יחיד שלאָגן,
דער פאָרוואורף פאַר אונדז אַלע גייט.
אויך איך די קלעפּ אויף זיך מוז טראָגן,
און כ׳טאָר ניט זיין דאָך אָפּגעשיידט, —
איך וויל אונדז אַלעמען פאַרקלאָגן:
פאַר לאָבן זיך אַצינד מיט פרייד!

די זומער־זון האָט אויפגעעפנט
פון פוטער־פאַס דעם שטראַלן־שפּונט,
פון שוואַרצער ערד שפּאַרט פולע שפע,
ווי פאַר געבורט פראַלט אויף
איר גרונט.
דאָך ווער וואַגט איצט פול פרייד
זיך טרעפן
מיט פולער פריידיקייט באַזונט?
ווער וואַגט איצט זוכן גרעסטן לעפל,
ווער וואַגט איצט וועלן גאַנצן פונט? —

אבלים זיינען מיר דאָך אַלע,
אויך די אָן מת אין אייגן הויז, —
שוין צופיל מענטש פאַר גליק געפאַלן,
פאַר גליק — אויך ווי גן־עדן גרויס!
ס׳ווערט קיינמאָל ניט דאָס גליק
נתעלה,
וואָס חורבן רייסט פון לעבן אויס,
אַ מענטש איז ניט ווי זון אין שטראַלן,
וואָס אַלע טאָג שטראַלט גלייך אַרויס!

די זון וועט שיינען הייגטיקס זומער,
זי מוז באַשטראַלן אונדזער זיג, —
די זיגער — זיגרייך וועלן קומען,
און די — וואָס קומען מער ניט קריק! —
זי וועט אויך שיינען אויף די מומים
מיט העגט און פיס אויף גוף צעפליקט,
די זון וועט שיינען הייגטיקס זומער
אויף בערג מיט מתים נאָכן קריג!

טאָ ווער עס איז געבענטשט מיט דויער,
געבענטשט צו לעבן פול זיין צייט, —
זאָל טעגלעךביישטיין זיין נסיון
פון צופיל פריידיקן פאַרשייט,
ער זאָל זיין בלוט מיט צער באַטויען,
ניט העלן זיך אין העלסטן זייד, —
זאָל טראַכטן פרייד פון ברודער טרויער,
וואָס איבער אונדז אויף וואָלקן רייט!

ווייל העלד, וואָס איז פון טויט
פאַרשניטן
פאַר אונדזער דויער אויף דער וועלט,
געטראַכט האָט בלויז פון איין
פאַרגיטונג:
אַ וועלט פון פריי און גוטס צעהעלט;
דערפאַר גיהנום־שלאַכט געשטריטן,
דערפאַר זיין לעבן איינגעשטעלט! —
אַ, זומער, ברענג מיט דיינע בליטן
אויך טרויער־בליט פאַר אונדזער העלד!

30־טער יולי, 1944

י. ל. פּרץ

נישט די געקרוינטע און געזאַלבטע,
וואָס קליינע איבער זיך דערהויבן, —
גרויס זיינען די, וואָס טאַט
צעשטראַלט זיי,
און ס'שטעלט די טאַט אַוועק זיי אויבן.
דורך אויגן זייערע צעפּראַלטע
קאָן יעדער קוקן ווי דורך שויבן,
חלומות, אין דעם האַרץ, צעשטראַלטע,
פאַרחלומען די וועלט מיט גלויבן.

האָסט שיין געלעבט דיין שיינעם לעבן,
און לאַנג געלעבט אין קורצע יאָרן,
דו האָסט פאַרמאָגט אויף אָפּצוגעבן,
און ביסט פון געבן רייך געוואָרן;
אויף האַרטער ערד געקענט האָסט
שוועבן,
און חלומען מיט אויגן קלאָרע.
האָסט וואָרט געשפּאָרט אין פּונק־
געוועבן,
געצאַמט, — גאָטס פייער איינצושפּאָרן.

פלעגסט וואָרן שלאָס אויף ברוך
צעברעכן,
אַז ברוך זאָל חלום־שלאָס געבערן,
דו ביסט אַליין דיין זאַלבונג־בעכער,
אַליין דער הימל פון דיין שטערן;
דאָך גרויסקייט גרייכט ניט
מינדסטנס קנעכל,
ווי מיטגעפּיל צום ברודערס טרערן,
צו הימל־הויך, אויב נישט נאָך העכער,
גרייכט דער וואָס קען זיין
גוטסקייט מערן!

שענסטער חלום

כ'בין מודה, כ'האָב דעם שענסטן חלום
אין מיין האַרצן נישט געטראָגן,
מיין דמיון האָט נישט אויסגעמאָלן
ציונס וואונדערלעכסטן טאָגן.
ס'האָט מיט געגאַר פאַר ציונס טאָלן
יידיש האַרץ מיינס נישט געשלאָגן,
ווי יעדער ייד מיט יידנס עולן
איבער לענדער כ'האָב געוואָגלט.

כ'האָב יעדע ערד, וואָס כ'האָב
באַטראָטן,
אַלץ געוואָלט מיין אייגנס מאַכן,
קיין אַלטע דורות — נישט באַשאָטנט —
מיינע טריט אויף פרעמדע שליאַכן.
געפיל פון לאַנד האָט נישט באַפּאָטערט
יעדע היים, וואָס כ'פלעג באַדאַכן,
כ'האָב בלויז מיט יידישקייט באַאָטעמט
מיינע טואונגען און זאַכן.

פון אייגן לאַנד־גרונט אָפּגעריסן
כ'בין אָן לאַנד אַנטוואוינט געוואָרן,
ס'האָט וויטיק־לשון אויסגעביסן
אין יידס האַרץ דער וואַנדער־דאָרן;
ניי־לשון — אויפן ראַנד פון גסיסות —
האָט מיין האַרץ שטאָט לאַנד געבאָרן.
מיין האַרץ — נישט נעסט געוועזן,
פאַר ניסים,
טרעטנדיק אויף האַרטע וואָרן.

ווייל ס'מוז דאָך נס גערופן ווערן
דער מקוימדיקער חלום,
אויף פלאַמען־ראַנדן פון פאַרצערונג
וואָג געוויגט האָט אירע שאָלן:
אָט יאָ, אָט ניין, ציט צינגל שווערער
(דער חורבן־מיל האַלט אין איין מאָלן),
און דריטל פאָלק גיט בלוט און טרערן,
ביז אויף יאָ האָט וואָג געשנאָלן!

צוויי טויזנט יעריקער געדויער
האָט געדויערט ציונס טאָגן;
כ'וועל שטאָלצער איצט מיין גלות בויען,
ציון מאַכט מיין פרעמד אויס וואָגל;
דאָס גלות־בלוט מיין שפּראַך מאַכט ראוי
כ'זאָל דעם נס אין יידיש זאָגן,
ס'וועט גלות מאַמע־לשון דאָען,
און אין האַרץ פון ציון שלאָגן.

ס'האָט יידיש, וואָס איז מיטגעגאַנגען
מיטן ייד אויף יעדן וואַנדער,
געוויטיקט מיטן יידס געראַנגל
און געטרונקען זיינע בראַנדן;
נישט רייך ווי לשון־קודש־קלאַנגען,
קלינגט ער מאַמישער און אַנדערש,
איצט מוזןביידע שפּראַך־געזאַנגען
קייטלען ציונס שטאַרקע באַנדן.

דו ווייזט דעם נס, ער זאָל אָן קוליעס שטיין

אָ, ליבע מיידל, כלה פון סאָלדאַט,
כ'האָב ליבשאַפט און געטריישאַפט דיינס געזען,
כאָטש ס'האָט המון אַ כעס אויף דיר געהאַט:
דו ביסט צו קאַלט צום ליבן פריינט געווען!
די קוליעס זיינע — פונעם קריג די טאַט —
(און ס'איז דאָך ערגערס אינם קריג געשען!)
האָסט ווי מיט לייכטזין זיי באַטראַכט, כמעט,
האָסט האַנט אים ניט געגעבן פאַר אַ לען...

ער האָט זיך שווער געהויבן פון זיין זיץ,
ווען ס'האָט דער באָס זיך אָפּגעשטעלט אויף ראָג,
כאָטש יוגנט האָט זיין יונגן גוף פאַרבליצט,
דאָך האָבן קוליעס באַלאַנסירט זיין וואָג;
זיין וואָרער קריג הויבט אָן זיך ביי אים איצט,
ער גייט צום שלאַכט זיין יעדן העלן טאָג...
המון אָרום — אויף דיר די ציינער קריצט,
און מיט המון־רחמנות אים באַקלאָגט!

און דו, מיט קלוגער גוטס אויף דיין געשטאַלט,
האַלטסט איין געטרייע האַנט ווי אויף אַ שלאָס,
זי זאָל ניט העלפן אים... בלייבסט כלומרשט קאַלט,
כדי ניט צינדן ביטערן פאַרדראָס;
פון פרייד און פרייד־באַגער זיין פנים שטראַלט —
פאַרלענדונגס־קריג האָט לעבן אים געלאָזט,
זאָל לעבן זיינס ניט ווערן כאָטש פאַרגאַלט,
און דו לאָזט גאַל ניט טריפן אין זיין כוס...

מיט זיג פון לאַנד — אויך דיר אַ זיג געבראַכט,
אין זיינע שלאַכטן ביסט געווען דער זין;
זיין לאַנד האָט ליבער דאָך צו אים געלאַכט,
ווען ס׳האָט פון דאָרט געקלונגען העל דיין שטים;
איצט העלפסטו שטרייטן אים זיין טעגלעך שלאַכט,
דיין בליק, זיין בעסט געווער, וואָס שטרייט פאַר אים;
עס וויל די שטומע ריינקייט פון דיין טראַכט,
אַז ער זאָל געבן טעכטער דיר און זין! —

אומזיסט געבייטשטע, דו, פון דעם המון,
די בייטשן־קלעפּ מיט ליבשאַפט דו פאַרטראָגסט,
מוזט דורך המון־בליק ווי דורך האָגלען גיין,
דיין מויל — אויף שטרענגן שוייגן דו פאַרזאָגסט;
דו טראָגסט דיין וויי ניט וואַרטנדיק קיין לוין,
כאָטש לוין באַקומסט, ווען דו זיין פּיין פאַריאָגסט;
דו וויזט דעם נס, ער זאָל אָן קוליעס שטיין
אויף דיין געטריישאַפט, וואָס פאַר אים דו טראָגסט.

דער כרוב פון קינדער־חלום מיינעם...

ביז לעצטער רגע כ׳וועל אַלץ פּרוּוון,
ביז לעצטער רגע כ׳גיב נישט אויף,
ביז כ׳וועל ביים לעבן זען די כרובים
נאָנט פליען לעם אַ מענטשנס גוף;
דער קינדער־חלום פון די כתובים
נאָך לעבעדיק אין מיר איצט רופט:
כ׳וועל רופן, ביז כ׳וועל הערן תשובה,
דעם קול דעם ריינעם פון אַ כרוב!

שטיק אייגן לעבן איז מיין חלום,
און מיין נשמה — אויפגעבליט,
דער גוף — ער טראָגט פון דר׳ערד
די עולן,
נשמה — חלום אירן גיט.

מיין דמיון כרובים האָט געמאָלן
און זייער שיין אין מיר צעגליט,
איצט וויל איך חלום זאָל באַצאָלן
זיין חוב, וואָס כ׳האָב אין מיר געהיט.

די ריינע הימלען־כרובים זיינען
אַריינגעוואַקסן אין מיין בלוט,
אין שווערן וועג געבראַכט מיר תענוג,
די בייזע שעה געמאַכט מיר גוט.
דער כרוב פון קינדער־חלום מיינעם
האָט שטענדיק איבער מיר גערוט;
איצט, אין מיין שוואַרצסטן טאָג
פון פּיינען,
קומט, כרובים, מיטגיין מיין מאַרשרוט!

מיטן בלום אויפֿן לאַץ...

נישט געזען נאָך האָב איך אַ בעל־מום,
וועמען גורל האָט שווערער געפּרואווט, —
מיטן קאָפּ טיף צו דר׳ערד גייט ער אום,
ווי אויף צווייען צעבראָכן זיין גוף.
און זיין אויג זעט נישט אויג פון דער זון,
בלויז דעם שאָטן פון שטראַל אין דער לופט,
נאָר אויף לאַץ שטענדיק שטראַלט רויטע בלום,
וואָס מיט פרישקייט און טראַציקייט רופט!

ניין, ניט בלום שטראַלט פון לאַץ דאָס אַרויס,
נאָר דער שטאָלץ פון געקריפּלטן שטראַלט,
כאָטש זיין מום איז אַזוי אויסגעבלויזט,
און אויף אייביק פאַרשטעלט זיין געשטאַלט.
ס׳שטראַלט זיין מוט דורך דער דופּטיקער רויז
אַרום אונדז אויפן האַרטן אַספאַלט,
און נישט מיר דאַרפן שיקן אים טרייסט,
נאָר בעל־מום פאַר אונדז טרייסטונג באַהאַלט!

כ׳טרעף אים אַלע באַגין אויפן גאַס,
ווען מיר יאָגן זיך שנעל צו דעם „סאָב,"
און אויך ער טראָגט דער וועלט צו זיין לאַסט,
און אויך ער גיט דער וועלט פון זיין האָב.
ס׳וויזט זיין בלום, אַז ער טראָגט נישט קיין האַס,
וואָס ער זעט נישט די הימלישע גאָב, —
אין צעבראָכענעם גוף איינגעפּאַסט
שטראַלט זיין האַרץ, וואָס אין בלום שטראַלט זיך אָפּ!

ניין, ער זעט... דאָך אַ בליק קעגן בליק
צו אַ מענטש האָט ער נאָך ניט געקוקט!
אויך אַ בלינדער האָט נישט אַזאַ גליק,
נאָר מיט פינגער זעט בלינדער און לוגט...
מיט באַריר האָט ער בלינדקייט באַזיגט,
און זיין חוש מאַכט אים זעעוודיק־קלוג.
מיין בעל־מום זעט אין טייך ווען ער בליקט,
און זיין וועלט — קאָפּאַראָפּ צו אים קוקט!

דער אויף צווייען צעבראָכענער גוף
מיט דעם בלום, וואָס אויף לאַץ זײַנעם שטעקט,
יעדנס אויג פון דער גאַס אויף זיך רופט,
יעדנס האַרץ פון דער גאַס צו זיך וועקט!
זען זיין בליק האָב איך אָפּטמאָל געפּרוּווט,
זיך געבויגן ווי ער צו זיין דעק, —
נאָר אומזיסט. . . ווי אַן אויג איז זיין גוף,
ווי ס'וואָלט אויג זיין דאָס בלום אויסגעשטרעקט!

אַ קאָרנדיקער לאַבן ברויט...

פאַרגיב דו מיר, מיין יידיש וואָרט,
און דו, פּאָעזיע — אויך פאַרגיב,
ווייל כ'ווייס, איך טו, וואָס ניט געטאָרט,
איר ווערט פאַרשוועכט ביי מיר
אויף ליפּ.

איך וויקל איין אין אייער זייד
אַ קאָרנדיקן לאַבן ברויט,
זיין שאָרסטקער גוף אויף זיידנס
שרייט
מיט קאָרענע און פּראָסטע רייד.

מיט לעצטן שטויס זיך רייסט אַרויס
דער פאַרוואורף פון זיין תפיסה, ענג: —
די אַרבעט־האַנט, אָן מי, הענגט לויז,
גלייך ווי אַנהאַנטיק אַרבל הענגט...

עס איז צעריבן שוין דער זייד,
וואו כ'האָב פאַרוויקלט לאַבן ברויט;
מיין מעסער, אין פאַבריק, וואָס שניידט,
אין זייד איצט דריבלט צויט נאָך צויט.

און פון צעדריבלט זייד אַרויס
ברויטס גוף קוקט נאַקעט און פאַרשעמט,
און כ'גלעט ברויטס פּנים
צאַרט־צאַרט אויס
מיט די צווי אָפּגעזאָגטע הענט.

פאַרגיב דו מיר, מיין יידיש וואָרט,
און דו, פּאָעזיע — אויך פאַרגיב,
ווייל כ'ווייס, איך טו, וואָס ניט געטאָרט,
איר ווערט פאַרשוועכט ביי מיר
אויף ליפּ.

A HAVE NOT

איך בין אַ העוונאָט, — אַ נישט־
האָבער,
פון די מיליאָסן — אַנ'איינס בין איך,
מיין גאַנץ פאַרמעג, מיט זיינע גאָבן,
גייט־מיט מיט מיינע אַרבעט־שיך;
דאָס טוען מיר די מי די גראָבע, —
דאָס זיינען מיר די פּראָסטע פיך,
וואָס פאַר דער וועלט די אוצרות
„האָבן,“
מיר — אַליץ־ געבערנדיקע דיך!

אַ העוונאָט — מיט די העוונאָט־ברידער,
מיט די מיליאָסן כ'בין פאַרקנסט;
ס'איז שטענדיק מיר די טרייסט
דערווידער,
וואָס קומט אין מיטלייד־קלייד צו גאַסט,
בלויז טרייסט פון העל־צעשטראַלטער
מרידה
צו אונדזער נישטיק אויסזען פּאַסט,
אי מוט אי אויסדויער זי גיט דיר,
צו טראָגן ליב אויף זיך דיין לאַסט!

ס'איז רייכקייט־פרייד ניט מיין באַגערן,
דעם העוונאַטס מי איז מיין פאַרמעג,
ס'האָט מרידה־טרייסט זיך
אויסגעשטערנט,
און אונדז, מיליאָסן, זיך אַנטפּלעקט:

דעם מיער — זיינע פרוכט געהערן,
און בליען וועלן זיינע טעג,
ס'קאָן מזל רייכקייט ניט באַשערן,
אין מי — פּאַר אַלע רייכקייט קלעקט!

יאַנואַר 4, 1947

דעם טאָג כ'לעב צוויי מאָל איבער...

כ'בין מיד אַזוי, אַז מיך אַ שלאָף באַפאַלט,
נאָר כ'קען ניט שלאָפן — מידקייט וואַך מיך האַלט.

ס'גייט איצטער דורך מיין מידן גוף פאַרביי
דער גאַנצער טאָג מיט מי און רוישעריי.

אַזוי איז אָפּגאַנג פון אַ שווערן טאָג,
אויף מיין געלעגער לאַנג זיין אָטעם שלאָגט;

דעם טאָג כ'לעב צוויי מאָל איבער; אויך ביינאַכט
האַלט שווערער גאַנג פון טאָג מיך אין זיין מאַכט.

נאָר כ'שעלט ניט מידקייט, וואָס צום גוף איז האַרט,
כ'האָב דאָך אַליין נאָך שווערער מי געגאַרט,

כ'האָב זי גערופן און נאָך איר געבענקט,
און אין איר עול אינגאַנצן זיך געשיינקט;

פון גוף וועט מידקייט אָפּגיין, — ווי פון שטיין
די היץ פון זון גייט אָפּ ביים אונטערגיין. —

ס'דאַרף אויג דאָך שיין, און האַרץ דאַרף האָבן לופט,
אַזוי דאַרף מי אַדורכשטראָמען דעם גוף,

ווי ס'דאַרף געדאַנק באַוועג, און נייע טריט,
דאַרף יעדער אבר זיין פון מי צעגליט. —

נאָר אויב די טואונג, וואָס פילט אָן מיין טאָג,
האָט אָפּט דורך וואָרט מיינס זיפץ אַרויסגעזאָגט,

איז ניט אויף מיאונג דאָך דער זיפץ געווען,
נאָר צו פאַרהילכן שטאָך פון דעם פאַרשעם,

וואָס דער פאַריאָכער גיט דיר צו צום יאָך,
ס'יאָגט אויך אין רו די הייסע חרפה נאָך...

אויגן

נישט די זאַך — נאָר די דערמאָנונג...
ווי ס׳גייט שאָטן אין פאַראויס.
מיטן ווילן קומט דאָס קאָנען,
דער פאַרלאַנג — גיט ערשטן שטויס.

כ׳האָב מיין וועלט אַריינגעזויגן
ווי דער דאָרשטיקער — געטראַנק;
איצטער בין איך — אויגן, אויגן,
מיט דעם דורכזיכט פון געדאַנק.

כ׳גיי — פון זיך אַליין געטראָגן —
ווי ס׳טראָגט קינד לאָמטער אין האַנט.
אַלע מיינע גלידער טאָגן
ווי באַגין אין הימל־ראַנד.

קומט, איר ליבע, קומט, געטרייע,
ס׳ליכטיקט אונטער יעדנס טריט;
ס׳איז פון אויפגאַנג העלער פייער,
וואָס מיט פרייד אין האַרצן גליט.

1924

דער טייך

דעם טייך איז ענג געוואָרן
אין זיינע אייגענע ברעגן,
און צום ים האָט ער גרייכן נישט געקאָנט;
האָט ער זיך צעפלאָסן,
און זיך אויסגעגאָסן
אויף ליימיקע פעלדער און וועגן;
בוימער, גראָזן און בלומען
זיינען אומגעקומען, —
און די פאַרטרונקענע שטרעק
האָט אַן׳אַנדער אויסזען אָנגענומען.

די ליימיקע פלאַך האָט נאָך קיינמאָל ניט
אַזוי זאַט זיך אָנגעטרונקען; —
זי האָט זיך אין וואַסער געטונקען,
זיך געשפאָלטן, און ווידער זיך צונויפגעקלעפט;
וואו נישט־וואו האָבן זיך פאַרוואַקסענע בערגלעך געטרעפט,
אַרויסגעגלאַנצט ווי גרינע צעשוואָלענע קערפערס
דערטרונקענע אָן ווידויס. — —

די ליב־באַקאַנטע פויגל, וואָס פלעגן זיך אַראָפלאָזן מידע,
וויגנדיק זיך אויפן האַרץ פון טייך,
אָנלענען, און זיך אָנטרינקען, —
זיי שטעלן זיך איצט אָפ פאַרוואונדערטע
אויף איבערגעקערטע שטאַמען
און באַקוקן מיט נייגיר די נייע וועלט. —

אַ, רעד נישט, רעד נישט, ברודער מײַנער,
אַ האַרץ װעסטו אַװדאי נישט פֿאַרצאַמען, —
אַן אױפֿגעבערװיזטע פֿון פֿינצטערע פּײַנען, —
װען עס דערפֿילט די אָנגעשטרענגטע ענגשאַפֿט
פֿון זײַן אײגענעם ברעג.

1924

אַ פֿאַראײַנזאַמט הױז

װי האַרבסטיקער רעגן, נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד,
טריפֿט אַן עלנט אין צימער אױף די מעבל און װענט;
און ס׳איז קײנער נישטאָ דאָ, — אַלע זײַנען צעגאַן —
װי אַ נעסט, װאָס דער פֿױגל האָט איר מער נישט דערקענט...

אַן אומהײמלעכקײט לױערט, איז דאָ עפּעס געשען?
גרײט װי טראָפּנס צו פּלאַצן — שטומען װערטער אין הױז.
יעדע זאַך שפּיגלט אָפּ זיך אַלײן, און קאָן זען,
און װי עמעצנס לעבן פֿון זײ ליכטיקט אַרױס.

ס׳גלאַנצט װי בלענדיקער זאַמד װײכער שטױב, װאָס דאָ ליגט
אָנגעטראָגן פֿון װאו, און מיט ים־ריח שמעקט, —
ס׳אָטעמט פֿאָרהאַנג אױף שױב פֿון זיך אַלײן אומגעװיגט,
װי ס׳װאָלט װעמעס אַ האַרץ אונטער אים זיך באַװעגט...

דער באַװאױנער פֿון דאַנען מוז אַן אײנזאַמער זײַן,
װערן חפֿצים גערעגט זיך, װי פֿון פֿינגער — בורשטין...
ס׳האָבן שטולן און טישן גלײך דערפֿילט מײַן אַרײַן,
אױף מײַן װאונדער — מיט װאונדער געפֿרעגט מיך: װאוהין? —

פֿונם װאַנט האָט דער שפּיגל מיך אַרײַנגעכאַפּט באַלד,
װי אַ טײַך מיך דערטרונקען אין זײַן זילבערנעם פֿלוס;
האָב אין גרונט פֿון דעם שפּיגל געזען נאָך אַ געשטאַלט,
בלױז אַ רגע געזען אים, האָב איך אַלץ שױן געװאוסט!

דער באַװאױנער, — ער װעט דאָך שױן ניט קומען צוריק,
בלױז זײַן עלנט װעט האַלדזן זײַנע חפֿצים נאָך לאַנג; —
ס׳האָט זײַן װיג־שטול װי פֿריער אומגעװיגט זיך, פֿאַרװיגט, —
אומגעבלאָנדזשעט אין לופֿטן — פֿון זײַן טראָט נאָך דער קלאַנג.

1924

צום יידישן בטחון

דעם בטחון־ייד — מנחם באַריישאַ

דער יידישער בטחון
מיט בלויען הימל שטראַלט,
געשמידט אין טויזנט יאָרן,
זיין גלויבן גלויביק קוואַלט.

ווי אונטער פעלדזן קוואַלן
די קוואַלן מיט געברויז,
אין סם פון גלות־גאַלן
בטחון העלט אַרויס.

איז שטאַרקער פון חילות,
איז מעכטיקער פון שווערד,
צוויי טויזנט יאָר אין גלות
בטחון האָט גענערט!

רציחה־טויט אויף שטיקער
געפערטלט יידיש גוף,
אין בלוט בטחונס בליקן —
נאָר באַלד אַ טרייסטונג רופט.

נישטאָ נאָך אַזאַ אומה
פאַר וועם בטחון קריגט
די שלאַכטן, און געוואונען
אַנטקעגן צייט אַ זיג!

די צייט פרעסט פעלקער־לעבנס,
שלינגט וועלטן אין איר תהום,
דעם ייד דאָך צייט געגעבן,
צו אייביקייט די פאָן!

בטחון, הימל־בלויער,
ווי ס'האָט דיך פאָלק געטרויט!
האָסט אָלטן לאַנד ישראל
דורך כמאַרעס אויסגעבלויט.

ס'איז גרינגער איצט צו גלויבן,
ווען גלויבן האָט באַצאָלט,
האָסט קריק דיין פאָלק דערהויבן
צו גאָטס דערוויילטן פאָלק.

זיין מאַיעסטעט דאָס קינד

צווייטער וועלט־קריג געווען, —
נאָר אין מיר נאָך פאַרקריצט
איז אָט יענער געשען
אַז איך זע עס נאָך איצט:
ס'איז אין „סאָב" אַזאַ קלעם,
און אַ שטיקיקע היץ,
ס'האָט דער יולי־געברען
מיט זיין פייער געשפריצט.

דער עקספּרעס — אין געיעג,
ווי מיט אונדז ער אַנטלויפט,
און די מענטשן ווי פעק —
דריקט די ענגשאָפט צונויף;

קריג און היץ — מיט גערעג
יאָגט אויף יעדן אַרויף,
אויף וואַגאָן־וואַנט מען ווענקט:
— בירגער, צאָלט אייער חוב!

און אין אָט דעם געדרענג —
וואָס מיט אָטעם־פלאַם צינדט —
ליגט אויף איינס פון די בענק
זיין מאַיעסטעט, דאָס קינד! —
ליגט אַליין גאַנצע לענג,
און חלומות ער שפינט.
איבער אים מוטער „הענגט"
און קיין זיץ זיך פאַרגינט.

מיט געשטוין וואַנדערט אום
אין וואַגאָן יעדנס בליק,
יעדער קוקט אויף זיי קרום:
— אויף דריי פּלעצער ער ליגט!
מוטער קוקט שטאָלץ און שטום,
ווי אינ'ענטפער צוריק:
איך ברענג אויף נאָך אַ זון,
כ'האָב שוין צוויי אין דעם קריג!

כ'האָב צוויי זין אין אַרמיי,
אין דעם שלאַכט שוין פון לאַנג,
און מיין טרייסטונג פאַר זיי
איז דאָס קינד אויפן באַנק;
באַלד אויף אים וואַרט אַ ריי,
און אַרמיי אים פאַרלאַנגט;
וואָס איז אייער געשטיי
קעגן מוטערס האַרץ, קראַנק? —

און איר שווייגן מער צינדט
אין וואַגאָן דעם המון,
איינער העזה געפינט —
הייסן קינד אויפצושטיין!
מוטערס פּנים צעקרימט,
מיט צעבליאַסקעטע ציין
שרייט: — לאָזט שלאָפן מיין קינד,
כאָטש איר אַלע ווערט שטיין!

אַנקל סעם אויפן וואַנט
אָנגעקוקט האָט איר מילד,
„נאָך אַ קינד פאַרן לאַנד" —
רעדט זיין ליפּ אויפן בילד.
ס'האָט המון זיך געצאַמט,
און זיין צאָרן געשטילט;
דעם קינדס בעקלעך צעפלאַמט,
נאָך אין חלום צעשפּילט.

די קלוגשאַפט פון מלאכה

פיל כ'זאָל דיך ניט באַזינגען,
מיין מי איז נישט געגנוג;
גיסט קלוגשאַפט מיינע פינגער
און מאַכסט אַלץ מער זיי קלוג,
זיי פירן מעסער־קלינגל
ווי אויג דורך זיי שטיל קוקט,
אַליין פון זיך זיי דרינגען
וואו שאַרף דאַרף טאָן אַ צוק.

די קלוגשאַפט פון מלאכה
אין מיינע פינגער פלאַמט,
כ'קוק אָן אים, מיט נצחון,
דעם יאָכער, וואָס אונדז שפּאַנט;
ער פרעסט די פרעמדע יאָכן
מיט הונגעריקן בראַנד,
נאָר איך — איך עס די ברכה,
וואָס ס'בענטשט מיין אייגן האַנט!

און מיינע פינגער יאָגן
מיט פרייד דעם מי־געיאָג,
ווי גוט, וואָס איך קאָן זאָגן
די רייד, וואָס מיאונג זאָגט;
די טואונג איז מיין לאָגל,
דער קוואַל, וואָס אין מיר שלאָגט,
און מיינע טעג מיר טאָגן
מיט טואונג אַלע טאָג.

פאַר איין פאַריאָכער תמיד
קווינט גוטס זיינס וועגט מיין שאָל,
ווייל צוליב אים כ'זע שטראָמען
די שיינקייט פון מיין עול;
מיין מי — געגעבן פּנים,
דעם מי־רויש — פריידיק קול,
די פינגער — זאָלן קאָנען
באַבאַרגן מיר מיין טאָל...

צו מיין מי

איך דין באַהבה
מיין מיאונג מיין שווערע,
דער מי־גערויש דאַוונט
אין שטומען געבערן,
ס׳קען וואוילטאָגן־תּאווה
דעם רויש מיר ניט שטערן,
ס׳בויגט מי אין די גאווה
פון פאַלשע באַגערן.

פון מיאונג דאָס רוישן —
ווי ליב כ׳האָב דאָס לשון!
דורך מי קוקט דער יושר
צו דיר אַזוי פּשוט.
די אוצרות די גרויסע —
וואָס פאַר אַ ממשות!
ס׳ווערט גליק פון דעם עושר
אין מיינעם פאַרלאָשן.

מי — רויש דיינע ווערטער
פון שטומען געבערן!
באַפרוכפּערסט די ערטער,
שטאָט וויסטעניש לערע;
פון גאַרנישט געבערטע
אַנטפּלעקסטו דאָס ווערן...
מיין טרוים מיין באַגערטן —
אין רויש טרוים איך קלערער.

איך דין און כ׳וועל דינען
מיט פרייד דיר, מיין מיאונג;
דורך מי זע איך גרינען
דאָס גרין פון מיין בליאונג;
מיין רו וועל איך שפּינען
אין רו־צייט פון שקיעה,
מיין יאָך קריגט אַ זינען,
ס׳האָט טרוים וואו צו פליען!

אַ גלויבן ליכטיקט העל אַרויס...

דיין באַלעבאַטישקייט, מיין זון,
האָט מיך ביים האַרץ פאַרנומען,
מיט האַלבן אויג איך קוק אַרום,
און כ׳האָב אַלץ דורכגענומען;
בלויז פענצטער פיל צעשיינט אין זון,
און שטראַלן פריילעך קומען
באַליכטיקן דיין אייגנטום
פון צוויי־דריי חפצים שטומע.

נאָר ביכער־שאַפעס גרויס און ברייט
די הוילע ווענט באַצירן,
אַ לאָמפּ, אַ סטאַטועטקע שטייט,
וואָס גיבן צו קאָלירן;
און די צוויי קינדערלעך, פול פרייד,
דאָס הויז פאַרשעמערירן,
און טאַטע־מאַמע זאַלבעצווייט
אַלץ ערשטע ליבע פירן.

אַ גלויבן ליכטיקט העל אַרויס
פון ביידנס ליבע אויגן,
אויך קנאַפּקייט ווערט אַ העלער בלויז
אין אַט דעם רעגנבויגן,
וואָס מאַכט פילפאַרבעדיק דאָס הויז, —
מיט יום־טוב שיין פאַרצויגן, —
די גרויסע קנאַפּקייט צאַנקט זיך אויס
אין אירע שמאָלע אויגן.

דורך וויטיק גייט מיר דורך אַ פרייד
און ליבע שטאָלץ אינאיינעם,
דער שטאָלצער טישטוך אויך אָן ברויט
וועט נאָך קיין ברויט נישט וויינען;
ווען רייכקייט מיט איר רחבות שטייט
ביים שוועל פון דיינע שכנים, —
דיין גלויבן, זון, אין הויז דיינס גייט
אַ ליכטיקער, אַ ריינער!

דיין רייכקייט איז די גאַנצע וועלט,
וואָס מוז דער וועלט געהערן,
פֿאַר קיינעם נישט קיין רייכקייט
פֿעלט,
מיט פֿרייד זיי צו באַשערן;

פֿאַר יעדן — הימל פֿריי צעהעלט,
פֿאַר יעדן — זיין צאָל שטערן,
דו האָסט גאַנץ גליק דיינס
איינגעשטעלט,
ס'זאָל יעדער גליקלעך ווערן.

ברוך גלאַזמאַן

מיין פֿריינט דו, מיין טערפֿקער,
מיין פֿריינט דו, מיין ליבער, —
ביסט גאַנץ און פֿאַרקערפֿערט
אין האַרץ מיר פֿאַרבליבן;
כאַטש ווערטער ווי סערפּן
אָפּט פֿלעגן אַריבער, —
דאָך האָסטו מיט צערטל
געקאָנט אַזוי ליבן!

ווער נאָך, ווי מיר ביידע,
זיך האָבן געוווערטלט, —
ס'האָט שאַרף דיינס ביים ריידן
געשניטן, געפֿערטלט;
אויך איך האָב אָן שיידל
גענוצט מיינע ווערטער,
דאָך נאָענט ביים צעשיידן
האָט נאָנטקייט געצערטלט.

נאָר ווען דו פֿלעגסט דינען
ביים טיש דיין עבודה, —
דיין יידישע שכינה
דורך וואָרט דיינס פֿלעגט ריידן;
פֿלעגסט צאַרט פֿאַר איר שפּינען
די איידלסטע קליידער,
דיין גוטס פֿלעגט באַגינען
ווי זון אין דיין חדר.

האָסט מענטשן דערהויבן,
האָסט מענטשן דערנידערט,
אַ מענטש אָן אַ גלויבן
פֿאַר דיר איז דערווידער;
ווי חורבה אָן שויבן, —
שטאַרבט דער וואָס אָן ווידוי;
געשטעלט האָסט פֿון אויבן
די גוטע, ווי ברידער.

אָ, ניין, נישט קיין שנאה
האָט האַרץ דיינס געטראָגן,
און ס'האָט נישט מיט קנאה
דיין אָטעם געשלאָגן,
געזוכט האָסט אַ זינען
און אמתע וואָגן:
מען זאָל נישט קיין צינען
ווי גאָלד־צירונג טראָגן...

דעריבער דיין צאָרן,
דעריבער דיין וויטיק,
זיי זיינען געוואָרן
אויף דיר דיינע קייטן;
אַ לעבן אָן יאָרן
בלייבט שטיין אויף מיט־לייטער,
און יונג צו דיין אָרון
געבראַכט דיך אַ טויטן.

פּאַפּיר ליגט אַ ווייסער,
דאָס פֿעדער — דערנעבן;
מען זעט נאָך ווי ס'רייסן
זיך ווערטער און שוועבן:
לאָזט ברענגען נאָך מעשים,
איין וואָרט לאָזט נאָך געבן,
איין שטריך צו דער מעשה,
דאָס לעצט פֿון זיין לעבן.

נאָר ווערטער צערינען
אַלץ קלענער, אַלץ שמעלער,
בלויז שטריכעלעך דינע
די טריט לעצטע שטעלן...

פאַרשניטן דאָס שפּינען,
פאַרשטעלט אַלע שוועלן;
דער יידישער שכינה
אַ שפּינער וועט פעלן...

נאַטור

1

דו פּרואווסט דיין ווילן שטענדיק אויס,
און וואַגסט צו זיין אַ וואַגער,
צום דונער גייסט, מיט האַרץ
אַנטבלויזט,
אויף שטעג פון בליץ־זיגזאַגן.
דו הערסט ווי ס'רעדט דער
שטורעם־רויש,
די וואָלקנס — דיינע פלאַגן,
גייסט אונטער האָגל־בייטש אַרויס,
פאַרפאַנצערט אין דיין וואַגן.

ווילסט זיין ווי גראָז, ווי בוים
אויף דר'ערד,
פון דער נאַטור זיין איינער, —
אַלץ וואָס דעם דומם איז באַשערט,
באַשערט זאָל זיין דיין חומר;
צו ווערן פון נאַטור פאַרצערט,
ווען תהום שטעלט אויס די ציינער, —
האָסט ליב די פרייד, וואָס זי
געבערט,
האָסט ליב נאַטורס געוויינען.

2

דיין האַרץ וויל שטענדיק גרייכן
דעם סוד פון דער נאַטור,
דו מעסט אויס לערע הויכן
אין בלויקייט פון לאַזור.
ס'פירט יעדער וואָלקן־רויכל
דיר צו אַן אַנדער שפור,
דיין בליק שנירט־אָן די צייכנס
ווי אויף אַ פּערל־שנור,
נאָר מיט פאַרבאָרגן שמייכל
שפּעט־אָפּ פון דיר נאַטור.

ווי ס'וואָלט איר שמייכל זאָגן:
אַ, מענטשלעכער באַגער! —
איך בין נישט אַנצוזאָגן
אין ניט דערשעפּטער ספער;
פיל זאָלסט זיך ניט דערשלאָגן,
בין איך נאַטור נאָך מער.
נאָך וועלטן דאַרפן טאָגן,
נאָך וועלטן אין געבער!
מיט נייעם — איבעריאָגן
וואָס איך דורך צייט צעשטער!

דער זעקס־מיליאָניקער סקעלעט

געטרייער מויל, דו מיין — מיין פען,
וואָס מיינע ווערטער פאַר מיר רעדט;
אויך זיי מיין אויג פאַר מיר — צו זען
דאָס גרוילסטע, וואָס אַן אויג ווען זעט;

דרינג־דורך דאָס גרויליקע געשען —
אַ, זעקס־מיליאָניקער סקעלעט!
זאַפּ־איין דעם שוידער פון געוועזן:
אַ דריטל פאָלק אויף טהרה־ברעט!

ס'האָט דריטל אבר מן החי
פּיינט אָפּגעפליקט פון יידיש לייב;
מיין פּען, מיין אויג, אין טרערן שריי,
מיין האַס אויף שונאס פּנים שרייב!
פאַרפליקטער אבר מן החי
שרייט לעצטן שריי צום איבערבלייב:
אָן דריטל לייב אַ גאַנצע זיי,
אָן דריטל — גאַנצער גוף פאַרבלייב!

דער ווייסטער ביין פון אונדזער ביין
איז אויסגעריסן מיט דער הויט;
ס'דאַרף טאָן איצט איבערבלייב אַליין,
וואָס גוף צוזאַמען האָט געבויט.

דער איבערבלייב האָט אויסצושטיין,
וואָס ס'איז פאַר גאַנצן פאָלק געגרייט;
קיין פאָלק אין ערבות מוז ניט שטיין,
ווי ייד פאַר צווייטן יידן שטייט.

דער ייד, וואָס חלומט מענטשנטום,
פאַר גאַנצער וועלט גערעכטיקייט —
ער קלעטערט אויף דער פרייהייט־זון,
צו שנעלערן איר אָנקום־צייט —
מיט פליכטן בינדט ער זיך אַרום,
און פאַרן צווייטן ברודער לײדט —
ער ווייסט דעם יאָך, ווען ער קומט־אום,
פון זיין אַ ייד אין אייביקייט.

דער געוואָרפענער שטיין

כאָטש דו קומסט אום אַליין,
אָבער העלף דעם, וואָס בעט און גייט אויס.
— פיאָדאָר סאָלאָגוב.

מען דאַרף ניט איבערלעבן אַלע פּלאָגן,
אַז האַרץ זאָל פאַר געפּלאָגטע זיין געפּלאָגט.
ווער ס'איז געוואוינט אַ ברודערס לאַסט צו טראָגן,
איז ווי אַן אייגענע מיט ליבשאַפט טראָגט.
ווען ס'מוז פאַר אונדז די צייט די שווערע שלאָגן,
און קומט ווי ווילדע חיה אָנגעיאָגט,
ווער ס'איז געוואוינט אַ ברודערס לאַסט צו טראָגן,
וועט זיך פאַרמשכנען צום שווערן טאָג!

ער וועט דעם טאָג דעם שווערן גיין אַנטקעגן,
מיט טרייער פליכט זיין האַרץ אַרויסגעשטרעקט,
ער וועט נישט דורכלאָזן די שאַרפע רגע,
מיט זיך אַליין פאַרצאַמען שונאס וועג.
אין מענטש דער גלויבן — איז זיין ווייסער זעגל,
וואָס שטאָלץ וועט שווימען צו די העלע טעג.
און האָט ער איינמאָל זיך מיט טרוים באַגעגנט,
אויף אייביק וועט ער שוין מיט אים אַוועק!

נאָר די דערמאָנער אַלע, און די מאָנער,
וואָס צופאַל האָט זיי ווען ביים ראָד געשטעלט,
אַנטלאָפן זיינען פאַר די שטאַרקע שטראָמען,
וואָס האָבן דיבאָם זיך פאַר זיי געשטעלט.

אַ חלום טוט זיך זיי נאָך ווען דערמאָנען,
וואָס ווערט דורך צייט אין האַרץ אַלץ מער פאַרשמעלט.
זיי האָבן אָפּגעקערט דעם קאַלטן פּנים
פון יענער אויסגעטרוימטער, שיינער וועלט.

די מאָנערס וואַרטן ס'זאָל אַן אומגליק טרעפן,
צו קאָנען דעם געטראָפּעֿנעם פאַרשטיין,
און זייער האַרץ ווערט דעמאָלט בלויז צעעפנט,
ווען ס'ברעכט אַרויס געליטענעמס געוויין.
אויב ניט, מעג האַרץ פאַר צווייטן זיין פאַרשלעפערט,
און קאָנסט נאָך אים אַ וואָרף טאָן ווען אַ שטיין;
ניטאָ קיין מענטש אַצינד, וואָס אַן אַ טרעפונג —
נאָר אויך אַן טרעפונג קאָן אַ מענטש פאַרשטיין!

מיין פעסטונג

איך האָב פון דער שטענדיקער מי
אַ פעסטונג פאַר זיך אויסגעבויט,
פון טונקעלן מאָרגן־פאַרפרי,
ביז אָוונט אויף נאַכטיקייט גרויט.
מיין פאָן אויף מיין פעסטונג כ'פאַרצי,
מיין גלויבן אויף פאָן מיינער בלויט,
מיין מי שפּראָצט אַרויס אין געבלי,
פון מיאונג געבענטשט איז מיין ברויט!

די מי־פעסטונג איז דאָס געביי,
וואו גלויבן פון פריי זיך געפינט:
דיין מי מאַכט דיך יעדן טאָג פריי,
דיין מי אַלע טאָג דיך פאַרבינדט;

דאָס ברויט דיינס באַדאַרף אויף דאָס ניי,
טאָג טעגלעך, מיט מי זיין פאַרדינט,
די מי־פעסטונג האַלט דיך געטריי
אין גלויביקן חלום פאַרשפּינט.

אין קנופּ פון די מיאיקע טעג
מיין לעבן פאַרקניפּ איך מיט פרייד,
ס'איז גוט — זיין פון מי אויפגעוועקט,
פון אַרבעט־געררויש זיין באַגלייט;
די מי אויף חלקים צעזעגט
דאָס גוטס אויף דער וועלט אָנגעגרייט;
דעם סוד פון געדעכט זי אַנטפּלעקט,
אין מענטשלעכן האַרץ אים פאַרזייט.

ס'קומט משהס צייט אַנטקעגן

איך קריג נישט מיטן מזל,
וואָס שווערע מי מיך נערט,
נאָר וואָס אַיין ברודער גזלט
דעם צווייטן און באַשווערט,
איז מענטש־באַשאַף מבזה,
און גלויבן זיינס צעשטערט,
ס'איז צופיל עולם־הזה
פאַראַן איצט אויף דער ערד.

ס'קומט משהס צייט אַנטקעגן,
פאַרשקלאַפטער — ווערט אויס שקלאַף,
צו גאָט די ערשטע שטעגן,
דאָס קול פון ערשטן לאָוו;
דאָס טאָר־נישט און דאָס מעגן —
געהאַט אַ צויבער־קראַפט,
אַן מאַכט געווען דאָס צעגער
און קריג פון ערב־רב.

דער מן — מיט אַלע טעמים,
דער שלאָוו — שטאָט פֿלייש־געשפּייז;
דאָס אַלץ — דאָס רוי צו צאַמען,
צו רייניקן מענטשס גייסט.
ס'האָט משהס קול געהאַמערט
מיט שטראָף־רייד און באַוויזן,
דורך דונערן און פֿלאַמען
יעהאָווע האָט געשפּרייזט.

„טרינקסט ווייַן אַ קוואַרט —
ביסט זויפֿער,
פֿונט פֿלייש — פֿאַר פֿרעסער מאַכט" —
מענטשס גייסט וויל משה כופֿלען,
אַ גאָט דעם גייסט געבראַכט; —

ס'זויפֿט פֿריי היינט האַלדז דאָס
טריפֿה,
פֿרעסט פֿלייש מיט בלוט אַ סך,
די מענטשן קריך אַנטלויפֿן
צו רויער, ווילדער מאַכט.

אַוועק איז אויך גאָטס אומה,
פֿון אייגן גאָטס געבאָט,
די לאַוון־פֿלאַמען שטומען
אין פֿינצטערניש פֿאַרשפּאָט,
ס'איז חומר קריק געקומען
אויף דר'ערד מיט חיה־טראָט,
אויף אַלע פֿיר קריכט טומאה
צום אור־באַרג אַראַראָט.

דער הייליקער מרידה־נדר

צום יאָרצייַט פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד

ס'איז מיין האַרץ אַצינד דער פֿאַרטיזאַנען־קעלער,
וואו ס'איז אויסגעפּלאַנט געוואָרן אייער מרידה,
און עס שלאָגן אין מיר פֿיבערדיקע, שנעלע,
לעצטע האַרץ־געשלאָגן פֿון געטויטע יידן.
און עס ברענען אין מיר הייליקע באַפֿעלן
פֿון די אַלע וואַגנדיקע קדושים־ברידער,
וואָס מיט הוילן גוף דעם שונאס טאַנק פֿאַרשטעלן,
אונטער ראָד־געריש צום אויפֿשטאַנד רופֿן ווידער.

אַלע שטאַרקע ווערטער מוז איך איצטער וויכן,
זייער וואָרט, דערקוילעטער, דורך מיר זאָל ריידן;
זיי — אַן אָטעם פֿויזנדיקע אויף די בייכער,
וואָס פֿון הונגער איינגעשרומפּענע און ליידיק;
שטאַרקסטער וואָרט וועט זייער שטומקייט ניט פֿאַרגלייכן,
ניט צום שטילסטן רויש פֿון בלוט־צעווייקטע קליידער,
אָדער רייד, וואָס אין באַהעלטעניש פֿאַרקייכן,
שווערנדיק דעם הייליקסטן מרידה־נדר.

ס'האַמערן אין האַרץ מיר ווערטער פֿון נקמה,
וואָס די קדושים האָבן פֿאַרן טויט געשוואָרן;
נדר־ווערטער גראָבן זיך אין מיר ווי זאַמען,
שניידן איין זיך לעבעדיקע לזכרון

פאַר די העלדן־קדושים, מיטן אומבאַקאַנטן נאָמען,
אַנגעצונדענע פון יידס פאַרשעמטן צאָרן;
פלאַם פון סנה — געפלאַמט אין זיי האָט יידס נשמה,
וואָס איז קיינמאָל נישט אין פלאַם פאַרברענט געוואָרן.

דער זין פון קערפערלעכע אַרבעט

כ'האָב ליב דעם זין פון קערפערלעכע אַרבעט,
ווען אַלע מענטשנס גלידער טוען,
פאַראַן אין אָנגעשטרענגטער מי דער האַרבער, —
דערנאָך די פרייד ווען גלידער רוען,
ווען ס'זעט דער מענטש אין מי אויך שיינע פאַרבן,
און נישט נאָר גרויע יאָך־ענוים,
וואָס קאָנען פאַר זיין קערפער ברענגען דאַרבונג;
אים וויגט די רו, ווי ווינט די תבואה.

כ'האָב ליב באַוועג פון מענטשלעכע מוסקולן
אין שאַפנדיקער מי באַוואויגן,
כ'האָב ליב ווען קערפער לעבט זיך אויס אין פולן,
געשפאַנט ווי אָנגעצילטער בויגן;
אָרום — געציג־געקלאַפּ, ווי היגט צעבולן,
די רעדער־רימענס רוישן אָנגעצויגן,
נאָר קערפער לאָזט זיך נישט אין רויש פאַרדולן,
די גלידער ווערן וואַכע אויגן.

ס'איז מענטשנס מי אַ ברודערשע עבודה,
ס'דינט יעדער מיט זיין מי דעם צווייטן;
פאַר ברודער מאַך איך הויז־מכשירים, קליידער,
און ער — פאַרזייט פאַר מיר די ברויטן.
אַזוי גייט ברידערלעכע מי כסדר,
דעם אַנדער ברודער צו פאַרגרייטן;
פאַראַן אין מי פון אַרבעט גרויסע פריידן,
און פריד, וואָס גאַנצע וועלט פאַרקייטלט.

מלחמה

„מיט אַ קריג איז איצט פול אונדזער האַנט,
און מיר דאַרפן אים פירן צום זיג!"
(פון פ. ד. רוזוועלטס אַ רעדע, אויגוסט, 1943)

„מיט אַ קריג איז איצט פול אונדזער
האַנט,
און מיר דאַרפן אים פירן צום זיג!" —
אויף דעם רוף פון דעם העכסטן
פון לאַנד
שפּרייט זיך אויס אונדזער ווילן
ווי בריק.
און אַרמיי נאָך אַרמיי העלדיש שפּאַנט
אויף דעם בריק אַנגעגורט ביז געניק;
אַט די מענטשן־געפלאַכטענע וואַנט
וועט פאַרטרייבן דעם שונא צוריק.

ס'איז מלחמה, מלחמה־געמיט,
און עס נעמט אונדז מיט רייפן אַרום;
ס'ווערן ענגער און הייסער די טריט,
נאָך צעברענטער ווי מדבר־סאַמום.
קעגן פלאַם פון מלחמה צעגליט,
איז אַן אייזבאַרג די מדבר'שע זון!
ס'יאָגט מיט פלאַמיקן רויש און עס
בריט
מיט צעשמעלצטן מעטאַל און
טשוגון.

און סאָלדאַט, צי דאָס פּשוט'ע פאָלק,
מוזן עסן מלחמה ווי ברויט.
ס'איז ניט לוקסוס געשפּינטעטער פון גאָלד
אַזוי ליב ווי פאַר פרייהייט דער טויט!
אונדזער גלויבן, מיט כוח געשטאַלט,
האָט אַ זיג אונדזער האַרץ אַנגעטרויט,
קעגן אייביקער קנעכטשאַפט־רעוואָלט,
צינדט די וועלט זיך אין פלאַמיקן רויט!

מיט אַ קריג איז איצט פול אונדזער
האַנט
און מיר דאַרפן אים פירן צום זיג! —
אַט דער רוף רעדט צו יעדנס
פאַרשטאַנד,
מוטער וויגט דערמיט קינד אין
אין וויג.
קינד, וואָס אָטעמט מיט פרייהייט
פון לאַנד,
קוקט מיט צוטרוי אין מאַמעשן בליק.
מיט אַ קריג איז איצט פול אונדזער
האַנט,
און מיר דאַרפן אים פירן צום זיג!

אין דעם לאַנד פון טויטערהייד

יאָ, די טויטע לעבן אויך,
יאָ, זיי לעבן און זיי ווירקן,
באַטש זיי ליגן ניט געריריטע
מיט דעם אָטעם אויסגעהויכט.

אין דעם לאַנד פון טויטערהייט
הערט דער מענטש ניט אויף צו לעבן,
הינטער וואַך פון די באַגרעבער,
אונטער שטיין, וואָס אויף אים שטייט.

כ'פיל, עס רעדט צו אונדז זיין בליק,
וואָס רייסט דורך זיך דורכן קבר:
— „ווען דו לעבסט, דעם טויט זיי גובר,
ווען דו שטאַרבסט, ביסט אַלץ נאָך בריק

פאַר די קומער אויפן שליאַך, —
טויטע לעבן, טויטע דינען;
ווי דער שטערן־שיין וועט שיינען
נאָך אַ חושכדיקער נאַכט." —

און איך זע אין לאַנד באַשייד,
כ'זע די וואָר פֿאַר מײַנע אויגן,
אויף איר ווערט מײַן וועלט געוואויגן,
וואָס וועט לעבן טויטערהייד.

פֿרייד — צי לייד — קריגט אַנדער זין,
דורך דער וואָר ווערט אַלץ געלײַטערט;
אונדזער וועג ווערט לענגער, ווײַטער,
אויף אונדז וואַרט נאָך אַ באַגין!

אַ פֿרײַנטשאַפֿט דאַרף אויפֿגיין אין פֿרייד

פֿאַרשיידענע פֿרײַנטשאַפֿט פֿאַראַן,
(און יעדע פֿון זיי איז מיר טײַער),
נאָר נישט אויף צו פֿרײַנטלען זיך סתם,
בלויז די, וואָס דיר ברענגען באַנײַאונג,
דיך האַלטן אין פֿרײַנטלעכן שפּאַן,
און זײַנען אַן אָנלען אַ פֿרײַער,
און ווערן די פּאַסיקע ראַם
פֿאַר ליבשאַפֿט און פֿרײַנטשאַפֿט־
אחריות.

אַ פֿרײַנטשאַפֿט דאַרף אויפֿגיין
אין פֿרייד,
די פֿרייד פֿון איר בליאונג דערפֿילן,
אַ פֿרײַנטשאַפֿט דאַרף גיין זאַלבעצווייט,
און טראָגן אין האַרצן צוויי ווילנס;

נאָר בעסער, אויב זעלביקער ברויט
דעם הונגער פֿון פֿרײַנטשאַפֿט זאָל שטילן,
פֿון לוקסוס־קאָנטראַסטן באַגלייט
קען פֿרײַנטשאַפֿט אַ פֿרײַנטשאַפֿט
פֿאַרשפּילן.

אין פֿרײַנטשאַפֿט אַ ציל אַמאָל בליט,
וואָס ווערט אַזוי מאַמיש דערצויגן,
דער ציל — דיר אַ שליחות פֿאַרגיט,
אַז צווייטער — ווי קינד ווערט דיר
אייגן: —
זאָל פֿרײַנט דײַנס מיט אייגענע טריט
העל אויפֿבליִען פֿאַר יעדנס אויגן;
דערנאָך — מערער אַרט דיך שוין ניט,
אויך קינד ווערט פֿון מוטער פֿאַרפֿלויגן.

דרײַ וועגן לאָדן דײַנע טעג

ניין, כ'קען ניט, כ'קען ניט סתם אַזוי,
פֿאַר תענוג זינגען הײַנט מײַן ליד;
אויף טײַעלע אין קלאָר גלאָז טיי,
וואָס פֿון דער דעק צום ראַנד זיך ציט,
גיט מיט באַגריפֿן דרײַ אַ ווײַ:
די דעק, דער ראַנד, די גאָלדן מיט.
אַרומגערינגלט ווערסט פֿון זיי,
דרײַ וועגן לאָדן דײַנע טריט.

דרײַ וועגן, אַנדערשדיקע גאָר,
פֿון סתם'קייט וואַקסן פּלוצים אויס;
ס'שניידט אײַן ביז וואָרצל פֿון די האָר
דער פּלוציקער געדאַנקען־רויש.
ס'ציט שטילסטן קלאַנג צום גאַנצן כאָר,

קלאַנג סתם — דיך רײַסט פֿון רו אַרויס,
וועלט קלאָרע — ווערט דיר באַלד
אומקלאָר,
וועלטס ווינקלען ווערן פֿאַר דיר לויז.

קענסט הײַנט ניט זינגען אַזוי סתם,
אַלץ ברענגט אויף טוּאונגען אַרויף;
ס'טראָגט יעדע פֿרייד איר טרויער־שראַם,
און שטערט דיר דײַן אַליין־אַנטלויף.
דײַן פֿרײַער זאָרגלאָזיקער שפּאַן
מיט זאָרג ווערט איצטער אויסגעקויפֿט.
ס'רופֿט יעדן טראָפּן קריק דער ים,
ס'קלינגט יעדער קלאַנג מיט רונג
פֿון חוב.

לעגענדע פון אַ פרילינג־טאָג

נאָך היינט... און שוין איך לעגענדיר
דעם טאָג נאָר־וואָס פאַרגאַנגענעם,
זיין שאָטן וואַרעמט נאָך מיין טיר
איך קאָן נאָך זיין אַוועקגיין זען;
טאָג האָט געשענקט זיין לעבן מיר,
וואָס נאָר איין טאָג מיר געבן קען, —
און מיט לעגענדע איך באַציר
זיין היינט ווי טייערן גשווען.

אין האַרץ אַריין איז מיר דער טאָג,
מיר ליבער ווי די טעג פאַר אים, —
זיין וואָלקן־שריפט שרייבט זון־אָנזאָג
מיט מנורה־שפּיצן פון אַ שין.

טאָגס פרילינגס שורה—בשורה טראָגט,
טאָגס ווערטער וואַרעמען מיין קין.
מיין האַרץ מיט פרילינג־אָטעם שלאָגט,
פאַר אויג מיינס כוואַליעט יינגסטער גרין.

דאָס אַלץ האָט מיר דער טאָג געבראַכט,
וואָס האַלט נאָך אין זיין מיט פאַרגיין,
זיין הימל האָט צו מיר געלאַכט
מיט האַלבן פּנים פון געוויין.
כ׳וועל לעגענדירן זיין געדאַכט
ווי לאַנג לעגענדע וועט נאָך גיין;
דער פרילינג, נאָך אין וואָלקן־טראַכט,
האָט וואונדערלעכסטן פרילינג־חן.

דורך הורבעס ברוכוואַרג

אין ווינעדיקן ליד
צעברעך איך דאָס געזאַנג,
ס׳גייט אום מיין שווער געמיט
אין אַבלדיקן גאַנג;
מיט ווייענדיקע טריט,
באַגלייט פון ברוכוואַרג־קלאַנג,
גייט אום אין מיר דער ייד
מיט שטאַרן בליק פאַרצאַנקט.

ס׳איז וועלט, ווי ייד, אין טרער.
אויך זי — אין הורבעס ברוך!
ס׳האָט שונאס גרויל־צעשטער
אין גרויל דעם ייד געזוכט.
ס׳איז ייד איצט יעדערער,
וואָס יידיש גרויל פאַרזוכט;
די וועלט — דורך ברוכוואַרג שווער
שפּאַרט קוליע־פּיס קוים דורך.

אויף בערג מיט ברוכוואַרג הויך —
דער ווינט אויף שערבלעך שפּילט,
און ס׳קנוילט זיך נאָך דער רויך
מיט פייער אָנגעפילט;
ס׳האָט אַלץ איין גרויל בערגרייכט,
איין גרויל פאַר אַלע גילט,
דעם יידנס צער איצט לויכט
און אַלעמען פאַרהילט.

בליט פון געמיינזאַם צער
פאַרברידערונג אַרויס?
גליט אין דעם גרוילן־זשאַר
אַ וועלט פאַר אַלע גרויס?
און בלוטיקער אַלטאַר
פאַרשליסן וועט זיין שוים? —
גיב קוליע־פּיס אַ שפּאַר,
אַ, וועלט, און גלייך זיך אויס!

דאָס ליד פון גוטס

דיין ביסל גוטס טו יעדן טאָג,
נישט קוקנדיק ווי קליין,
און וועג דיין טואונג נישט אויף וואָג,
און טו דיין טואונג שיין.
דיין ביסל גוטס צו טואונג יאָג,
זאָל גוטס נישט ליידיק שטיין,
זאָל יעדן ניי־צעשטראַלטן טאָג
דיין גוטס אַנטקעגן גיין.

קריגט יעדער טאָג אַ העלן זין,
און טראָגסט דיין יאָך מיט פרייד,
דיין ביסל גוטס ווי וווייך געשפּין
אויף האַרטן וועג פאַרשפּרייט.

די שטילסטע טואונג האָט אַ שטים,
וואָס סוד'עט שטילערהייט,
און שפּרייט איר גוטס ווי פרילינג־גרין
זיין שפּראָצונג שפּרייט אויף בייט.

ווי פרילינג־גרין דאָס גוטס רעגט אָן
די הערצער אומבאַקאַנט,
ס'וויל יעדער האַרץ אַ טואונג טאָן,
און גוטס וואַקסט נאָכאַנאַנד.
ס'פאַרשווינדט אַזוי דער שנאה־תהום,
און ס'זוכט דיך פריינטשאַפטס האַנט;
ווי פרילינג־גרין וועקט גוטסקייט־זאָם,
מיט גוטס בליט גאַנצע לאַנד.

ער זאָל הערן, בלויז הערן

כ'זוך געטרייאיקן אויער,
מיט געהער אויסגעבעט,
אים מיין חלום פאַרטרויען,
איידער וואָר זיינס געשעט.

ער זאָל הערן, בלויז הערן,
גאָרנישט מער איך פאַרלאַנג,
ווי כ'הער ריידן די שטערן,
ווי די ערד הערט מיין גאַנג.

אויף דעם הערער כ'וועל קוקן
מיט מיין בליק אָנגעצילט,
ווען זיין פּנים וועט צוקן
מיט מיין חלום צעשפּילט;

ווי אויף טייכס שטילע וועלן
שטאָלצער וואַלד זיך פאַרטרויט,
וואַלדיש־גרינע געמעלן
צוקן העל אויף טייכס הויט.

כ'וועל אויף צוהערערס פּנים,
דעם צעליכטיקטן, העל,
זען צעשטראַליקטע שטראָמען
פון מיין חלום־געמעל.

ווייל עס וויל מער מיין חלום
שוין ניט זיין אין באַהעלט,
וויל פון תפיסה דער שמאָלער
פריי אַרויס אויף דער וועלט.

פון זיידנס ליפּ

האָסט אומבאַשטימט גערעדט,
מיט פינטלדיקע אויגן;
דו, יונגלעכער פּאָעט,
ווי ברודער ביזט מיר אייגן.

מיט נישט געוואָגט געשפּעט
איז דיין געזיבט פאַרצויגן,
עס בויגט זיך אַ טשערעט,
אַ בוים דאַרף זיך נישט בויגן!

דו האָסט אַ וואָרט אַ פרישס,
מיט חנען נאָך פון יוגנט,
טאָ לאָז נישט דיין קאַפּריז
אַריבער אים זאָל לוגן,
נישט לערן אים דעם ביס
פון שמייכעלע דעם קלוגן;
ציל אָן דיין וואָרט מיט ריס
צו וואָר און ברייטע צוגן!

ס'איז וואָרט קיין שפּריצל שניי,
וואָס חנדלט זון אַנטקעגן,
און יעדער ווינטל־וויי
פילט אָן מיט גליק זיין רגע;

ס'איז וואָרט היינט מענטש־געשריי,
און טרויעריקער פרעגן,
נישט איינגעשטילטער וויי
אויף שטויב פון פרעמדע וועגן.

אַ וואָרט אַ פרישס פאַרמאָגסט,
ווי פון דער ליפּ דעם זיידענס,
וואָס האָט זיין וואָרט געזאָגט
מיט הייליקייט פון נדר;
אויף דו מיט פליכט אים טראָג
צו די צעשפּרייטע עדהס,
ווי זאַמד פון ווינט צעיאָגט —
פאַרקינדיק פאַר זיי פריידן,
נאָך גרויסן חורבן־טאָג!

צו אַ ברודער

דו ברודער פון די מאַסן,
דו ברודער פון מיין קלאַס,
ביסט ברודערשאַפט מבשר
אויף יעדן ראָג אין גאַס.
דו גלויבסט אין פריד פון ראַסן,
ביסט זייער זעגל־מאַסט,
טראָגסט אַלע מענטשנס משאָס
אַזוי ווי אייגן לאַסט.

איך קוק אין דיינע אויגן,
מיט וועלט־גוטס העל צעגליט,
נאָר אין דיין בליק דיין אייגן
כ'זע אייגן גוטסקייט ניט,
ווי פליענדיקער פויגל
פון אייגן נעסט פאַרפליט;
צום פריינט אין שאָפּ געבויגן —
דיין גוטס קיין גוטס אים גיט.

צו אים ביסטו פאַרביסן,
צו אים ביסטו אָפּט פרעמד,
גלייך ער נעמט צו דיין ביסן,
כאָטש ביידע זייט איר „הענט,“
און ס'איז דיין וועלט־געוויסן
צום שאָפּ־פריינט ניט געווענדט;
די גוטסקייטן די זיסע —
אַלץ ווערט אויף וועלט פאַרשווענדט.

ס'טוט ווי מיר דאָס צו זאָגן
אויף ברודער פון מיין קלאַס,
וואָס וויל וועלטס האַס פאַריאָגן,
כאָטש ער נאָך טראָגט־אום האַס,
אַנשטאָט צוזאַמען טראָגן
אָט די צוזאַמען־לאַסט;
נאָר יענער טאָג וועט טאָגן,
ווען האַס וועט זיין פאַרהאַסט!

צום הימל־שפּרונג...

ניט אויף דער רגעס גנאָד
כ׳וועל בויען מיין געצעלט,
כ׳וועל מיט מיין אייגן טראָט
אַדורכגיין דורך דער וועלט;
זאָל בעסער שוין פון שפּאָט
מיין פּנים זיין צעקרעלט,
ווי אויסזען כ׳זאָל אַ גאָט
פון רגעס האַנט געמעלט.

פאַר צייט איז ניט מיין שרעק,
און יעדע שרעק כ׳באַצווינג,
ס׳איז פאַר געפאַר צעוועקט
מיין וואַכיקער אינסטינקט;
און מיילן צייט — אויף וועג —
אין צייטיקייט כ׳פאַרשלינג,
כ׳זע כּוח פון אַנטפּלעק
אין אַלץ און אין אַלצדינג.

די שפּל־טויטסטע זאַך,
וואָס דו פון דר׳ערד הויבסט אויף,
מיט לעבן איז זי וואַך
און צו איר אויפהויב רופט, —
דער צוגעשמידסטער דאַך
צום הימל־שפּרונג נאָך פּרוּווט;
אויב ס׳אָטעמט נאָך דיין שפּראַך,
אויך לעבט דיין טואונגס גוף!

ס׳איז אומעטיק מיט גוטס אַליין

זי זאָגט: זיי בעסער בייז און שלעכט,
און אויב ס׳וועט וויי־טאָן
מאַכט נישט אויס,
נאָר זאָלסט ניט שטענדיק זיין גערעכט,
און איך זאָל בלייבן שולדיק בלויז;
אַפילו איצט טו איך נישט רעכט,
וואָס כ׳ברענג אויף דרויסן אַלץ אַרויס,
איך פיל אַליין זיך אויך פאַרשוועכט,
וואָס גוטע רואיקייט כ׳צעברויז.

ס׳איז אומעטיק מיט גוטס אַליין,
גוטס אויגן ווילן גאָרנישט־ניט,
בלויז שמאָלן וועג צו קאָנען גיין,
און וואו צו טרעטן שטילע טריט.
איך ווייס, איך ליג אַ שווערן שטיין
אַליין אַרויף אויף מיין געמיט,
בלויז פאַר קאָליר וויל שאַרפער ניין
דערלאַנגען גוטן יאָ אַ שניט.

דאָס שולד־געפיל וואָס נעמט מיך
דורך,
צו גוטס־רעוואָלט ער רעדט מיך אָן,
פאַרמיאוסן דאָס גוטס ער זוכט,
וויל דעם גערעכט להכעיס טאָן;
ס׳ווערט ענגער מיר אַלץ גראַמער שוך,
און כ׳בויער זיך אַליין אַ תּהום, —
נאָר דיין גערעכט מיט שטילן שמוך —
קוקט אין געשטוין אויף מיין געמאָן.

דיין אייגן דענקמאָל־שטיין

מיין פריינט, מיין פריינט, מיין פריינט,
וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? —
עס ליגט דיין טויטער היינט
אין טויטער טיף פון תהום;
דיין לעבן — אויסגעפּיינט,
פאַרזייט מיט קראַנקן זאָם,
מיט קראַנקן צאַנקען שיינט
דאָס ליכט אויף דיין דערמאָן.

מיט דיר געווען איז דריי,
אָן דיר — אויך דרייעק לעבט!
מיין פריינט, מיין פריינט, הלמאַי
האָט מזל דיך געקעפּט? —
ביזט טויט און אַלץ געטריי
פון טויט־קוואַל ווערסט געשעפּט;
אָ, דו, בעל־רחמים זיי
און פון די צוויי פאַרשוועב!

שנעל דריילינג־קייט צעשלאַג,
נישט לאָז די צוויי פאַרגיין,
כאָטש אין געציילטן טאָג
פאַרשווינד פון זייער היים,
פאַרטריקן זייער קלאָג,
וואָס וויל נישט בלייבן שטיין,
אויף אייביקייט דיך טראָגט
דיין אייגן דענקמאָל־שטיין.

מיינע פריינט

מיינע פריינט, מיר איז אומעטיק מיט אייך.
אין האַרצווייטיק גייען אַוועק מיינע טעג
אַהין, וואו קיין פריינטשאַפט דעם וועג ניט באַלייכט.
די אַמאָליקע גוטע צייט — ליגט צוגעדעקט
מיט אַ כמאַרע, וואָס איבער אַ טייך.
אונדזער פריינטשאַפט — זי ווערט ניט מער אַנטפּלעקט
יעדן מאָל, ביים טרעפן זיך מיט אייך.
מיט קאַלטע פּלייצעס גייט איינער פון צווייטן אַוועק.

שווער נאָך צו דערקאָנען בליק קעגן בליק,
פאַרוואָס אונדזער פריינטשאַפט האָט מער ניט קיין פרייד?
און זי רוישט מיט דעם רויש פון ווינטער־פליג,
וואָס מיט צעצויגענע מידע פליגלען ווייט.
אין די בליקן גליט נאָך ניט אַרויס דער קאָנפליקט,
וואָס פּלאָנטערט זיך וואו אין אונדזערע רייד.
צי דערהערט איר די ברכות, וואָס איך שיק
אויף פליגלען פון אונדזער אַמאָליקער פרייד?

דער צו־פרומער צווייפל — ער איז געניט,
ער בויערט אין דער שטילקייט, ווי די מויז...
לאָמיר וועגן און וועגן אין אונדזער געמיט
דעם פאַרוואורף נאָך איידער ער רייסט זיך אַרויס!
און משפט אויף מענטש — ס'אַר אַ טערפקער געבוס אויפן ליפ...
און זיג איבער פריינט — ס'אַר אַ רויער באַרויש!
דאָס גלויבן, וואָס האָט אונדז ביז איצט אָפּגעהיט,
זאָל ניט איינזאַמען אין אַ פאַרלאָזענעם הויז!

מענטשנס גלויבן — מיט האַלדז צום פאַרלענדונג געשטרעקט —
האָט באַלד שוין ניט קיין אָנהאַלט אויף אונדזער וועלט.
ער דאַרף אונדז טייער זיין, ווי שעה פון לעצטע טעג,
ווען אַלץ ווערט אויף נסיון איינגעשטעלט.
איין ברודער־גלויבן האָט אַמאָל געעפנט אונדזער שטעג;
אַרום — געבליט האָט אונדזער פרייַע חבר־פעלד;
פאַרוואָס ווערט ענגער אונדז, ווען שטעג איז שוין געוואָרן וועג,
און אונדזער פריינטשאַפט־רחבות ווערט פאַרשמעלט?...

אָט יענער אַמאָל, דער באַגינען

מען זאָגט, ס'איז שוין ווידער אויס מאָדע
געוואָרן מיט לידער סאָציאַלע,
מען קוקט שוין אויף זיי נישט מיט גנאָדן
ס'איז זייער מערכה געפאַלן.
דער קונסט — דאָך געניג געבראַכט שאָדן
שוין האָבן די טעמעס רעאַלע, —
און ס'ווערן פאַרלאָשן אויף באָדן
די העלע, פאָעטישע שטראַלן.

ס'איז ווידער אַ צייט פאַר עסטעטן,
זיי קאָנען איצט פירן די גרענדע,
מיט בלויע אַבסטראַקציעס זיך זעטן,
און יאָגן דעם עק פון לעגענדע...
ס'איז שווער איצט אויף באָדן צו טרעטן,
נישטאָ דאָרט פאָעזיע, וואָס בלענדיקט;
דער רוף פון גערעכטע, און עטיק, —
דאָס אַלץ האָט דעם חלום געענדיקט...

אַמאַליקע קאַמפן און שטרייטן —
פאַרביטן אויף וואַרימען וואוילטאָג,
פון קאַמף די צעשלאָגענע זייטן —
זיי זיינען שוין לאַנג אויסגעהיילטע;
ניטאָ שוין מאַרקסיסטישע טייטל,
אַז יעדערן קומט גלייך־צעטיילטע...
ס'קוקט אויס דער אַמאָל זיי אַ וויטער,
אַ מעשה — פון לאַנג אַ דערציילטע...

פון אײנעם — באַגלײט װערט מיט שנאה,
פון צװײטן — מיט קלוגיטשקן שמײכל,
אָט יענער אַמאָל, דער באַגינען! —
און ס'װערן פאַרשטעלט זײנע צײכנס,
אַז ס'זאָל זיך זײן שפּור ניט געפינען...
און מיט מיטל־יעריקע כוחות
איצט נעמט מען דעם קונסט־טעמפּל שפּינען,
פול רו, און מיט גרינגערע מוחות...

ס'האָט װידער פאַרכאַפּט די עסטעטן
די װײסע לבנות אין בלויען,
די בליקן — פאַראַנקערט אין עטער,
דער אויער — צום קלאַנג פון שדס טלאָיען; —
װען ס'װאָלט הינטער זײ נאָר ניט שפּעטן
דער ערדישער אומגליק דער רויער,
און ס'שטערט זײ זײן גרויליקער טרעטן, —
און דאָס — זײער שײנקײט פאַרטרויערט...

ס'האָט גאָט דיר פאַר דײן מום באַצאָלט...

ס'האָט גאָט דיר פאַר דײן מום באַצאָלט,
באַשטראָפט האָט ער דײן פּנים בלויז,
און אפשר האָט ער גוט געװאָלט,
װאָס דו ביסט מיט אַ מום אַרויס.
ס'איז װי דער מאָלער בילד זײנס מאָלט:
אויף זוניק אָרט שפּרײט שאָטן אויס,
כדי דאָס גאַנצע זונען־גאָלד
זאָל פאַרן בליק נישט זײן אַנטבלויזט.

און דו ביסט אַנדערש נאָך פאַרהיט,
און אפשר איז עס אויך באַשערט,
חוץ דאָס, װאָס שאָטן שטראַלן גיט —
ער מאַכט דיך שאָטנדיק פאַרקלערט;
אין פאַלדן־קלײד דײן שלאַנקײט בליט,
פאַרקלערט און גרינג דײן טראָט אויף דר'ערד:
פאַרשאָטנט שײנקײט מערער ציט,
און בענקט פון בליק צו זײן פאַרצערט.

נאָר חוץ די שיינקייטן — אַ חן
פון דיין באַמומטן פּנים ווייט,
אַן חן — אויך שיינקייט איז ניט שיין,
אין חן די קראַפט פון שיין באַשטייט,
ווי זון באַגינענ קומט צו גיין
באַחנען פּראָסטן קאָרן־קוויט —
און ס׳ווערט דיין שטראָף־באַמומטער ניין
מיט חנעוודיקן יאָ באַצווייט.

ס׳ווערט שווער אויך טרייסט צו טראָגן...

ס׳האָט היינט מיך מי צעשלאָגן
ווי ווינט — אַ ברוינעם עפּל,
ס׳איז נישט פֿאַר מיר צו קלאָגן, —
דאָך שווער אָפּט יאָך צו שלעפּן;
כאָטש ס׳וויגט נאָך אַלץ מיין לאָגל
כ׳זאָל טרייסט פון דאָרטן שעפּן;
ס׳ווערט שווער אויך טרייסט צו טראָגן
אויף זיגזאַגנדיקע טרעפּן.

נאָר ס׳טאָר מיין מי נישט הערן
די זיפצן מיינע וויינען,
ווייל ס׳וועלן אָט די פּערל
פֿאַר איר מיר ניט באַשעינען;

די מי וועט ווערן שווערער,
און האַרט ווי קיזל־שטיינער,
און כ׳וועל איר כעס דערהערן
אויף מיינע האַרטע ביינער.

אָ, כ׳ווייס איר קידער־ווידער,
די מי — איז קיינמאָל מוחל, —
און כ׳נעם צונויף זיך ווידער
מיט נייע מיאונג־כוחות;
מוזט זיין מיט מי פאַרברידערט,
מיט פריינטשאַפט מוזט איר גרייכן,
ווען טוסט דיין מי צופרידן,
באַווייזט זי דיר איר שמייכל.

איך האָב אַ זון אין ארץ־ישראל!

דעם קדוש זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש,
מיין ליבן פריינט און רוסיש־לערער
אין 1906 אין ווילנע.

„איך לאָך פון אייך, איר וועט מיך ניט דערשרעקן,
איך האָב אַ זון אין ארץ־ישראל!״ —
ווען איר וועט מיר אין דעם פאַרלענד פאַרמעקן,
וועט ער אַ היים פאַר מיר דאָרט בויען;
אָ, גיט מיר נאָך פון אייער האַס און עקל,
כ׳וועל טרינקען יעדן יידס בזיון,
מיט חרפה־בלוט גיסט־איבער מיר דעם בעקן,
מיין זון וועט אין ישראל דאָען! —

כ׳בין טרויעריקער קברן, כ׳בין מקבר
דעם יידנס האָב, דעם יידנס ספרים;
מיט שמחה, רוצחים, כ׳בין דעם טויט מקבל,
כ׳וויל זיין לעם מיינע יידן־קברים!
נאָר נישט פאַרלענדן וועט איר יידס להבא,
זיין חומר בלויז קאָן גיין פאַרלאָרן, —
איך האָב אַ זון דאָרט אין דעם לאַנד פון שבת,
יידס גייסט ווערט דאָרט אויף ס׳ניי געבאָרן!

לאָזט טרינקען מיר דעם יידנס פרומע בושה,
ס׳איז גבורה דאָ אין יידס הכנעה;
פון ייד דעם היילקן דעם דרעק כ׳טו קושן,
ווען כ׳וואַש זיין אָפּטרעט שטומע שעהן,
און יעדן ליבן ייד — כ׳היט אָפּ מיט קדושה,
אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר דעם פאַרטרויען;
איר וועט נישט אומברענגען דעם יידס ירושה, —
איך האָב אַ זון אין ארץ־ישראל!

איך האָב אַ חלום־טרייסט פאַר דיר...

איך האָב אַ חלום־טרייסט פאַר דיר, איך האָב,
פאַר דיר מיט שווערן אומגליק זאַק אויף רוקן,
וואָס לעמען וועט די צונג פון שוואַרצער ראָב,
זי זאָל נישט ריידן מער פון דיין פאַרצוקונג;
נישט אַלץ איז אומגעקומען פון דיין האָב,
איך זע אַ שטראַל אין חושך דאָרט ווי אויג זיך צוקן,
איך זע צוויי לעבעדיקע, — קאָפּ צו קאָפּ —
פון דעם הרוגים־באַרג אויף דיר שטיל קוקן.

דו מוזסט אויף ס׳ניי איצט אויפהייבן דיין בליק,
וואָס דו האָסט שוין געלאָזט אויף דר׳ערד זיך שלעפן,
ווי דעם געקעפּטנס האָפנונגען צעפליקט
זיך וואַלגערן צעבלוטיקט נאָך דער קעפּונג...
הויב אויף די אויגן דיינע צו דעם הימל קריק,
און וועסט אַ שטראַל דערזען אין חושך־נעפּל;
היינט קומט אין בלוט דאָך אויסגעוויינט דאָס גליק,
וואָס שטייגט אַרויף צו לעבעדיקע טרעפּן...

איך האָב פאַר דיר אַ חלום אויסגעדאַכט,
וואָס האָט מיט בליאונג־בליט זיך אָנגענומען,
דער דור וואָס אויף דער וועלט דו האָסט געבראַכט,
איז פון דעם תלינס האַנט נישט אומגעקומען,
ער איז מיט מוטער זיינער לעבעדיק באַוואַכט,
און טויט האָט זיי אין מאַלצייט נישט פאַרנומען;
ס'האָט גאָט דאָך עדהס גאַנצע אומגעבראַכט,
צו ראַטעווען אַ רעשטלינג פון זיין אומה!

וואָס שטייסטו טראַכטנדיק, פון ווייט כאָטש האָלדז
זיי ביידן דאָרט, מיט דיינע דינע אָרעמס;
דערקענסט זיי דען נישט אין דעם שיין דעם שטראָלס,
דו קענסט זיי נאָך נישט זען אינגאַנצן וואָרע? —
צי פאַרשנדיקער בליק דיינס וואָס דו האָלטסט
אין רוים צעשטרעקט, האָט זיך אַ ווייל פאַרלאָרן,
און דיינע האָלדזונגען אויף שפּעטער דו באַהאַלטסט
ווען דו דערזען וועסט די געשטאַלטן קלאָרע? —

מיין זון, דו זעכצניעריקער

מיין זון, דו זעכצניעריקער,
ווי פויגל פאַרן ערשטן פלי,
מיט קנופּ פאַרלאַנגען און באַגער
שטייט גרייט צום שפּרונג דיין
יונגע קני.
דאָך ווייסטו אַלץ, און ווייסט נאָך מער,
נאָך וואָס דערפאַרונגען און מי? —
טראַכטסט, פולער טאָג ווייס ווינציקער
ווי ערשט צעצונדענער פאַרפרי.

דו, זון מיינס, מיט דיין פויגל־שוועב,
ווי אָפט טרעט־אָן דיין יונגער טראָט;
ס'איז שווער צו זיין דער יוגנטס טרעפּ,
די יוגנט איז אַ דעספּאָט־גאָט,
וואָס נאָר אויף צערטלעכקייטן לעבט,
און אָפן וויל זי יעדן סוד,
און קוואַלן וויל זי אויסגעשעפּט,
און ווידערשפּעניקן געבאָט.

נו, שטראָף איך דיך ניט, זון, דערפאַר,
כאָטש ליבשאַפט האָט אויך ליב
אין שטראָף;
די יוגנט איז דער קלוגער נאַר,
וואָס הויבט אָן גיין ביים וועג פון סוף;
דער סוף איז ניט אַ הימל־גזר,
נאָר ס'איז דעם אָנהויבס לעצטער לאָף,
ס'איז שיין די יוגנט אין איר זשאַר
מיט הייסן חלום אין דעם שלאָף.

כ'ווייס, שיינקייט קאָן אויך
וואַקסן ווילד,
כאָטש ווילד איז ניט די שיינקייטס־זאָם;
כ'זע גוטס אויף דיין יונג פּנים שפּילט
מיט פרישן טוי, פון רויטן מאָן,
כ'זע גוטס דיינס, וואָס איז נאָך
פאַרהילט,
און פילט דיך שטיל מיט גלויבן אָן;

פאַר מיר שווימט אויף דיין
צוקונפט־בילד:
דיין גלויבן וועט אויף גלויביק טאָן;

ס'וועט יענער שולד זיינס טראָגן,
און מאַכט מיט דיר אַ ליכטיק באַנד,

ער בינדט דיך מיט דער וועלט צונויף,
ווי ס'בינדט רצועה יידנס האַנט,
וואָס שניידט איין גלויבן, גוטסקייט־חוב;
ווייל גלויבן לערנט ווידערשטאַנד,
פאַרגאַרטלט אין אַ גבורה־רייף,
צו דורכגיין יעדע צאַמונג־וואַנט.

משפחה איז מיר טייער...

אויף ברודער מעג זיין קעגן,
און קעגנער בלייבן ברידער,
פון שיידוועג אַלע וועגן
זיך בינדן קריקוועגס ווידער;
צו גיין דעם שטראָם אַנטקעגן —
איז אָפט מענטשס בעסטע מידה,
נאָר ס'איז די ערגסטע פגע
אינגאַנצן זיין צעגלידערט.

צעגלידערט און צעזונדערט
ביז אָפּגרונטיקער שנאה,
(ס'ווערט ברודערשאַפט געשונדן
אָן ברודערלעכן זינען);
דאָ קען שוין גרעסטער וואונדער
צונויפבונד נישט געפינען,
אויף קיינמאָל זיין פאַרבונדן
די שיידונגען צערינען.

אַצינד, נאָך שרפה גרויסער,
נאָך סאַרפעדיקסטע פלאַמען,
שטייט נאַקעט אונדזער דרויסן
מיט שוואַרץ־פאַרקוילטע שטאַמען.
פאַרלאָזט — משפחה־שויסן,
צעשיידט איז דער צוזאַמען,
אויף אַלץ ליגט פיינטשאַפט־חותם
מיט שאַרף פון שיידונג־צאַמען.

אויף וועמען זיך באַקלאָגן,
און ווער איז דער בעל־חיוב?
נאָר איך צו זיך קען זאָגן:
ס'פאַרלענדט אונדז ברודער־פייער.
מיין וואָרט וועט קיינעם שלאָגן,
משפחה איז מיר טייער,
ס'לייגט גלויבן יאָכן דיך אַרויף,
ווער שיידונג איז מטהר!

רעמבראַנדט

די ליכט־ און שאָטן־פאַרבן פון רעמבראַנדט,
די שטיל פאַרצערנדיקע פלאַמען, —
ווי כוואַליעס נורען זיך אין ברעג געצאַמט,
און זיינען שטאַרקער פון די צאַמער.

ס'ווערט יעדער ניי־געבורט אַדורכגעהעלט
מיט ערשטער, ליכטיקער באַרירונג;
ווי קינד, אין מוטערס בויך, גייט דורך די וועלט
דעם סאַמע אָנהויב פון יצירה.

ווי פרישע ערד — זיין טונקל־שוואַרצער גרונט,
אַ שטראַליקייט שפּאַרט דורך זיין ליוונט.
ס'איז פרויען־לייב מיט העלן ליכט באַזונט,
געלייטערט אָטעמט יונגע תאווה;

זיין פאַרב פאַראייביקטער, — אויף לייוונט שפּילט,
און וואָלקנדלעך — אין ליכט זיך יאָגן;
די גרויע וואָר אין שיינקייט איינגעהילט,
און חלום, — פון אַן אייביק טאָגן.

פונוואַנען, וואָרט ?...

ס'איז וואָרט געוואָרן פּלוצים גרינג,
מיין צונג ווערט פון זיין טוי מיר פייכט,
און פון זיין אָטעם — אָטעם כ'טרינק,
איך ווער די כוואַליע פון זיין טייך;
נאָך איידער כ'רעד אים אויס —
ער זינגט,
נאָך איידער כ'גלי אים אָן — ער לייכט,
צום שטערן — ווי אַ שטערן ווינקט,
צום ווינטל — ווי אַ ווינטל שלייכט.

איז וואָס מיט מיר היינט, צי מיט אים,
מיט וועמען איז געשען דער בייט?
פונוואַנען, וואָרט, ביסט טויאיק, גרין,
ווען ניט פאַר גרין איז איצט די צייט?

האָסט אין דורכזיכטיקסטן געשפּין,
מיין וואָרט, זיך פּלוצימדיק באַנייט,
געוועזן פאַר'צער'ט איז דאָך דיין שטים,
ווער האָט דיך פון דיין צער באַפרייט?

ניין, ס'האָט זיך דורכגעריסן בלויז
אין אונדז אַ ניט דערפרייטע פרייד,
זי איז אַריין — אויף קריק אַרויס,
בלויז רגעדיק האָט אונדז באַוויט;
נאָר פרעמד איז דאָך דער לייכטער רויש
פאַר דעם וואָס שווערע טראָטן גייט,
ער קוקט ווי פרייד זיינס לעשט
זיך אויס,
און אַן באַדויער איר באַגלייט.

אין ווייטקייט זע איך נאָך דיין ליכט...

דו האָסט אינמיטן פון דיין גאַנג
זיך איינגעשלאָסן אין אַן עיגול,
וואָס לאָזט נישט אָנהייב פון געדאַנק
דערפליען פריי אויף זיינע פליגל;
דו ביסט גענומען אין געפאַנג
פון זילבער־וואַנט אין אייגן שפּיגל;
איך וויל נישט בינדן מיין פאַרלאַנג,
און אויך מיט דיר קיין קריג
נישט קריגן...

איך רוף דיך נישט מיין וועג צו גיין,
וואו ס'וואָלט געוועזן מיט דיר נאָך בעסער;
איך גיי דעם שווערן וועג אַליין,
כאָטש ס'ווערט אין גאַנג די שווערקייט
גרעסער.
און אויב פון מידקייט כ'בלייב ווען שטיין
אינמיטן, ווי אַן אַלץ פאַרגעסן —
דאָס ציט מיך צו אַ גרינער פּליין
מיט קלאָרע וועסערלעך באַוועסערט.

און פאַר דער שווערקייט כ'ווער באַצאָלט,
ס'וועדט גאָר די מידיקייט פאַרשוואונדן;
זאָל זיין, ס'האָט אויג מיינס אויסגעמאָלט
פאַר מיר אַליין געגאַרטע וואונדער.
די גלידער — ווידער אָנגעשטאָלט,
מיין אויג — אויף ס'ניי ווערט אָנגעצונדן,
מיין וועג — אין טאָלן איינגעטאָלט —
כ'ווער צו דער שיינקייט צוגעבונדן.

און איך באַדויער דאָן אין זיך
פאַרוואָס דו גייסט מיט מיר נישט מיט.
אויך דו וואָלסט שיינקייט אומגעריכט
דערזען דאָן פאַר דיין בליק צעבליט;
און איך — די טריט אויף ס'ניי פאַרגיך,
די שיינקייט — מיר אַנטקעגן פליט,
אין ווייטקייט זע איך נאָך דיין ליכט,
וואָס אין מיין אויג פאַרלעשט זיך ניט.

דו זאָלסט מצליח זיין...

דו פאָרסט אַוועק, — טאָ פאַר געזונטערהייט,
האָסט מיר אַ קאַלטן זיי־געזונט געזאָגט;
דו ביסט נישט גרויס געגוג צו זיין אויך ברייט,
און דאָס וואָלט אויך דיין גרויס געגעבן וואָג.
ווען ס'איז זונס ליכט אויף גאַנצן רוים צעשפּרייט,
האָט זון אַליין אויך ליכטיקערן טאָג,
און אַזאַ ליכט אין שטח לענגער שטייט,
מיט וואָלקן־טונקלקייט זיך לענגער שלאָגט.

פון איבערפולקייט נאָר מיט זיך אַליין,
ווערט ענג אויך דיר, מוזסט זוכן נייעם רוים;
ס'איז שווער אין זיך אַליין בלויז איינצושטיין, —
אויף צווייגן דאָך צעצווייגט איז גרעסטער בוים!
לאָז פולקייט דיינע איבער פאַרן גיין,
ווערסט באַלד פאַרטרונקען דאָך פון איבערשוים;
פון זעלבסט־געטראַנק דיך אייליקן די ציין,
זאַפּסט אַלץ אַריין אין זיך אַליין ווי שוואוים.

זאָל דיך מצליח זיין דער ווייטער וועג,
צו יענעם, נישט צו זיך איז איצט דיין גאַנג;
דייך ברודערס ווילן אין זיין האַרץ אַנטפלעק,
זיין ווילן איינגעקנוילט פון מורא־שלאַנג;
דו קום נישט נעמען איצט, דו גיב אַוועק,
ווער פול איצט מיט דעם אַנדערנס פאַרלאַנג, —
דו זע, די תבואה אין די שניטצייט־טעג,
ווי ס'רייסט צו געבן זיך אין פעלד די זאַנג!

דער עדות

פון דאָרט אַן עדות פאַר מיר שטייט,
וואָס צוגעזען האָט אַלץ זיין בליק,
דער פיל־מיליאָנענדיקער טויט
נאָך וואַרעם אין זיין ראיה ליגט;
געווען זיין זע־קראַפט אויסגעשפּרייט
מיט מיילן פלאַקערדיקן קריג,
אַ שטיק „געווען" — פאַרבלוטיקט רויט
האָט זיין שוואַרצאַפּל אָפּגעדריקט.

אָט שטייט ער קעגן אונדז און רעדט,
און פון די אויגן זיינע בליצט
דער פלאַם פון די פאַרברענטע שטעט
מיט מענטשן־אַש, און פונק־געשפּריץ;
און דאָס געשעענע געשעט
אויף ס'ניי אין פלאַמען פאַר אונדז איצט,
אַ לעצטן קול, אַ לעצט געבעט
איך גרויס געפאַר האָט ער באַשיצט.

ער איז געווען אין מיטן בראַנד,
ווי יעדער קריגער אויפן פעלד,
ער האָט אַליין אין פלאַם געפלאַמט
און מיט זיין מסירות האָט באַהעלט
דעם מסירותדיקן ווידערשטאַנד
פון יעדן קעמפנדיקן העלד,
זיך אויסצוקויפן פון דער שאַנד,
וואָס וויל דעם מענטש אויף קני
געשטעלט!

ער האָט געזען ווי אָט די שלאַכט
מאַכט אין איין טאָג פון יונג —
גרוי־אַלט,
ווי ס'ווערן לעבנס אומגעבראַכט,
ווי ס'שטאַרבט מענטשס קול און
ווערט פאַרשאַלט, —

און זייער אַרב אין אים דערוואַכט,
און יענעמס בליק דורך זיינעם שטראַלט,
מיט יענעמס קול ער שרייט און לאַכט,
און אים אויף אייביקייט באַהאַלט.

אויך ייד פאַרצוקטער האָט גערעדט
אין זיינע וויטיקדיקע רייד,
ער האָט געקענט דעם טמא־שד
מיט רויבערישן אינגעווייד,
וואָס האָט געפרעסן ייד צוזעט,
און נאָך מער גרויל פאַר ייד געגרייט;
דער עדות מאָנט, דער עדות בעט: —
— „בישט מיינט דער שונא איז שוין
טויט!"

מיט פשוטקייט, ווי אמת ריין,
זיין ברייטער קול איז אָנגעלאָדט,
אַזוי רעדט דער, וואָס ער אַליין
פאַר אמת שענקט זיין יעדן טראָט;
די אַלטסטע ווערטער קריגן חן,
אין זייער טאָן אַ מענטשס געבאָט, —
זיין וואָרט — פריש־שפּיצעדיק געשטיין
נאָר־וואָס צעשפּאָלטן פונעם דלאָט;

פּאַשיזם — אָט דאָס שטייניק וואָרט
פאַר יעדער דיכטערישער צונג, —
מיט קאַמף ער ווערט פאַר אים געפּאָרט,
ער שענקט זיין זעאונג אים און שוואונג:
— „נישט גיט דער פינצטערניש
קיין פּאָרט,
צו מאַכן איר פאַראַנקערונג,
ער זעגלט טויט און קינדער־מאָרד,
ווייל כ'ווייס, איך קען דער חיהס
שפּרונג!"

צוויי ווערטער

1

טראַץ

איך בעט זיך איבער מיטן „טראַץ,“
דאָס וואָרט, וואָס איך האָב אָפט
גערהאַסט,
מיט גאַל אויף אים אַראָפּגעגלאָצט,
און שטענדיק פון זיין שטאַם געשפּאַסט.
האָב ניט פאַרטראָגן אַט דעם שקאַץ,
טראַץ וואָס ער האָט אַזוי געפּאַסט,
נאַטירלעך אין דעם זאַץ געשפּראַצט, —
נאָר כ'האָב פאַרטריבן אַלץ דעם גאַסט.

דורך אים האָב אָנגעלייגט פיל וועג,
אָבי פאַריאָגן אים פון זאַץ,
געגאַנגען אויף פאַרוואָקסן שטעג,
מיט ווערטער־שפּיץ געדאַנק צעקראַצט;
ביז כ'האָב באַשלאָסן, אַז איך מעג
אין שורה געבן אים אַ פּלאַץ,
טראַץ יחוס זיינער איז פאַרפלעקט,
און קוקט מיט טראַציקייט פון לאַץ...

2

געַנוּס

איך וועל דערפאַר מיט וואָרט „גענוס“
ניט שלום מאַכן, קיינמאָל, ניין!
האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אַ מוז:
ער זאָל ניט אין מיין שורה שטיין.
כ'האָב פיינט אַזאַ, וואָס אָן פאַרדרוס,
זיך לעבט מיט קייענדיקע ציין;
גייט ביינלדיק, קייט יעדן שטות,
קען פון הנאה איבערגיין...

•

גענוס — ביי אים איז אַלץ אַ זאַך,
מיט קונסט ביז גאָר איז ער דערפרייט.
ער שטראַלט ווי אונטער שטערן־דאַך,
געניסט, ווען העלד פון ווי פאַרגייט,
ווי וואָרט וואָלט ניט געלעבט
אין שפּראַך,
ווי בלוט וואָלט ניט געווען רויט.
זיין חוש־הנאה — שטענדיק וואַך,
גענוס — געניסט אויך גרויל פון טויט.

אַנאַנאַס

איך האָב בכיוון מיין געדאַנק
אין ענגן פורעם איינגעפּאַסט:
אים זאָל פאַרצאַמען פורעם־צוואַנג,
ווי שטעכיק הויט — דעם אַנאַנאַס!

דעם פרייען פויגל פון מיין האַרץ
געוואוין איך איין יאַך פון וואַנט,
איך ברען אים אָפּ מיט פלאַם
פון האַרבסט,
נאָך פאַרן פלי צום מאָרגן־לאַנד.

עס זאָל ניט שטאַלץ זיין מיין
געדאַנק
ווען וועלט אָן איינגעבויגטע שטייט;
זיין לייב מוז וואונדיקן פון צוואַנג
נאָך איידער ער איז פליען גרייט.

עס מוז פאַרבאָרגן זיין אַ זין,
פאַרוואָס נאַטור האָט איינגעפּאַסט
דאָס שענסטע לייב פון פרוכטן־מין
אין שטעכיק הויט פון אַנאַנאַס!

אָ, טרייסט אונדז ווידער !...

צום 70־יעריקן געבוירנטאָג פון אברהם רייזען

איך האָב פאַרבענקט זיך נאָך דעם רייזענישן ליד,
און כ׳וואָלט מיט פרייד געבענטשט אַזוי זיין ליבן אומקער,
צי האָט זיך ליד אין הייסן האַרץ זיינס אויסגעגליט,
ווי ס׳וואָלט אים זון ווי זומער־רעגן אויסגעטרונקען ?
זיין ליד — צעזונטער זאַנג אין ערשטן יום־טוב שניט —
האָט פריש געהעלט מיט ניי־באַגינענדיקע פונקען ;
דורך ווייטע שטרעקעס — ניגון איצט צו מיר זיך ציט,
פון ברויזנדיקער צייט פאַרשטעלט, נאָר נישט פאַרטונקלט.

פון פאָלקס מויל האָט צו אונדז אָט יענע ליד גערעדט,
און קריק צום פאָלק האָט שענער נאָך זיין ליד געקלונגען,
וואָס האָט געהויכט מיט רוף, מיט טרייסטונג און געבעט,
געווען אין אים אַזוי פיל צער און גוטסקייט־הונגער ;
און „אומעטיק קינד מיינס” דעם אויער האָט געגלעט,
און פאַר די אומעטיקע האָט ער טרייסט געזונגען ;
זיין פשוט וואָרט — מיט יונגער גלויביקייט געזעט —
דורך אַלע וויטן האָט די הערצער דורכגעדרונגען.

פאַרכאַפּט האָט אַלעמען אָט יענער האַרציק קלאַנג,
אָט יענע ווייכקייט פון דעם „קינד מיינס,” יענער צערטל,
און ס׳איז געווען אַ נייער חלומדיקער גאַנג,
מיט העלער חלום־בליאונג אין די הערצער־גערטנער ;
און שיין אַזוי איז יענער קוואַליקער געזאַנג,
וואָס נייער דור אין זיינע גלויבונגען געבערט זיי !
זיין ליד — פאַראויסגעזאָגט, געשמייכלט און פאַרלאַנגט,
ווייל ס׳האָט פאַרלאַנג פון פאָלק געגליט אין זיינע ווערטער.

זיין גרינגע פשוטקייט האָט אַנדערע געלאָקט
צו פּרוּאוון אויך ווי ער צו ריידן אַזוי פשוט,
נאָר ס׳איז אין קלאַנג פון וואָרט פאַראַנען אַזאַ וואָג,
וואָס ווייזט צעבלאָזטן איבערפלוס און וואָרט־ממשות,
און ס׳טאָר נישט איבערוועגן פשוטקייט פון זאָג,
וואָס דאָס איז גרעסטער סוד פון לעבעדיקן לשון ;
ניט יעדער ווייסט דעם סוד, וואָס פשוט וואָרט פאַרמאָגט,
כדי ער זאָל ניט קלינגען אַלט און אויסגעדראָשן...

אָ, טרייסט אונדז ווידער מיט אַמאָליקן געמיט,
באַטש ס׳וועלן באַלד די זיבעציק צו דיר דערגרייכן;
מיר דאַרפן ווידער אָנהויבן מיט ערשטע טריט
אין אַ צעברעכנטער וועלט מיט קנוילן חורבה־רויכן;
אָ, קום אויף ס׳ניי מיט צערטל פּשוטן אין ליד,
וואָס זאָל די האַרטע וואונדן ווי אַ היילונג ווייכן —
צו־טרוקן ווערט היינט וואָרט פון לעבן אויסגעשמידט,
אים פעלט דיין פּשוטקייט, דיין רייזענישער שמייכל...

דער מענטש פון ערד — צו ערד קומט קריק...

זאָגסט מענטש אויף יידיש — קנאַפּ
און בלאַס,
דער איינזילב־וואָרט ברענגט ניט אַרויס
פאַר דיר די פולקייט פון בר־נש;
זאָגסט אַנטראָפּאָס — און ס׳שפּרייט
זיך אויס
אַ רוים, ווי ים — פאַר שטאָלצן מאָסט!
צי וואָרט — וואָס העלט מיט
גאָט־געברויז
און וועלט־לאַסט, ווען דו זאָגסט אַטלאַס;
אויף יידיש — מענטש — אַ צייכן בלויז.

זאָגסט מאַמע! — העל אין אויער
קלינגט,
אויף פאַרן אויג שיינט אָפּ דער קלאַנג,
צו ערשטער קינדשאַפט דיך פאַראינגט,
ס׳נעמט ווידער גרינען דער פונלאַנג.
זיין מאַמעס מילך דאָס עופהל שלינגט
צוזאַמען מיט איר וויג־געזאַנג;
זאָגסט מאַמע — און ווערסט ווידער
קינד,
דו הערסט און זעסט דער מאַמעס
גאַנג.

זאָגסט אָדם! — פאַרן קלאַנג און בליק
בראשית־וויטקייט זיך צעשפּרייט,
דער מענטש אין דעם גן־עדן גליק,
שלאַנג — ערשטע זינד אין חוהן זייט;
זעסט קין־הבלשן קאָנפליקט,
אין מבול — נחס תיבה גייט,
דער מענטש פון ערד—צו ערד קומט קריק,
מיט פּנים־שוויס עסט מענטש זיין ברויט.

ווי טיף דער גרונט פון ווערטער־ערד,
אַן אוצר־הייל צו גראָבן זיך;
דאָס וואָרט, וואָס שיינקייטן געבערט,
ליגט רוי נאָך אין דער טיפסטער שיכט.
מיט ליבשאַפט מוז זיין וואָרט געהערט,
געלייטערט דורך דעם אויגן־ליכט, —
ווי מיט דימענסיעס פיל עס ווערט
געוואויגן איידלסטער געוויכט.

מאָרגן...

די מידקייט פון מיין אַרבעט־האַנט
מיך סטראַשעט אַלץ; איך קאָן ניט
מער;
מלחמה פירן מיר באַנאַנד,
ביז זיגן וועט דאָך אימיצער.

און כ׳גיב דערווייל אַ ווידערשטאַנד,
די מידקייט־טענות איך צעשטער,
און כ׳האַלט אין מי מיין האַנט
געשפּאַנט,
כ׳לאָז רגע ניט מיין האַנט זיין לער.

נו, ווערט זי נאָכגעביק צו מיר
(ווי ס׳טוט אַ גליד פון מיאונגס־קלאַס),
נאָר ס׳גיט אַ קלעם באַלד קלוגע ניר,
וואָס האָט די מרידה דאָך פאַרפאַסט, —
די ניר איז דאָך די הינטער טיר,
וואָס לאָזט נישט צו מיין האַנט
צו לאַסט,
זי קלעמט פון גוף זיין יעדן ריר,
פון טריישאַפט כלומרשט, ניט פאַר
כעס.

כ׳בלייב שטיין אַ ווייל ווי אַ סטראַטעג,
וואָס זוכטביים פיינט צו קריגן צייט,
די כוחות פון דער ניר איך וועג:
ווי שטאַרק איר קלעם, איר ציל
ווי ווייט?
באַשליס איך, ס׳איז היינט אויסער
שרעק,
כ׳באַקוק מיט זיג מיין מידיקייט,
כ׳גיי ווידער צו מיין מי אַוועק, —
נאָר זיג איך מאָרגנדיקן שטרייט?

איך פאַרמאָג אַ פּאָר ווילִיקע הענט...

איך פאַרמאָג אַ פּאָר ווילִיקע הענט,
וואָס פּאָר זיי האָט זיך מי אויסגעלאָזט
אונטער זיי ווערט די אַרבעט פאַרברענט,
גאַנצער אוצר פאַר אַ באַלעבאָס.
אויפן מאַרק ברענג איך איצט
די פּאָר הענט
מיטן פאַרבלאָזן פאַרב: אַרבעטסלאָז;
ס׳איז אַ פאַרב, וואָס די אויגן פאַרשעמט,
און די ליפּן פאַרשליסט אויף אַ שלאָס.

אָט גיט איינער אַ קוק, שטעלט זיך אָפּ,
מיט געניטשאַפט זיין סחורה באַטראַכט,
נאָר דאָס זילבערן גרוי אויף מיין קאָפּ
האָט דעם נייגיר זיינס טעמפּ
באַלד געמאַכט;
אָט דאָס גרוי, — זילבער־טייערע גאָב,

וואָס דער יאָרן־קרייז האָט מיר
געבראַכט,
פאַלט אין ווערט גלייך ביים סוחר אַראָפּ,
כאָטש אַ גרוי אים אַליין האָט באַוואַכט.

ווען ער ווייסט, ווי די ווילִיקע הענט
ווי אַ ווינטמיל זיך טראָגן געשווינד,
וויפיל מי ס׳ווערט דערווייל
פאַרשווענדט,
צייט מיט גאָלד־גלייך אין ניוועץ
צערינט!
מיינע ליפּן, פאַרשלאָסן, פאַרקלעמט,
האָבן טריי צו מיין שוויגן געדינט,
און אין גאַס מיט די אַנדערע „הענט"
זיך נאָך ענגער מיין פריינטשאַפט
פאַרבינדט.

האַנט נומער פערצן

ביז איצט בין איך געווען אַ האַנט,
וואָס מיט מיין נאָמען זיך גערופן,
נאָר כ׳האַלט אין שטייגן נאָכאַנאַנד,
כמעט דערשטיגן העכסטע שטופע.

מען טשעפּעט מער מיין נאָמען ניט,
איצט רופט מען מיך „האַנט נומער פערצן,"
צו וואָס כ׳זאָל זיין אומזיסט באַמיט,
אָט דאָס הייסט פילנדיקע הערצער!

די באַלעבאַטים מען באַרעדט,
מע רופט אומזיסט זיי שלעכט נעמען,
און דאָ, די איידלקייט, אָט זעט,
אַ נאָמען וויל מען ניט פאַרשעמען!

און כ'שטיי צוגלייך מיט אַלע הענט,
און יעדער מיט זיין שטומען נומער,
אין פלאַמענדיקער מי פאַרבלענדט,
ביז האַלדז מיט לייב און לעב פאַרנומען.

כ'הער „פּערצן" רופן אויפן קול,
ס'קלינגט זיס מיר מיין דערגרייכטע
שטופע,
און כ'ענטפער ניט, ווען כ'הער אַמאָל
מיין נאָמען דורך אַ טעות רופן.

און ווען כ'דערשלינג אַ רגע צייט
אין מי, נישט ווילנדיק, מסתמא,
אַלץ טראַכט איך פון די איידללייט,
וואָס שאַנעווען פון האַנט דעם
נאָמען!

קאַלטע פלייצע

מיין חבר וויזט מיר קאַלטע פלייצע,
כאָטש ער גאָר ווייסט ניט, אַז ער ווייזט,
ער גיט גאָר, דאַכט זיך, גוטע עצות,
נאָר מיט די עצות מער נאָך שמייסט;
פאַרדריסט; ער איז נישט פון די לצים,
וואָס האַנדלען מיטן ביסל גייסט,
מיט פרומער מינע זיינען יוצא,
אַבי דאָס שווארצקייט צוגעווייסט.

אַלץ איך און איך, אין זיך פאַרהוילן;
מען דאַרף פאַר פליגל אויסגעשפרייטע
אַ העכער פלי ווי בלויז פיר איילן!

כ'וויל אַלטן חבר דאָך נישט ווי טאָן
(אויף צרות נאָך אַ שטיקל חולה);
ער שפילט זיך אום אַלץ מיט זיין לייטער
און האַלט די שטאַפּלען אין איין ציילן,
אַליין נאָר צווישן עולם גייט ער,

ניין, כ'וועל מיין פריינט נישט
איבערמאַכן
(אויך אויף עקשנות איז ער קראַנק);
דאָך האָט ער שיינקייט פיל פאַרטאַכלט
אויף אייגן איך זיינס אין זיין גאַנג;
כ'באַצאַל אים נישט מיט „זיסער ראַכע,"
וואָס קאַלטע פלייצע ער דערלאַנגט.
כ'רעד בלויז פון האַרץ אַראָפּ, פאַר פחד,
ס'זאָל דאָרט פאַרדראָס נישט
וואוינען לאַנג.

איך ברענג היינט צו עלנטער קבורה...

איך ברענג היינט צו עלנטער קבורה
אַ פריינטשאַפט אַ גוטע,
וואָס האָט פאַר דער צייט אויס־
געשטורעמט
די לעצטע מינוטן.
איך האָב נישט געבראַכט איר יסורים,
נאָר שטענדיק געמוטיקט;
איך קוק אויף איר שוויגיקער צורה:
ליג, ליג אַ באַרוטע!

מיין חבר, ער איז נישט געקומען
די פריינטשאַפט באַגלייטן.
זי איז דורך זיין האַנט אומגעקומען,
פאַרגאַנגען פון ווייטיק.
וועל איינפלאַנצן זוימען פון בלומען
ביי איר אויפן בעיטל;
און אויפבליען וועט אַלע זומער
די פריינטשאַפט די טויטע.

מיין חבר דערפֿון וועט ניט וויסן,
ער דאַרף עס ניט האָבן;
ביי אים קאָן זי, מאָרגן נאָך מיתה,
ביים פּלויט זיין באַגראָבן.

אַ פֿריינטשאַפֿט, דו לייבלעכע תּפֿיסה,
מיט טייערסטע גאָבן —
ער האָט זיך פֿון דיר אויסגעריסן,
ער דאַרף דיך נישט האָבן!

דיך פֿאַרשטיי איך...

דיך פֿאַרשטיי איך, דיך קאָן איך
פֿאַרשטיין,
ווילסט געטריי זיין געדאַנק, וואָס
דו טראַכסט,
אין דיין טאַט אויבנאויף ליגט דיין מיין,
פֿאַר מיין יאָ דו דיין אויער פֿאַרמאַכסט;
ווילסט שוין ניי איצט ניט אָנהייבן גיין,
ווען דו ווייסט, אַז אין ניי — ניי
דערוואַכסט;
ווילסט באַפֿעסטיקן שטאַרקער דיין ניין,
ברודער לייבלעכן פֿיינלעך פֿאַראַכסט.

וועל איך מער ניט דערמאָנען פֿון דעם,
(דו אַליין האָסט פֿאַר מיר דאָס
דערמאָנט),
כ'וועל אַ חבר נישט נעמען אין קלעם,
ווייל אַ חברשאַפֿט דאַרף האַריזאָנט,
אָנשטאָט פֿיינטשאַפֿט און פֿול
ווידערשפּען!
כאָטש פֿאַרשיידן איין קוואַל פֿאַר
אונדז שטראָמט,
ביידע קאָנען מיר נאָענטקייט זען
אין די טייערע רגעס פֿון נאָנט.

דאָך גייט פֿריינטשאַפֿט פֿון אונדז
נישט אוועק,
כאָטש מיר ווערן כמעט ווי צעשיידט,
גייסט מיט אמת — ניט אמתן וועג,
לאָזט דיין רעטעניש זיין ניט באַשיידט.
דו אַליין האָסט פֿיל מאָל זיך אַנטפּלעקט
מיט דער אָפֿנקייט פֿון דיינע רייד:
יענע וואָר בלייבט פֿאַר דיר צוגעדעקט,
כאָטש פֿאַר אַלעמען אָטעמט זי פֿרייד.

און די רגעס, זיי מיינען אַ סך:
וועג פֿאַרענדיקטער—ענדיקט זיך ניט;
שטעג פֿאַרוואָקסענער—קאָן נאָך
זיין שליאַך,
אויף זיין האַרץ קאָנען שלאָגן נאָך טריט.
פֿון די רגעס, וואָס זיינען נאָך וואָך,
ניי קאָן ווערן דיין ווילן צעגליט,
האַרץ און אויער פֿאַר יאָ צוגעמאַכט,
קאָנען ווערן מיט יאָ אויפֿגעבליט...

וואָרט

געדאַנק אַרויסגערעדטער לאַיגט. — פּ. טיוטשעוו.

ניין, וואָרט איז נישט מחלל
פֿאַרבאָרגענעם געדאַנק,
ס'קען וואָרער וואָרט צעפּראַלן
נאָך מערער זיין געדראַנג;
איז דעם געדאַנק מגלה,
אים אויסדרוק גיט און קלאַנג,
מאַכט קוועלן זיינע קוואַלן,
שטאָט אויסטרינקען זיין טראַנק.

און דעם געדאַנק נישט צערטל,
וואָס נאָך נישט אויסגערעדט,
פֿון באָדן נישט גענערטער,
אין לערן הימל־פּלעט;
געדאַנק אין וואָרט פֿאַרקערפּערט,
אויף דר'ערד מיט מענטשן טרעט,
מיט כוח פֿון די ווערטער
געדאַנקס פֿאַרלאַנג געשעט!

ווייל וואָרט האָט טיפע גרונטן,
ער איז געדאַנקס יסוד,
ציט אים אויף דר'ערד אַרונטער
צום ערדישן געטראָט;
אַ הימל ווערט דער אונטן,
ווען אויף דער ערד טרעט גאָט,
געדאַנק, און וואָרט פאַרשטומטער,
קיין אייגן כוח האָט.

אָפּט ברויזן האַרץ־געפילן,
צעברויזטע, אומגעקלאָרט,
מיט אומגעצאַמטן ווילן,
צו גרויס צו זיין פאַרוואָרט.
זיי קען דאָס האַרץ נישט שטילן
אין פאָרן זיי מיט וואָרט,
עקרהדיק פאַרשפּילן
די פרייד פון זיין געפאָרט.

די באַלאַגערונג

געשריבן עטלעכע טעג פאַרן טויט פון דעם טייערן יונה ראָזנפעלד.

איך זע, דו פילסט זיך לייכטער, בעסער,
ס'צעפינקלט העלער זיך דיין בליק,
ער האָט געצאַנקט שוין פיל מעת־לעתן,
דעלירייע האָט דיך איינגעוויגט.
ווערסט טויט־קאָשמאַר אַ ווייל פאַרגעסן,
פון רו און קלאָרקייט זיין באַגליקט,
דיין זיג וועט איצטער זיין נאָך גרעסער,
וואָס מער אַ טאָג — אַלץ מער דיין זיג!

ווי בייז דער טויט מיט דיך זיך ראַנגלט,
און ביסלעכווייז דיין לייב צעפרעסט,
ס'איז די מלחמה שוין אַ לאַנגע,
אין יעדן גליד האָט טויט זיין נעסט.
באַלאַגערט... נאָר ניט האַרץ געפאַנגען,
בלויז האַרץ דיינס גיט ניט אויף
פאַרמעסט.

אַ טאָג אין לעבן דורכגעגאַנגען —
דיין גלויביק האַרץ באַווייזט דעם נס!

און ווען ער וועט אויך האַרץ דיינס
גרייכן,
איז דאָס אַ קלייַנער זיג פאַר טויט,
ער איז דיין שטאַרקן קאַמף נישט
מוחל,
פאַרוואָס דו ביסט דיין האַרץ פאַרטרויט.
האָסט לאַנג באַזיגט אים מיט
דיין שמייכל,
וואָס לייכט אויף באַלד שוין
טויטער הויט, —
וועסט שטאַרבן, ווייל גייסט אויס
פון כוחות,
נאָר ניט דורך כוח פון דעם טויט!

אין שפּיגל

אָ, מייד ניט אויס דיין בליק פון
שפּיגל,
פאַר שרעק צו זען דיין גרויסן תל,
קאָנסט אַזוי לאַנג דעם טויט באַזיגן,
פאַרוואַרפן בייזן טויט־באַפעל, —

טאָ שרעק זיך נישט צו זען איצט ליגן
דיין גוף פאַרשרומפן, דאַר און געל;
באַוואונדער זיך, ווי דו קענסט קריגן
מיט טויט שוין אויף דער
לעצטער שוועל.

אין שפּיגל זיך אַליין באַוואונדער,
דעם שמייכל דיינעם, — דיין געווער;
כאָטש יעדער גליד ווי אָפּגעזונדערט,
ס'לאָזט טויט ניט דינען דיך שוין מער;
נאָר האַרץ און בליק—נאָך אַלץ צעצונדן,
מיט לעבן פול נאָך דיין באַגער,
ס'האָט טויט אין קאַמף מיט דיר
דערקונדיקט:
ווען אויך באַזיגט, ביסט העלד, —
נישט ער!

איצט קער זיך אָפּ פון שפּיגלס
פּנים,
אין אויגן צוויי קוק לאַנג אַריין,
אין זיי דאָך לעבסטו ווי אַ תמים
מיט גאָר דיין פּראַכט פון יוגנט־
שיין;
אין זיי געטרייסט האָסט דיין נשמה,
אין זיי העלט דורך דאָס לעבן דיין, —
ווי וועלן אָט די אויגן קאָנען
איצט זען, ווי דו וועסט מער נישט זיין?

אָ, גלויב!

אָ, לאָמיר אויף דאָס ניי אַרויס
אין גלויבן, גלויביקע צו גיין,
ס'גלויבט גלויבן קיינמאָל זיך ניט אויס,
און בלייבט ניט ווי צעשטערונג שטיין.
אין גלויבן־טראָט דעם צווייטן שטויסט,
ס'מאַכט גלויבן דיר אַלץ בייצושטיין,
און בלייען מוז צעשטערטער בלויז,
אין גלויבן פאָרט זיך דער אַליין!

דער מבול־פּלייץ האָט אויפגעהערט,
און ס'זעט זיך טויטער מענטשן־רויב.
אין פעלקער־בלוט ליגט וועלט
צעשטערט,
דו ייד — אויף דרויב, אויף דרויב
צעדרויבט!
דאָך זע — מיט בלאָט אין מויל זיך ווערט
אין בלוט געווייקט אַ יידן־טויב,
אין בלוטיקן געוויין זיך הערט
אַ רוף אַ גלויביקער: אָ, גלויב!

אָ, זע ווי ס'ווערט פון זונען־גלי
האַלב טויטער וועלק קריק אויפגע־
לעבט,
דאָס גראָז — געשטאַנען אויף די
קני,
איצט פון דעם הימל לעבן שעפּט!
ווי זון, אויך גלויבן האָט דעם ברי
וואָס לעבן אין די הערצער וועבט,
אויך ער צום הימל גיט אַ צי
אָט די אַבלימדיקע קעפּ!

לאָז בלעטערן אַ נייעם וועג,
אָ, לאָמיר גלויבן אויף דאָס ניי,
דאָס שלעכטע פון די שלעכטע טעג,
ווי איך — אויך דו אין זיך פאַרשריי.
און דעם פאַרבליבענעם דערוועק,
זיין גלויבן און זיין ברודער זיי!
ווי זון דעם פלאַנץ צום לעבן רעגט,
מיט גלויבן רעג אויף דעם בעל־חי.

אויף גאָטס פּייער־ראָד...

צו סערגעי יעסענין.

איך וואָלט ווי דו נישט וועלן זיין,
דאָך דו אויך האָסט עס נישט געוואָלט,
נאָר כ'זאָפּ דייך ווילדע שיינקייט איין,
פאַר וואָס מיט יונגשאַפט האָסט באַצאָלט;

דו, אויסגעבאָדענער אין שאַין —
ווי שיין האָסט רוסלאַנדס שאַין געמאָלט,
דורך פאַרב פון דיין געטריפטן פּיין
טריפט רוסלאַנדס פרייער זונען־גאָלד!

די רחבות פון דעם רוסלאַנד־סטעפּ
אין פלײַן פון ליד דײַנס זיך צעשפּרייט,
כאָטש בייזער שפּאַרבער, פון זיין שוועב,
בלייבט שטיין ווען אויף דײַן לידער־פלויט;

און אָפט מיט שיכור־הויכע קלעפּ
דײַן טראָט אַ וואַקלענדיקער גייט,
אויף רוסלאַנדס שטייגנדיקע טרעפּ
דײַן שטאָלצער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט.

בלויז דו נישט גלייך פאַרבליבן ביסט
אין גאַנג פון גלײַכער גליקלעכקייט,
דעם מענטש אין דיר — דעם מענטשן גײַסט,
דײַן בייז — דעם כוליגאַן, נישט־לייט!
נישט אויסגעהיילט אין דיר דעם ריס
האָט הימלאַנדס פרייע היילונג־צייט,
דאָך ווערסט פון יעדערן באַגריסט,
ווייל מענטש האָט ליב דעם מענטש, וואָס לײַדט.

דאָך שטראַלט אין דיר איר גוטס אַרויס
דורך שלעכטס, וואָס זי אַליין צעפּליקט,
דער היהש־מענטשלעכער געברויז
מיט מילדקייט נאָכן שטורעם בליקט;
די פּרוכפּערקייט פון רוסלאַנדס שויס
פאַר אַלע גלייך אַ פרייע ליגט,
קיין מענטשלעך פרייד איז אַזוי גרויס,
ווי פרייד, וואָס אַלעמען באַגליקט.

אָט דער, וואָס קעמפט מיט זיך, מיט גאָט,
„אָן לייטער — וויל ער הימלען ניט,"
הענגט אָן זיך אין גאָטס פּייער־ראָד,
דורך וואָלקנס קוקט ער נאָך גאָטס טריט,
דער קריגט אויף אייביק מענטשנס גנאָד,
אויך שטרויכלען זײַנע מען פאַרגיט;
לאַנג טויט — דײַן וואָרט טרעט נײַעם טראָט,
ווי ערשט פון פורעם אויסגעבריט!

דער טרויער פון אַ טויטן טאָג

האָסט גרוי דעם טאָג הײַנט אָנגעהויבן,
אויך גרוי אַזוי וועט ער פאַרגיין,
פון כמאַרעס האָסט געגלאָזט טאָגס שויבן,
די זון צום טאָג זאָל נישט דערגיין;
די שטאָלצע, ווײַסע וואָלקן־לײַבן
אַרומגיין וועלן הײַנט אַליין,
כאָטש ס'שײַנט די זון אין הימל אויבן,
אָן זון וועט אונדזער טאָג הײַנט שטיין!

דו האָסט דעם טאָג־געמיט צעבראָכן,
די שערבלעך איבער הויז צעשפּרייט,
דעם יום־טוב־טאָג, מיט אײַנדערוואָכן,
האָסט הײַנט נאָך וואָכיקער באַקליידט.

אַראָפּ פון הויז די יום־טוב־ברכה,
און יום־טוב־טעם פון ווײַסן ברויט,
די וואָך קאָן יובלען איר נצחון
מיט נאָך אַ יום־טובדיקן טויט.

איצט קוקסטו אויף די שערבלעך־שטיקער
אויף דר'ערד פון יום־טובדיקן טאָג,
און ווערסט אַליין פון דײַנע בליקן,
פול מיט חרטה אָנגעקלאָגט.
קאָנסט קריק די כמאַרעס ניט צעשיקן,
וואָס דו אַליין האָסט אָנגעיאָגט,
נישטאָ קיין פרייד, וואָס זאָל צעפּליקן
דעם טרויער פון אַ טויטן טאָג.

וועסט זיין, מיין זון, אַ מאַן!

(מיט קיפּלינגס ווערטער, צו מיין זון שמואל)

אויב דו קאָנסט בלייבן קאַלט, ווען אַלע ווערן
לעם דיר פאַרווירט, און שולד אויף דיר גאָר פאַלט,
קאָנסט טרויען זיך, ווען צווייפל־רייד מוזסט הערן,
נאָר ווערסט פון זייער צווייפל ניט פאַרגאַלט;
אויב דו קאָנסט וואַרטן לאַנג, דאָך זיין געדולדיק,
צו זיין גענאַרט און ניט צו נאַרן קריק,
פאַר האַס צו דיר מיט האַס ניט צאָלן שולדן,
און דאָך צו־קלוג ניט זיין, צו־גוט אין בליק.

אויב וועסט אין טרוים פון אים באַהערשט ניט ווערן,
און טראַכטנדיק — ווערט טראַכטן ניט דיין ציל;
אויב טרעפסט זיך מיט נצחון און צעשטערונג,
דאָך בלייבסטו ביי דיין פשוטן געפיל;
אויב דו שטייסט ביי, ווען ס'ווערט צעדרייט און וואַכיק
דיין אמת, וואָס פאַר טיפּשים ווערט אַ שטייג,
צו זען ווי ס'ווערט דיין שענסטע ווערק צעבראָכן,
בויגסט איין זיך בויען קריק מיט אַלט געצייג.

אויב דו קאָנסט אויפזאַמלען דיין באַרג מיט זיגן
און אין איין צוג פאַרלירן אַלץ אין קאָן,
דערנאָך — אויף ס'ניי צו שטייגן ערשטע שטיגן,
ניט דאַכטן פון פאַרלוסט מיט איין דערמאָן;
אויב דו קאָנסט האַרץ דיינס, גייסט, דיך מאַכן דינען,
ווען זיי שוין זיינען מער ניטאָ אין גוף,
און אָנגיין, ווען ביסט שוין ניטאָ דערינען,
בלויז דיין באַפעל, וואָס זאָגט צו זיי: האַלט אויף!

אויב דו קאָנסט צווישן פאַלק דיין ווערדע טראָגן,
גיין מיט געקרוינטע, דאָך פאַרבלייבן קיל;
אויב ס'קאָן ניט פיינט צי פריינט דיין איך דערשלאָגן,
אויב דו אַכסט יעדן מענטש, נאָר ניט צופיל;
אויב דו פילסט אָן מינוט דיינס, ניט פאַרהיטע,
מיט זעכציק רגעס־לויף אין צוקונפט־ראַם,
איז דיינס די ערד — מיט אַלע אירע גיטער;
און וואָס נאָך מער — וועסט זיין, מיין זון, אַ מאַן!

אייזיק ראַבאָי

צו זיין ערשטן יאָרצייט, 8־טן יאַנואַר, 1945.

מיין טייערער, מיין ליבער אייזיק,
מיט ברוין־פאַרברענטן פּנים, פול־געטריי,
וואָס מאַכסטו דאָרט אויף לאַנגער רייזע?
ווי לאַנג וועסטו עס רייזן דאָרט אַזוי?
עס וואַרט דיין היים אין שלום־עליכם־הייזער,
אויף דיר וואַרט שרה דאָרט, דיין ליבע פרוי;
פון דיר נאָך ריידן אַלע קרייזן —
דו לייכטסט אַרויס אין יעדן מאָרגן־טוי.

דו ביסט דאָך נישט אַוועקגעלאָפן,
דו ביסט דאָך בלויז צו וואַנדערן אַרויס...
מיך וואונדערט נישט, ווען כ׳וואָלט געטראָפן
שפּאַצירן דיך, די טעג, אַרום דיין הויז —
דיין ברוינעם פּנים, האַרציק־אָפן,
און ווייסע ציינער דורך דיין ליפּ אַנטבלויזט...
אַ גוטער שכן וואָלט געלאָפן
די בשורה אָנזאָגן די פרוי ראַבאָיס...

פיל פיין, פאַרפאַלענעם, באַצאָלט זי
פאַר קלערן בלויז, אַז אָט־אָ קומסט צוגיין.
ווי שטענדיק, אָרימקייט אַ שטאָלצע,
גייט שטאָלץ אין הויז, ווי באַלעבאָס אַליין.
דאָרט הענגט אויף וואַנט דיין מאַקסעס האָלץ־שניט,
די סטאַיע פערד — נאָך פליט אַלץ אויפן פלעין.
דיין ווייב פאַר צוויי אַלץ מאַכט דעם מאָלצייט,
מיט טויזנט טעמים שמעקט אַלץ פריש און ריין.

ס׳זאָל מאָלצייט־דיינס פאַרשוועכט ניט ווערן,
אים קום איך ווען צו שוינען אין דיין הויז,
געבראָטן פלייש און גאָלדיק מערל —
דיין שרה טיילט פאַר מיר דיין חלק אויס.
ס׳פאַרשווינדן אויף אַ ווייל די טרערן,
ס׳לייכט דעמאָלט פּנים דיינס פון איר אַרויס...
כ׳בין גרייט ביי יעדן טעלער הערן,
אַז ס׳איז דער בעסטער מאכל דאָך ראַבאָיס!...

צוויי גלעזער טיי אויף ווייסן טישטוך —
(דיין שרהס טיי, וואָס האָט אַזוי געשמט!)
ווען ס'איז דיין מאַלצייט אָפּט געווען מיט נישטן,
האָט דאָך אין גלאָז מיט גאָלד איר טיי געבלענדט.
אַ, אייזיק טייערער, וואו ביסטו
אַליין אַוועק דאָרט אין אַ וועלט פאַרפרעמדט?...
אויף וואַנט־בילד — אַלץ דיין לולקע ציסטו
און פיבערסט אויף פּאַפּיר מיט דיינע הענט...

די ברוינע אויגן — איבער פּרעירים
פאַרוואָקסענע, און אויך אויף פלאַכער וויסט —
דו קוקסט אויף קי וואָס מעלה־גירהן,
אויף ספּריטנע פערד מיט קלוגע, דינע פיס.
ברענגסט קלאַנג פון טראָט אין ווייט פאַרלוירן —
מאָלסט מענטשן גוטע, ווי אַליין דו ביסט...
ס'ווערט חיה, מענטש אויף ס'ניי געבוירן,
אויף יעדערן דיין ליבשאַפט פליסט...

יוגנט...

אַ יוגנט מיט אַ יוגנט האָט
באַגעגנט זיך אין מיט־וועג, ווייט,
כאָטש די געשטאַלטן אָנגעלאָדט
מיט עלטער האָט שוין אַלטע צייט.

ווי אָפּגעזונדערטע פון גוף —
די יוגנטן איצט שטייען צוויי,
זיי טרעפן ווי אַמאָל זיך אויף,
מיט יונגע קרויבען־טעג אויף זיי.

ווי ס'האָט גאָר יוגנט נישט צו טאָן
מיט גוף, וואָס עלטער ענדערט אים;
ס'גייט יוגנט מיט איר יוגנט אָן,
און טוי באַטויט איר גרינעם גרין.

אויף זייער פּנים גיריק לויכט
דער בייגיר פון נישט זען־זיך לאַנג,
באַהויכן זיך מיט יונגן הויך,
באַקלינגען זיך מיט יונגן קלאַנג.

געלעכטער הילכט פרימאָרגנדיק,
און ציינער־בליאַסק ווי בליק
שניידט איין;
אַמאָל איז ווידער דאָ צוריק,
איז יונג אין טיר פון היינט אַריין!

און צו די גופים באַלד געוויינט,
וואָס שטייען אין אַ זייט פאַרטראַכט, —
אויך גוף מיט גוף האָט זיך דערקענט,
אויך זיי האָט דער אַמאָל דערוואַכט.

ס'איז גוט, וואָס אויף דעם מיט־וועג,
ווייט,
דיין יוגנט ווידער פריש דערזעסט,
און ווינטער, פון דער קאַלטער צייט,
דערפרירט איר ניט אין זיינע פרעסט.

צוויי לידער

1

דו גייסט מיט דיין גערעכט,
טראָגסט אָפן דיין כּוונה,
האָסט ליב פון ליכט די נעכט
אין פולקייט פון לבֿנה;
און אין דעם שטראַל־געפלעכט
באַשטראַלט זעסט אייגן פּנים;
אין שטראַל, וואָס נאַכט צעברעכט,
דערזעסטו אַ סכּנה.

פאַרשטיי איך דיין באַשטיי,
האָסט פיינט אַ שטראַל צעבראָכן,
געשריי און אויסגעשריי
דיך יאָכט אין צופיל יאָכן;
האָסט ליב אין ווינטל־ווייִ
די פליגל דיינע פאָכן,
ווי שאָלעכץ פון אַן איי
דאַרף גרינג זיין דיין נצחון.

נו, זאָל דיר גוט זיין, גוט,
אויף גוטס ביסטו געבוירן,
כאָטש דו האָסט אייגן בלוט
אויף וועג פון בלוט פאַרלוירן, —
דיין פרייד, ווי ברייטער הוט,
דיך שיצט פון מרה־שחורה,
גייסט שטענדיק דעם מאַרשרוט,
וואָס פירט אויף לייכטער ברירה...

2

ער איז מיט דיר געווען נאָענט,
און איז דאָך נישט פון זיך אַוועק;
איר ביידע — איצטער וויט צעשטראָמט,
כאָטש ער איז ווי אין יענע טעג.
נאָר דיר איצט קיינער־נישט דערקאָנט,
אַמאָליק גלויבן דיך איצט שרעקט,
אין שרעק — דיין נייער האָריזאָנט;
ער אַלץ נאָך גייט אַלט־נייעם וועג.

און דו — אַמאָליק טרוים אין דיר
צו זיך אַליין האַלטסט צוגעקייט. —
מען טראָגט נישט גלויבן ווי אַ ציר,
ס'וויל גלויבן זיין אויף ס'ניי פאַרזייט,
אַ גלויבן עפנט ברודערס טיר
און טיילט מיט אים זיין גלויבן־ברויט,
ס'איז נישט ווי גאָלד ביים קמצן־גבֿיר,
אַ גלויבן גייט, און גייט, און גייט.

יואל סלאָנים

כ'געדענק דיך פון יאָר ניינצן אַכט,
פון גאָר די ערשטע טעג,
ווען כ'האָב דאָ מיין יוגנט געבראַכט
צו דיין ניו־יאָרקער ברעג,
ווען ס'האָט יידיש ליד אויפגעוואַכט
דורך יידיש וואָרט געוועקט;
ס'איז יעדער מיט אַנדערן שליאַך
צום וועג פון ליד אַוועק.

און דו — אַ דערצויגענער הי,
אויף דער פאַרשמעלצונג־בעיט,
פאַרפלאַנצט דאָ ביז איבער די קני,
מיט ענגליש־זאָם פאַרזייט, —
האָסט דאָך דיין פּאָעטישן פלי
אין יידיש אויסגעשפּרייט,
געקליידט האָסט אין סאַמע פאַרפרי
דיין וואָרט אין יידיש קלייד.

ביסט אָפטמאָל צו רוישיק געווען,
און צופיל אויפגעפּראַלט.
האָסט דורך פּראָדזשעקטאָר אַלץ געזען,
ניט פּשוטע געשטאַלט.
אָפט וואָרט נישט געפורעמט אין קלעם,
צו הויך אים אויסגעשאַלט,
און אָפט, אין צעפלאָמיקטן ברען,
אַליין האָסט קוים געשטראַלט.

כאָטש אייגענעם קול האָסט פאַרמאָגט
אין קולות פון דער גאַס, —
האָסט זיך ווי נאָך וועמען געיאָגט
אין ריטעמדיקן האַסט;
האָסט אָפט אויף צוויי־שאַליקער וואָג
געוויגט צעצווייטע לאַסט,
און ס'האָבן — דיין טאַט מיט דיין זאָג —
ניט שטענדיק זיך געפּאַסט.

פיל פריינט אומעטום האָסט געהאַט,
אַ פריינט געווען אַליין,
מיט שמייכל, מיט וואָרט און מיט טאַט,
צו יעדן פריינט דיינס גיין;
אין רויש אָפט פאַרמישט יענעם גראַד.
וואָס מאַכט אַ פריינט ניט שיין,
מיט וועמען מען טאָר נישט, כמעט,
אין די פיר איילן שטיין.

נאָר מיט לוי־יצחקשער מאָס —
ווען פריינט צו דיר געגענט, —
פאַרשוואונדן ווערט יעדער פאַרדראָס,
וואָס האָט אים ווען געברענט:
ס'איז גוט, וואָס דו טרינקסט יעדנס כוס,
דריקסט אַלעמען די הענט, —
איז וועג דיינס געווען אָן אַ שלאָס,
דערפאַר — טאָן גוטס געקענט...

דו האָסט אין דער פרעמד נישט פאַרזויפט
דיין יידיש ליד — און ייד;
פאַר פרייהייט דער קאַמף—איז דיין חוב,
וואָס דו האָסט אָפּגעהיט, —
דאָס אַלץ הויך דיין נאָמען הויבט אויף,
דיין אָנדענק — מער צעבליט,
מיט דעם האָסטו אַלץ אויסגעקויפט,
און דאָס — פאַר אַלץ פאַרגיט.

שנייעלעך

דינע שנייעלעך—פלאַטערלעך זשוואַווע,
גליען פראָסטיק אין אייגענעם ווייס,
אָט די ליכטיקע הימלשע לאַווע
זיך אַליין אויף פיצפיצלעך צערייסט;
ס'שמעקט דער שניי מיט צעעפנטן
קאַוואָן,
און מיט פרישקייט די נאָז־פליגל בייסט,
אין געאייל—ווייסע פליטערלעך האַווען,
ביז עס ווערט פון זיי בלאָ־גרינער אייז.

ס'ווערט פון פראָסטיקייט אָטעם
פאַרהאַלטן,
ווי ס'פאַרהאַקט דיך אַ האַסטיק געיעג,
די אַנזוניקע, ליכטיקע קאַלטקייט
דיינע גלידער צינדט אָן מיט גערעג;
נייע פלאַטערלעך גליען צעשטראַלטע,
און זיי ציען אין ווייטן געשטרעק,
דיינע טריט — ווייסן שטח צעשפּאַלטן,
און עס בלאַנקט ניי־געשריבענער שטעג.

טאָג אָן זון, הייזער—ליכטיקע, שטילע,
פון דער שנייאיקער העלקייט צעגליט;
אויפן אייז פידלען אויטאָמאָבילן,
און מיט שניי־געבלי—ביימער צעבליט;
שטייפע צווייגן, ווי פליגלען פון מילך,
וואָס אָן ווינט בלייבן הענגען אין מיט,
הינטער דיר לויפן נאָך מיט געבילן
אויפן פראָסט דיינע בייסיקע טריט.

ביינאַכט, ווען פוטער הענגט...

(באַלאַדע)

אַלץ נייע אַרבעטער
באַווייזן זיך אין שאַפּ,
פאַראַן צו טאָן איצט מער,
אַז ס'זיינען „הענט" שוין קנאַפּ.
דער „באָס" לויפט הין־און־הער,
איז פון דעם „ראָש" פאַרכאַפּט,
ווי ס'וואָלט זיין יעדער קער
דערפאָלג־שפּור אויסגעשנאַפּט.

אָט, ווער אים עפּעס פרעגט,
אָט, ער אַליין לויפט צו,
ס'צינדט אָן זיך אַ גערעג
אין יעדערנס געטו;
די הענט, געצייג — צעוועקט,
פון חיה־פעל — אַ זו.
גערויש האָט שוין צעזעגט
פאַרבאָרגסטן טראָפּן רו.

די רוקנס צוקן זיך
ביי אַלע „הענט" אַרום;
דער צו־שניידער — גיך־גיך
פון פעל שניידט יעדן מום.
ס'נייט נייער דין־געדיכט
מאַשין־נעט מיט געזשום,
אַ שטאַרק פלאָרעסענט־ליכט
פאַרבייט אין שאַפּ די זון.

ס'מישט יעדנס מי זיך אויס
אין איין מושטירטן וועג,
פון נאַגלערס „ציי־אַרויס"
זיך הערן נעגל־שלעג;
דער לאַינער אויף זיין שויס
זוימט אײדל פוטער־ברעג,
מיט פּרעסל גליאיק, הייס,
שטעלט פּרעסער גלאַנץ אַוועק.

בלויז לערן־ייִנגלעכס מי
נאָך האָב איך ניט געבראַכט
צום לעצטן אונטערצי
ווי מאַנטל ווערט געמאַכט.
דעם גאַנצן טאָג אין פלי,
צו יעדנס וואונטשן וואַך;
אויך זייער יונגער גלי
גליט אין דעם מאַנטל־פּראַכט.

באַנאַכט, ווען פוטער הענגט
אויף שלאַנקער מאַנעקען,
די חיות — בייז און שטרענג —
ווילד לויפן קאָן מען זען.
נאָר אויף פרויס גוף צעלענגט,
צעקאָמט מיט האַרטע קעם,
אין פוטער־נעט צעשלענגט —
הענגט חיה אין איר קלעם.

זי טוליעט פרויען־גוף
מיט צאַרטער האַריקייט,
זי גיט איר ווילדקייט אוף
אָן חלום פון אַ שטרייט,
כאָטש לעבעדיק עס רופט
איר האָר־גלאַנץ פון דער ווייט;
צו פרויס פאַרפומטן דופט
איר חיה־הויך אַנטלייט...

ירמיהו — דזשעק...

דער קלײנער דזשעק, דער רױטער,
װי װילדער מינק די האָר,
ס'איז דזשעק אַ מינק־אָפּרײטאָר,
אַ נײער, פֿלינק ביז גאָר.
די דינסטע שטרײפֿן נײט ער,
פֿאַרט גאַנצע לענג — אײן פּאָר.
צי דאָ אױף „סטעדי" שטײט ער,
סוף־װאָך װעט װערן קלאָר.

דער באָס מיט נײער רעדט ניט
כאָטש זיבער גוט ער נײט,
אײן זאַך, דעם מינק ער גלעט ניט,
גרינג מיט די פֿינגער גײט.
„באָס" מאַכט זיך, אַז ער זעט ניט,
דאָך קוקט באַהאַלטערהײט;
דאָס איז בײם „באָס" אַ „פּעטענט,"
ביז אױף זײן פּרײז באַשטײט...

נאָר דזשעק שױן פֿילט זיך אײגן,
אױף „פּעטענט" האָט, װי „באָס";
פֿאַר מינק די פֿינגער טײגן,
װאָס אַרט אים, װען און װאָס;
מיט יעדן — צוגעצױגן,
אױף מױל זײנס האַלט קײן שלאָס.
ס'קריכט מינק־האָר אין די אױגן
פֿון נײען „אױסגעלאָזט." —

די מיטאָג־שעה געקומען,
טײל בלײבט, טײל גײט אַראָפּ;
דזשעק װאַשט די הענט, אַ פֿרומער,
די „סענדװיטשעס" בינדט אָפּ.
זײן היטל גלײך גענומען,
פֿאַרדעקט זײן הױלן קאָפּ.
אַ ברכה הערט מען ברומען,
זאָגט װערטער מיט אַ טראָפּ;

װערט פֿאַרטיק, נעמט זײן סװאַרבע
פֿון רעקל זײנס אַרױס,
שטױבט אָפּ אים מיטן אַרבל,
נישט מיט זײן האַנט אַנטבלױזט;
ביז װאַנען ס'רופֿט די אַרבעט
איז ער מיט סװאַרבע בלױז.
געזיכט זײנס יונג — כאָטש קאַרביק,
זאָגט עלטער זײנס ניט אױס.

נישט מיד פֿון דער מלאכה,
כאָטש פֿערציק שטײט בײם זײט;
ס'מוז העלפֿן אים די „ברכה"
צו איבערקלײגן צײט.
רעדט ענגליש ניט „געבראָכן,"
און ייִדיש — גאָר אַלרײט.
בין גראָד זײן נאָענטסטער שכן,
ער נײט די פֿעל, װאָס כ'שנײד;

אױף אים רעדט אַלצדינג פּשוט,
מיט ספֿקות נישט באַמאָלט,
ס'איז מיט אַ כשר פֿראַשיק
זײן פּנים גלאַט געגאָלט.
ער זוכט נישט פֿרעמדע נשים,
זײן אײגענע האָט האָלט;
ס'איז דזשעק אינגאַנצן כשר,
פֿון פֿרומקײט אױסגעשטאָלט.

כ'פֿרעג דזשעקן מיט אַ חידוש: —
צו דיר גאָר אַזאַ ייִד? —
— קום פֿון אַ הױז אַ חסידיש,
װאו ייִדישקײט מען היט.
כ'הײס ירמיהו אױף ייִדיש,
דזשעק רופֿט מיך נאָר די סטריט,
ב'היט אַלע פֿרומע מידות,
און גאָט מיר כוח גיט.

אָ, יאָ, גאָט גיט געזונט אים,
ער זעט אויס תמיד פריש,
שטאָט שבת — אַרבעט זונטיק,
אויב „ביזי" נאָר עס איז.

ס'גראָבט קיינמאָל צווייפל אונטער,
זיין גלויבן — ניט צעמישט,
ביי זיך פאַלט נישט אַרונטער,
איז גאַנץ, אים פעלט קיין קריש.

כ'טרייב די חוצפה פון ניי...

כ'טרייב די חוצפה פון ניי, —
נישט דאָס נייקייט אַליין, —
פאַר דעם גלאַנציקן שריי,
וואָס מאַכט שיינקייט ניט שיין.
כ'קנייטש דאָס נייקייט אין דריי,
אַז צעבויגט זאָל עס שטיין,
ס'זאָל אַוועק דער פאַרשיי,
וואָס מיט ניי קומט צוגיין.

גיט ווען אייגענע ליד
זיך מיט ניי אַ באַרים, —
כ'שטעל עס אָפּ אין דער מיט,
און כ'רעד שטראָף־רייד צו אים:

ליד איז זעל פון געמיט,
דאַרף זיין שטיל אַזאַ שטים,
און פון שריי־גלאַנץ כ'פאַרהיט,
ווען מיין ליד גייט אויף גרין.

אין דעם גרין פון דעם פלאַנץ
דער צעבלי זיך געווענדט,
כאָטש די זון אויף אים גלאַנצט,
שרייט דאָס גרין ניט אין בלענד;
וואָס מיין זעל האָט פאַרפלאַנצט —
זיך אין בליטן צענעמט;
כ'פיל, ווען ליד מיינס ווערט גאַנץ,
מיר ביז טרערן פאַרקלעמט.

דער ספר

ליגט אַנ'אָפּענער דער ספר, —
און דו גייסט ניט צו,
ווי דו וואָלסט פון אים אַנטלויפן,
און ער האַלט דיך צו.
אותיות פלאַקערן פון ספר
מיט אַ צוזאָג־צו,
מיט דיין הייסן בליק, פאַרצווייפלט,
צו אים פאַלסטו צו.

מיט זיין פלאַם זיך אָנגעטרונקען,
נאָר דו האָסט קיין רו,
דיך פאַרברענען זיינע פונקען,
און דו האָסט קיין רו,
זיך אַליין צום פלאַם פאַרטרונקען,
און דו האָסט קיין רו,
ווערסט פון פייערן געוואונקען
טאָג און נאַכט אָן רו.

און די פונקען ווילסט פאַרזייען
אין אַ צווייטנס האַרץ,
מיט דיין אָטעם זיי צעווייען
אין אַ צווייטנס האַרץ.
נאָר ס'איז שווער זיי צו פאַרזייען
אין אַ צווייטנס האַרץ, —
קיינער וויל ניט די געשרייען
פון אַ צווייטנס האַרץ.

קאָנסטו נישט דעם פייער צוימען, —
פלאַקערט ער זיין האַרבסט,
ווי די רויטע קופער־קרוינען
מיטן פלאַם פון האַרבסט.
ער פאַרגליט אַזוי, אָן צוימען,
אין דעם גלי פון האַרבסט;
פון זיין אַש ווערט קאַלטער דומם,
ווי די ערד אין האַרבסט.

אַ שמחה פאַרן טרויער

אַ שמחה היינט געווען,
אַ שמחה פאַרן טרויער,
מען האָט געהויבן גלעזער
מיט פריידיקער הנאה;
ס'האָט וויין געפאַרבט די נעזער
אויף רויטע און אויף בלויע, —
געיובלט האָט פאָעזיע
דעם טרויער פון נישט־דאָע.

אַ טאָסט האָט מען געטרונקען
צום יונגן טרויער־מייסטער,
וואָס האָט דערציילט פון אומקומס,
פון שאָטנדיקע גייסטער;

וואָס מאָלט די שוואַרצע טונקלס
מיט פינקטלעכקייט מיט טרייסטער,
זיין פינדזל איינגעטונקען
אין אומקום־פאַרבן נייסטע.

ביז וועמעס שטילער שמייכל
צעשטראַמט זיך אין געלעכטער,
ווי פון אַ דינעם רויכל
ברעכט אויס אַ פלאַם אַנ'עכטער;
געוועזן אַ חוזק־צייכן
פאַר רייך אומזיסט־פאַרשוועכטע:
ווער ס'קומט אויף אומגליק־זכר
דאָ קרענץ פון ווערטער פלעכטן.

אַן „עד"

מיין ליד איז היינט אַן „עד"
און זוכט אַ באַלעבאָס
פאַר האַנט פון אַ פאָעט
וואָס גייט אום אַרבעטסלאָז;

ס'איז טאַקע ניט צו שייך
פרינצעסין מוזע זאָל
אין אַרבעט־פאַרטאָך גיין,
פאַרשוואַרצט אין שוואַרצן עול;

און אָט די מוזע, די,
מוז, אין אַ ליד געגראַמט,
זיך פרעגן: ווער ס'האָט מי
פאַר אַ פאָעט — אַ „האַנט"?

ווען יעדע מוזע ווערט
געטראָגן פון „פעגאַס" *
נאָר איר פאָעט — דער פערד,
ער שלעפט אַליין די לאַסט!

דאָך ערגער נאָך דערפון —
אַז האָבן וועט דער „עד"
דעם מזל פון קלאָון,
אויף דעם טעאַטער־ברעט;

זיין לאַכן און זיין טרער
איז צום „פאַרשפילן" נאָר,
און ס'ווייסט נישט יעדערער,
ווען ס'איז די טרער זיין וואָר!

וועט אויך מיין לייענער
דאָך טראַכטן פון מיין „עד":
אַ טעמע און נישט מער,
אַן איינפאַל ביים פאָעט!

און ס'בלייבט מיין מוזעס ליד
מיט דורכפאַל מיינס באַשווערט,
פעגאַס אָן זאָרגן פליט,
און לאַכט פון מיר דעם פערד!

* לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע — אַ געפליגלטער פערד פאַר די מוזעס.

מיין צווייטער „עד"

איך האָב אין ליד אַנ׳„עד״
געשריבן שוין אַמאָל,
אַז מי זוכט אַ פּאָעט,
און וויל פון מי דעם עול.

קיין מוטער־מענטש האָט ניט
קיין אָנבאָט מיר געמאַכט,
כאָטש שאַצערס פון מיין ליד
אויך קויפן מי אַ סך.

צי וויל אין לייבטן טאָן
איך האָב אין „עד״ גערעדט,
קומט קיינעם אין דערמאָן,
אַז וואָר מיינט דער פּאָעט.

ער מיינט עס זיך אַליין,
כאָטש לייכטער שפּאַס באַהאַלט;
ער שרייבט זיין לידיק־גיין
מיט טריט אויף דעם אַספאַלט.

אַט דעם אַספאַלט נאָר פרעגט,
וואָס אים דערציילן טריט? —
אַזוינס כ׳האָב נישט אַנטפּלעקט
נאָך מיין צעפּיינטסטן ליד!

נאָך מיאונג גאַרט מיין האַנט,
די פינגער מיאונג גיט! —
ווען יאָך מיין גוף פאַרשפּאַנט
זינגט מי מיין שענסטע ליד.

כ׳האָב אייגענעם פּאַרנאַס
אין מי־צעגליטן רוים,
אַליין כ׳בין מיין פּעגאַס,
און מי מיך האַלט ביים צוים.

פרילינג *

צו עמוס הירשביין.

„קול מבשר, מבשר ואומר,
גיסט אַ רעגן פון די ביימער.״
ס׳זאָגט אַ קול אָן, ער זאָגט אָנ׳עט
פון דער הימלישער מתנה.

צו דעם רעגן אויף די וועגן
קומען קליין און גרויס אַנטקעגן.
קינדער באָרוועסע אין גאַסן
ביז די קני אין קילן וואַסער.

טאַנצן, שפּרינגען די קונדייסים,
גיבן נאַסן בוים אַ טרייסל,
שפּריצן־אָפּ מיט צווייגן וואַסער
שטילע גייער אין די גאַסן.

קיינער ווערט אויף זיי ניט ברוגז,
פרילינג לאַכט אין יעדנס אויגן.
טראָפּנס בלעזלען זיך אין רינעס,
און עס שמעקט מיט גרעזלעך גרינע.

זינגען משהס, זינגען שלמהס,
קול מבשר, מבשר ואומר;
פון די נעסטן פליען פייגל
קעגן ברייטן רעגנבויגן.

שיינען זון וועט נאָכן רעגן
גלייך פאַר אַלע מענטשנס וועגן.
קול מבשר, מבשר ואומר,
וועלן בליען באַלד די ביימער.

* דאָס ליד איז געבויט אויף די ערשטע צוויי שורות וואָס זיינען פאַרבליבן פון ח. נ. ביאַליקס קיינמאָל נישט פאַרענדיקט ליד, לויט פּרץ הירשביינס זכרונות.

מיין פרילינג, מיין זומער...

גערלויבט האָט זיך די טומאה,
אַז העלער זאָל לייכטן די זון...

ס׳איז געווען אין מיין פרילינג, מיין זומער —
דאַן האָבן נאָך יידישע קינדער געזונגען.
אַ ניגון האָט געהאַט יעדעס וואָרט אין חומש,
כאָטש ס׳האָט אַ טרויער אין אים געקלונגען.
יעדער טראָפּ האָט מיט קלאַנגען געזשומעט
אין אונדזערע קולכלעך די יונגע;
ווען עס זינגט זיך, איז אומעט ניט קיין אומעט,
און ס׳בייסט ניט דער פראָסט מיט זיינע צונגען.

איך געדענק נאָך יענע קינדערשע פאַרבן
איבער מיין יונגן און רונדיקן הימל;
די פירעקיקע אותיות פון מיין „סוואַרבע"
ריידן צו מיר מיט לעבעדיקע שטימען.
רות ווערט אַנטשלאָפן צווישן די גאַרבן,
און די ווייטע שטערן איבער איר שווימען;
יונגער דוד באַהאַלט זיין שטיינדל אין אַרבל,
צו וואַרפן אויף גלית דעם באַרימער.

און דערנאָך — די צייטיקערע יאָרן, —
אויך איבער פירעקיקע אותיות געבויגן.
עס רעדט שוין דער מאַנסבילשער קול פון גמרא,
און אַ סך פון די חומש־וואונדער — צעפלויגן.
נאָר משהן זעסט נאָך שטיין ביים ברענענדיקן דאָרן...
און עס וויגן זיך פאַר דיינע יונגע אויגן
די וואַגשאָלן פון יצר טוב און יצר־הרע,
און ביידע ווילן דיך צו זיך אַריבערבויגן.

דעם ערשטן צערטלסטו אין דיינע גלידער,
דעם צווייטן — לאָזטו נאָכגיין ווי שטובּיקע חיה;
פון גאָט־געבוירענע צוויי ברידער —
ווערט ער דיר העלפן פון שלעכטן זיך באַפרייען.
די חיה צינדט אָן דיין ליבּ מיט מרידה,
דער יצר־טוב — ער פאַרלעשט אין דיר דעם פייער,
און ס׳גליט אויף אין דיר אַ נייע מידה;
נאָר נייע ציינער אויך וואַקסן אָן דער חיה...

מיט אַמאָל דערזעסטו זיך אַ גאַנצן בחור,
דיין יונגער וועג באַגעגנט זיך מיט שליאַכן;
פאַרשטייפסט דעם גאַרטל פון דעם טאַטנס ברכות,
איינצוצאַמען דעם אַנטקעגנדיקן פחד...
די יונגע אַקסלען שלעפן קוים דעם „אינדערוואָכן,"
נאָר אין האַרץ גליט אויף פאַרבאָרגענע דערוואַכונג.
באַטאַפּסט אין זיך דעם לאָגל פון בטחון,
און דיין שמייכל הויבט שוין אָן אין דיר צו לאַכן...

פאַר מיינע אויגן אותיות אַנדערע זיך פלעכטן,
ניט פּירעקיקע, נאָר לענגלעכע און שיפּע;
מיט מויל פון לינקער זייט, ניט ווי יידישע, פון רעכטער,
און דו דערפילסט אין זיך גערודער פון באַגריפן;
דער היינט פאַרמעסט זיך מיט דיין פרישן נעכטן,
ער קומט מיט עדות זיכערע — מיט ציפער,
און מיטן שטאַרקסטן מיטל — דעם געלעכטער,
בויערט ער די פעסטונג פון דיין יידישער תקיפות...

און ס'האָבן רייד מיך נאָכאַנאַנד געמוסרט,
וואָס פעלקער זיינען נאָר מיט זיך פאַרנומען,
פאַרוואָס מיין יידיש פאָלק שווימט אויך ניט מיט די פלוסן,
וואָס האָבן איצט די גאַנצע וועלט פאַרשוואומען.
דער נייער גלויבן, וואָס פאַרכאַפּט איצט רוסלאַנד,
האָט אַלע פעלקער שוין פון לאַנג אַרומגענומען;
דער ייד זאָל מער ניט צערטלען פיין פון די אנוסים,
און פרייער גלויבן וועט פאַר אַלעמען שוין קומען.

כאָטש איך האָב געקעמפט, זיך ניט אונטערגעגעבן,
זיינען אָפּטע שפּאַרונעס אַריין אין מיין פעסטונג;
ניט געקענט, צי ניט געפּרואווט זיי גלייך פאַרוועבן;
צי געווען שוין איינגעמידט פון שטענדיקער פאַרמעסטונג:
די נייע תורות מיט דער תורה פון מיין רבין.
באַשערטער נפש פון דעם פעכיק גילוס־קעסטל, —
ער האָט אַלץ נאָך אָנגעפילט מיין בחוריש לעבן,
און פאַר מיר געוואָרימט מיינע אַלטע נעסטן.

געזען דעם קיום פון מיין אַלטן פאָלק זיך טראָגן
איבער בליציקע ראַנדן פון קאַטאַסטראָפעס;
פיינט האָט ניט פאַרלענדט אַלע אַלטע מנהגים,
וואָס האָבן מיט אונדז אין די געטאָס געשלאָפן.

אויפֿן פּיר־עק פֿון צלם הענגען יידישע פֿלאָגן;
ניט ישוס — ס'הענגט אונדזער לייב, מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן;
ניט נאָר צווייטע באַק — גאַנצער גוף לאָזט זיך שלאָגן,
האָט ישו פֿאַרלאַנגט, מענטש זאָל זיין אַזוי שפֿל?...

און כ'האָב די אַנדערשקייט די יידישע פֿאַרשטאַנען,
פֿאַר יעדן פֿרעמדן מנהג האָט דער ייד געליטן,
אָט די מנהגים — זיינען אָפֿט געווען די צאַמען,
וואָס האָבן אונדז געהאָלפֿן זיך פֿאַרהיטן,
אויך אָפֿט געווען פֿאַר אונדז פֿאַרלענדונג־סמען,
וואָס האָבן פֿון דער וועלט אונדז אָפּגעשניטן;
נאָר העכער איז דער כוח וואָס אונדז האַלט צוזאַמען...
מיר לעבן ווידער אָפּ נאָך יעדער אומגליק־שמיטה...

ס'איז דעמאָלט אַ צעברויזיקטע מיין לאַנד געשטאַנען,
ווי ס'באַפֿאַלט דעם וואַלד פֿאַרשפּעטיקטער שטורעם;
די זון האָט שוין געשיינט לאַנג אויף יענער־זייט ימען,
און די הימלען פֿון מיין לאַנד — זיך נאָך אַלץ געכמורעט...
די לופֿט — אָנגעשוואָלן מיט אויפֿבראָך פֿון צאַמען,
ווי אַ קראַטער דאַרף געבערן ערשטע גבורה...
פֿון דער פֿינצטערניש אויסברעכן וועלן די פֿלאַמען,
צו באַלייכטן דעם וויטן, פֿאַרשפּעטיקטן שטורעם.

האָט דעמאָלט מיט אים אויך צו מיר געדאַרפֿט קומען
די נייע צייט מיט פֿאַרברידערונג פֿון פֿעלקער.
אַ גלייכער ברודער וועט אויך ווערן איצט מיין אומה,
די פֿאַריאַכטע — וועט גערעכטיקייט פֿאַרגעלטן.
מיט מדבר־דאַרשט האָב איך די אַלע רייד פֿאַרנומען,
מיט זיי געקלעטערט אויף טרעפּ פֿון נייע וועלטן;
נאָר שטורעמס זאַמען האָבן זיך ניט צוגענומען;
די זון איז ניט אַרויסגעקומען אַ צעהעלטע...

אַ קינד פֿון מיין פֿאָלק — האָב איך לענדער געשניטן,
ניט געוואָרט אין מיין לאַנד זאָל באַלד ליכטיקער ווערן;
ווי כ'וואָלט אין מיין וואַנדער דעם קיום פֿאַרהיטן...
מיט אייביקן גורל פֿון דעם אַלטן אַהאַספֿערן —
אויף וועמען גלות־גזר האָט קיינמאָל ניט קיין שליטה;
דער ייד — דער שפֿלסטער, ער וועט זיך תמיד ווערן,
פֿון דער וועלט ניט לאָזן זיך צו זיין פֿאַרשניטן,
בלייבט לעבן ווי יונה אין דעם פֿיש'ס געדערים!

האָט פאַר מיר אויך געעפנט נייע לאַנד די טירן,
ס'האָט פרייהייט־סטאַטוע באַגריסט מיך ביים קומען:
„יעדער אַרבעטער־מענטש זיינע הענט קען צעפירן,
און מיט אַלעמען פריי וועט דאָ זיין אויך דיין אומה." —
האָבן מאַמעשע רייד מיר געקלונגען ווי שירה,
ווייל מיט איינציקן ייד ס'גאַנצע פאָלק האָט אַ תקומה...
דער ייד ברענגט די בענקשאַפט פון זיין פאָלק צופירן,
ער ברענגט מיט דעם יידיש אויף זיין וואַרעמען גומען.

אונדזער אייגן „עספעראַנטאָ" האָט צוזאַמענגעבונדן
איבער גאַנצענער וועלט די שטענדיק־צעזייטע;
און פון זיין קול שריט אַרויס דער ייד פאַרוואונדיקט;
די שפּראַך, וואָס קען לאַכן אין קלאַמער פון ווייטיק;
אַמאָל מאַכט זי שמאָל אונדזער וועג און באַזונדער,
אַמאָל — זייער ברייט און צעשטאַפּלט ווי לייטער;
צווישן שכנים זיינען מיר אַן אָפּטער בייז־וואונדער:
פון חשך געטריבן, און ווערן ליכט־פאַרשפּרייטער...

לאַנג האָט געדויערט מיין היימלאַנד איר הפסקה,
געגעניצט מיט יאָרן, ווי מיט פוילע ציינער;
מיין אַמאָליק לאַנד האָט מיך נאָך אַלץ געשראָקן,
און דער גורל פון מיין פאָלק — נאָך מער פאַראייניקט.
פון איבערן ים האָט מיך מיין לאַנד געלאָקערט
מיט מיין אַמאָליקן חלום דעם שיינעם;
ביז ס'האָבן דערגרייכט צו מיר די אָקטאָבער־גלאָקן:
„באַפרייאונג פון פעלקער מיט דיין פאָלק אינאיינעם!"

איז מיין חלום שוין וואָר, און עס טריפט נאָך מיט נעפּל,
ווי צייטיקע פרוכט — מיט אַ רויכל פאַרצויגן;
עס ציען פון שלאָף זיך די באַפרייטע סטעפּעס,
דיין אייגענער חלום נאָך שניידט אין די אויגן.
זעסט אַ פאַרטיקן טאָפּ נאָך אין פורעם פון טעפּער...
דיין רוקן שוין גלייך, נאָר ביזט גרייט אים צו בויגן.
דיין וועג שוין געענדיקט, דאָך וואַרטן נאָך טרעפּן,
אין שטייג שטייט אַ פרייער צום פליען דער פויגל...

אַזוי זעט מיין לאַנד אויס, מיין יונג־אויסגעטרוימטע,
מיט דריטל פון מיין פאָלק אין זיינע אָרעמס.
מיין פאָלק — צווישן אַלעמען אַ געשווינטער,
ער ווערט ניט געבייטשט מער פון פיינדשאַפט־צאָרן;

דאָרט האָלט מען מיט ליבשאַפט די פרייהייט אַ געצוימטע,
און הינטערן בלום גיט אַ ביס נאָך דער דאָרן;
איך ווייס ניט, צי אַ חלום אַ ניי־אויסגעטרוימטער,
וואָלט ווידער אויף דער וואָר אַזוי נישט געוואָרן?...

פאַר טוטווייאיקן חלום האָט דער מענטש אָפט מורא,
ווי קינד, וואָס צעשלאָגט זיך ביים ערשטן אַרומגייען;
זיין חשק אויף ווידער צו גיין ווערט פאַרלוירן,
ביז ס'ווערט זיין שרעק־געדויש אין אים פאַרקלונגען.
נישט די דערוואַכונג — דער חלום איז אָפט גורם,
צי ווירקלעכקייט וועט ווערן מיט פרייד באַזונגען;
איצט קוקט אויס אַנדערש אַ חלום פון דורות,
ווי ער האָט זיך אַמאָל נאָך געשפונען אַ יונגער...

מען ווערט אין דער יוגנט פון חלומות אַנגענומען,
ווי מענטש נעמט אָן זיך אָפטמאָל פון אַ קראַנקן...
צו דיר אַליין איז אפשר חלום אַזוי געקומען,
האָסט בלויז אים דורכגעלעבט אין די געדאַנקען...
דער חלום איז דיר נאָנט געווען אין זומער,
ווען די זון און העלע שטערן בלאַנקען;
אין האַרבסט, אין לאַנגע ווינטער־נעכט אין שטומע,
האָט דיין חלום אָנגעהויבן צאַנקען...

ווי קינד, באַדאַרף מען חלום האָדעווען און צערטלען,
זיינע אַלע קראַנקהייטן מוז מען איבערטראָגן;
עס איז דיין אייגענער דיין יעדער גליד פון קערפּער,
וואָס ווערט אַמאָל מיט וואונדן אויסגעשלאָגן...
ווי אייגן קינד, מוזט חלום אויסהיטן פון ווערטער,
וואָס אין לייכטזין גרינגע צינגער אויף אים זאָגן;
ווי קינד וואַקסט חלום, ווערט אויך שטאַרקער און באַיערטער,
מוזט האָבן ווילן כדי אים נאָכצויאָגן...

דער חלום איז אַרויף אויף האַרטן באָדן,
וואו מענטש דערוואַרט ניט חלום צו געפינען...
ער גייט איצט אָנגעטאָן אין פּראָסטע בגדים,
ניט פאַרהילט שוין מער אין שטראַלן פון באַגינען;
איצט לעבט דער חלום... און ס'צערינען אַלע חשדים,
מיט זיי — די ביטערע, די אומפאַרדינטע שנאה.
ער האָט פון זיך די האַרטע וואָר אַרויסגעלאָדן,
די וואָר פון וואָס עס חלומט איצט ניט איין מדינה...

געבענטשטע שטאָטן, — די פרייהייט בליט פריי דאָ,
די היים פאַר די וואונדערלעכע בליטן;
זי וואַקסט מיט דעם שוואונג פון די שלאַנקע געביידעס,
און באַשיצט אויך מיין פאָלק — אַ פולן דריטל,
פון אייראָפּעס געדערים אַרויסגעשליידערט.
נאָר פרייע בליען דאָ אויך שאַרפע דאָרן־ריטער,
זיך אין לייב פון פרייהייט אַריינצושניידן,
אין לייב פון פעלקער־פרייהייט דער צעבליטער.

נאָך פון פורעם ניט געוויטאָגט אירע גלידער,
גלייך מיט אַלע געוויקסן געבליט אין דער פריירע;
און דער שטאַרקערער פון די מענטשן־ברידער —
האָט פריי געפליקט שטיקער גרעסערע בכורה...
דער שוואַכער — ער איז מיט די זאַמדן פאַרבליבן,
אים האָט ניט באַגליקט די פרייהייט־ברירה;
ער גראָבט פאַרן שטאַרקן זיינע אוצרות־גריבער,
איז מיט זיין גנאָד איין מאָלצייט אַ טאָג מעלה־גירה...

וואַרט דען ניט אויף יעדן פרייהייט־לייב אַ פורעם,
וואו ס'זאָל וויטיקן די גרויסע פרייד פון צעטיילונג?
ס'זאָלן קריגן אַ זין אַלע מענטשן־יסורים,
וואו פרייהייט און מענטש זאָלן בלייבן הייליק?
ווי וועט אויסזען אויף דער וועלט יענע מענטשן־צורה
פון געפורמטער פרייהייט און פאַרהיילונג? —
מוז אַ פריער קומען פאַרלענדונג און שטורעם,
וואָס דורך זיינע וואָלקנס זאָל זיך ליכטיקייט שיילן?

יאָרן גייען אַוועק שוין אויף מער ניט צו קומען,
מיט אַ דור אַ גאַנצן בין איך עלטער געוואָרן;
אויף אַט דער ערד געבראַכט קינדער צו מיין אומה,
און האָב זיי אין יידישן גורל פאַרשוואָרן.
היינט זינגט ניט דאָס קינד מער דעם ניגון פון חומש,
און רעדט ניט מיט מאַנזבילשן קול פון גמרא,
ווי איך אין מיין אייגענעם פרילינג און זומער,
מיט מיין גרעסטן שונא, — דער יצר־הרע!

געוועזן אַבדערש און גרינגער אַמאָליקע שטרייטן,
אויף זיין אומגליק האָט קלענער דער מענטש געטראָגן;
זיינע מלחמות — געפאָכטן פון דער וייטן,
בישט ווי איצט אין זיין גאַס אויף אַלע ראָגן.

גאַנצע וועלט אויפֿן שויס פֿון צעפּלאַקערטן שייטער —
און וועסט פֿלאַם נישט פֿאַרלעשן מיט אייגענעם לאַגל.
ס'איז שפּיל היינט זיידנס חורבן פֿון פֿאַר צייטן,
וואָס מיט איכה־ניגון מיר באַקלאָגן...

אַ חוזק היינט די שלאַכטן אין דער „סוואַרבע," —
ס'זיינען גליקלעכער אַמאָל געווען די קדושים.
היינט ווערן פֿעלקער ווי קעלבער געיאָגט צום שטאַרבן,
און ס'לעקן מלחמה־פֿלאַמען זייערע פֿליישן.
ניט מער קיין תּפֿילה־קלאַנג אין הייסן מויל פֿון דאַרבונג,
על־חטא ניט שלאָגן זיך ווי זינדיקע, ווי פּושעים!
אונדזערע זין, אויף האַרטן און שלאָפֿלאָזן צער־בעט,
אין פֿאַרצווייפֿלונג לעסטערן די מוטערס שויסן!

אויף אַזאַ האַרטן און אומרואיקן געלעגער —
סאַראַ חלומות קאָנען איצטער בליען?
אומעטום לויפֿט דיר דער שונא אַנטקעגן,
מיט פֿאַרלענדונג זיינע אויגן גליִען.
דער שרעק אַנטלויפֿט ווי פֿראָסט צו די שפּיצן־נעגל,
וואָס רייסן זיך אָן שטייפֿן שטריק פֿון תּליה;
דיין מאָרגן קלאַמערט זיך אין ברענענדיקע רגע'ס,
גליט נאָך אַ מאָרגן אונטער זייערע וויעס?

איצט רויכערט זיך דער הימל אויף געבענטשטע שטאָטן,
מיט קנויל פֿון שטורעם־זאַמדן איבער פֿריירע־פֿלאַכן;
מיט גענעצדיקן מויל צעוועקט זיך נאָנט דער קראַטער;
וועט ער מיט לײדיקן צוריק זיין מויל פֿאַרמאַכן?
צי מיט געביידעס, און מענטשן־לייב אַ זאַטער,
וועט ער דונערדיק אויף שטרעקעס זיך צעלאַכן?
וועט דער ווילן צו דער פֿרייהייט אונדז פֿאַראַטן,
צי ער וועט אונדז ביי דעם אָפּגרונט־מויל באַוואַכן?

די גאַנצע וועלט — אין שונא'ס חוצפּהדיקן קלאַמער;
צי זאָל זי אַנגעמען פֿאַר גורל זיין בהלה?
ווי פֿי, די קינדער אירע, זאָל דער שונא צאַמען?
די מענטשן — מעלה־גירה זיין די אייגענע מפּלה?...
און טואונגען, וואָס מענטש האָט דורות־לאַנג געזאַמלט,
מיט דערנידערונג דעם שונא צינדן באַצאָלן?
דעם יאָך פֿון קנעכט וועט קיינמאָל ניט דער מענטש פֿאַרזאַמען,
זאָל יאָך פֿון פֿרייהייט אונדזער גוף פֿאַרשטאָלן!

און ייד איז איינגעוואוינט דעם ליבן יאָך צו טראָגן,
אין אַלע לענדער טראָגט ער אים אָן וואַקל;
ער ווייסט, אַז ווען די זון פון זיג וועט טאָגן,
וועט אים באַלייכטן אויך דער פרייהייט־פלאַקער;
ער וועט פאַר יעדן פרייהייט־לאַנד זיך שלאָגן,
און טראָגן בירגער־יאָך אויף אויסגעשטרעקטן נאַקן;
דורך שונאס בליקן גיפטיקע באַהאַגלט,
טראָגט אומעטום דער ייד דעם פרייהייט־פאַקל!

וואָס זע איך? מיינע קינדער־הימלען ווידער רויטע,
מיט אויגן בלוטיקע פון צאָרן אויסגעקערטע;
איך הער ווי ס׳שרייט סאָוועטן־לאַנד פאַר ווייטיק,
איך זע באַוועגן זיך מיליאָנען אָנגעגורטע קערפּערס,
און ניט דערשראָקענע פון הורבעס־טויטע —
און היימען מענטשלעכע אויף אַש צעשטערטע —
אין זייערע גלידער ברענט די פרייהייט לויטער,
און זיי מאַרשירן צו דעם מאָרגן דעם באַגערטן!

די שוועסטער־לענדער — שונאס פויסט ניט אויסגעהאַלטן,
כאַטש בראַוו און מוטיק זיך געשטעלט אַנטקעגן;
בריטאַניע פאַנצערט זיך אָן איר גיבראַלטאַר,
צערייצטער לייב — פאַרצווייפלט קאָן זיין כוח וועגן...
בלויז דורשט נאָך פרייהייט קאָן די פעלקער האַלטן,
און אויף דעם פרייהייט־שליאַך — סאָוועטן־לאַנד באַגעגנט;
עס איז דער חלום, אַט דער העל־צעשטראַלטער,
וואָס לאָזט ניט איינשרומפּן די לעצטע וועגן...

פון טאַנקען — אויפגעריסן קאַלטע האַרץ פון דומם,
מיט ברודער־לייב — דעם שונאס טראָט פאַרצאַמען;
איצט האָבן זיך פאַרברידערט מיינע ביידע היימען,
און ס׳האַלדזט בריטאַניע זיי מיט אירע ימען.
געדעכטער קריג וועט אונדז מיט זיג באַלוינען,
וואָס וועט פאַרקריצן זיך מיט רויע לייבער־שראַמען...
אין בלוט — געוואַשענע די מאָרגן־טרוימען,
און טויט פאַר אמת איז די פרייהייט נישט מטמא...

ניו־יאָרק, אָקט. 1941־1942

צו מיין קינד

צוואַנציק יאָר וואַרטן.

גענוג, מיין קינד, מיט אונדז זיך שוין צו שפּילן,
אַ, ליבע שטיפּערקע דו מיין;
האָסט פאַרזאָגט אונדז: אין בלויער קלייד דיך איינצוהילן,
און דיך נעמען צו גאַסט ערגעץ־וואו. —
מיר האָבן פאַרכישופטע געטאָן דיין ווילן,
דיך געבראַכט אַהינצעצו — — —
און אַליין דאָ — מיט פאַרשטיקטער תפילה
אַלץ געוואַרט... און מיר וואַרטן, און וואַרטן
אין קראַנקער האָפענונג פאַרגאַרטלט —
און נישטאָ, נישטאָ נאָך ביסטו!

ביסט אַוועק, און מיט דיר אויך דער זומער, —
אַלץ האָט זיך געביטן אין וואַרטעניש אויף דיר;
דער גרויסער בוים ביים הויז — אַ טונקעלער, אַ שטומער, —
גיט מיט קיין בלעטל נישט קיין ריר;
און אומעטיקער ווערט אַלץ דאָס וואַרטן אויף דיר!
אויך דער אַפּריקאָסן־בוים, דיין ליבלינג,
וואַרט אין גאָרטן ביי דיין פענצטער,
אויסגעקרימט ווי אַ נוס־בוים מיט די צווייגן צעשפּרייט;
געדענקסט ווי אַ שטורעם האָט אַ צווייג אָפּגעשפּאָלטן
אײדער ביסט פון אונדז אַוועק צו גאַסט ערגעץ־וואו.
כ'האָב דעם צווייג דאָן געהיילט מיט פרישן ברויט,
צום בוים אים צוגעבונדן מיט אַ ווייסן באַנד,
ווי אַ מענטשנס באַנדאַזשירטע האַנט;
נאָר דו, מיין קינד, האָסט געטענהט נאָכאַנאַנד:
אַז דער צווייג איז אויף אייביק שוין טויט,
דער צווייג וועט ניט בליען שוין מער! —
פאַרהילט אין זיין ווייסן באַנד האָט ער
אויף דיר געוואַרט גאַנצע טעג,
זיך פאַרהיילן נישט געוואָלט, —
ביז פאַר צער זיך אינגאַנצן אָפּגעבראָכן!

שכנים קומען אונדז טרייסטן,
און זאָגן, אַז צו גאָט ביסטו אַוועק,
און אין גאָטס הימל איז דיר גוט.
זיי ווייסן נישט, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אין אונדזער בלוט,
און בלאָנדזשעסט דאָ ערגעץ נאָענט —
אפשר פון אונדז נאָר אַ פּאָר טריט, —
נאָר מיר זעען דיך ניט.

אויף קלאַנגען־פליגל

אויף די פליגל פון קלאַנגען
כ'האָב זיך טראָגן געלאָזט,
כ'בין אין לופטנס געהאַנגען,
וואָס מיט הימל באַגלאָזט;
און אַ ווינט מיט געזאַנגען
איבער מיר האָט געבלאָזט,
ס'האָט מוזיק מיך געפאַנגען
אין איר שטראָמען־געפלאָס.

טעג און נעכט זיך געטראָגן
אין דעם קלאַנגיקן ים,
געזען אָונטן, טאָגן,
געזען פינצטערס און פלאַם;

ס'פלייצט אַ קלאַנגיקער האָגל
אין דעם לופטיקן ראָם,
אייגן האַרץ האָט געשלאָגן
מיט די קלאַנגען צוזאַם.

נאָר כ'האָב בענקען גענומען
נאָך די ערדישע רייד,
און מיט וואָרט האָט מיין גומען
יעדן קלאַנג אָנגעקליידט;
קלאַנג האָט קערפּער באַקומען
וואָס אויף ערד־באָדן גייט,
צו דער נידער געקומען
כ'בין פון הימל־געשפּרייט.

זיך אויסצורעדן בלויז...

מיין מי, איך ווייס כ'האָב צוגעזאָגט
פאַר דיר בישט קלאָגן זיך קיינמאָל,
און קאָנסט ניט הערן קיין באַקלאָג
אויך ווען נישט פריידיק קלינגט
מיין קול;
כאָטש ברייטע העלקייט פון דעם טאָג
אויף גוף מיינס ציט ווי בגד שמאָל,
די העלקייט קומט פון גאַסן־ראָג,
ווען כ'לויף אַרויס צום מיטאָג־מאָל.

פלאָרעסנט־ליכט מיט פולקייט ליגט
אויף מיר ווי ווייסער פאַרטעך ברייט,
ווען גאַנצער גוף מיינט איז צעוויגט,
מיט הענט צעצווייגט אין מי
צעשפּרייט.

דאָך ניט פאַרווירט איז מיין געניק
ווען יאָך אויף אים מיט חוצפּה שטייט;
ס'דערמאָנט זיך מיין פאַרשפּאַרטער
בליק
אויף זון, וואָס אויף דעם הימל גייט.

ווען גוף אין מי איז שטאַרק פאַרטאָן,
וויל אויג מיינס זען ווי וועלט זעט
אויס,
און וואָרט וויל אויך אַ שפּיל זיך טאָן,
וויל אויך מיט שטראַלן־וועג אַרויס.
וואָס קומט מיך מי, ווען אַ דערמאָן
גיט פלוצים מיין געדאַנק אַ שטויס, —
ניין ניט באַקלאָג איז אין מיין טאָן,
זיך אויסצורעדן וויל איך בלויז.

מיין אָנגעשטרענגטע זעל

שוין צייט פון לאַנג אויף נאַכטלעג,
און פון מיין היים כ'בין ווייט;
מסתמא, אַ פאַרטראַכטער,
האָב איך פאַרקוקט די צייט.

אָן שלאָף, אַנאויפגעוואַכטער,
אַ פרעמדן וועג איך שנייד;
דער וואָלקן־לייב—נאָך שלאַכט שוין—
דעם שוואַרצן הימל קייט.

די פינצטערניש — אַ ווייטע,
נישט די וואָס לעם מיין היים, —
איך קוק אין אַלע זייטן,
נאָר כ'שטעל נישט אָפּ דאָס גיין.
כ'לאָז די מחשבות רייטן
אויף וואָלקנס פון דעם רוים;
פון היים־וועג כ'ווער דערווייטערט,
כאָטש כ'וויל עס נישט אַליין.

נו, וואַנדער איך אָן ווילן,
און גיי דאָך נישט צוריק,
די שווערע לופט, אַ שטילע,
מיט שווערן שוויגן שטיקט.

איך וואַרט, ביז כ'וועל דערפילן
אויף זיך פרימאָרגן־בליק,
וואָס אַלע נאַכט־פאַרהילן
מיט ליכט זיינס ער צעפליקט.

אויך מיינע נאַכט־קאָשמאַרן
אַוועקגיין וועלן שנעל,
באַגינענס ווייטע זשאַרן
צעגליען וועלן העל;
כ'וועל זען מיין היים אָן כמאַרעס,
מיט אויסגעשטרעקטער שוועל,
ס'האָט נאַכט געוואָלט פאַרנאַרן
מיין אָנגעשטרענגטע זעל.

אויף זיין קישן — די לבנה

איז אַוועק, און זיין שטיבל געלאָזן אַליין,
אויפן טיש גרילט די הוילקייט, זיין בעט — נישט פאַרבעט,
אויפן קישן — דעם קנייטש פון זיין קאָפּ געלאָזט שטיין,
געווען שנייאיקער ליינען דורך גוף זיינס צעקנעט,
אויפן ליילעך נאָך סטאַרטשעט זיין קניאיקער ביין;
ס'האָט פון אַלצדינג אַלייניקייט זיינע גערעדט,
און געטריבן די טריט צום אָנציליקן גיין,
און צעריבן די טרייסט מיטן דראָבנעם געטרעט.

קומט ער שפּעט אין דער נאַכט אין זיין שטיבל צוריק,
אין זיין שויב איינגעראַמט איז אַ העלע געשטאַלט,
ווי באַוועג פון פיל מענטשן דערפילט באַלד זיין בליק,
ווען ער האָט אין גערעג שווערע טיר אויפגעפּראַלט.
אויף זיין קישן — אַ גאַסט, די לבנה דאָרט ליגט,
ווייסער ליינען, אין אָטעם־געשלאָג, האָט געשטראַלט;
ס'שטייגט אַלייניקייט אַ וויל אויף אַ ליכטיקער בריק,
אויף זיין בעט איז צעגלעט יעדער קנייטשיקער פאַלד.

מיט זיין קומען — איז באַלד די לבנה אַרויס, —
אין זיין בעט איז נאָך וואַרים געוועזן איר ליכט,
אירע שטראַלן, אין מיידלשע לאָקן געקרויזט,
האָבן לאַנג זיך געהאַלטן אויף קישענער ציך.
אויפן שנייאיקן ליילעך — אין העלקייט אָנטבלויזט, —
האָט געבלאַנקט זיך דער פורעם פון לבנהשער דיך,
נאָך אויף נעכט־לאַנג מיט אים אינם שטיבל געהויזט;
ס'האַלט בייטאָג אויך די שויב איינגעראַמט איר געזיכט.

אַ גבאַי גייסטו אום...

אַ גבאַי גייסטו אום
מיט טריט צו מזרח־וואַנט,
דיין טואונג פול גענזשום,
דיין טאַט צערינט ווי זאַמד;
דיין גראַבע לוסט צו רום
אויף טויטער שטילקייט שפּאַנט,
דאָס גלייכסטע מאַכסטו קרום
מיט אַנריר פון דיין האַנט.

אַפילו פאַרן טויט
קיין אַפּשיי האָסטו ניט,
רעדסט אַלץ מיט הויכע רייד,
גייסט אַלץ מיט הויכע טריט;
נאָר־וואָס צו רו באַגלייט,
נאָר־וואָס מיט ערד באַשיט,
ביים טיר דער טרויער שטייט
אין עצבות איינגעשמידט.

ווי טומלדיק דו ביסט!
די שטילקייט נישט צערעג;
דער ליבער מת — ער איז
מיט אונדז דאָך אַלע טעג;
ער הערט אונדז דאָך געוויס,
באַטש מיט אַ דעק פאַרדעקט,
ס׳צעפּליקט נישט טויטער ריס
זיין לעבעדיקן וועג!

די שבועה

כ׳האָב דערהערט דעם וויי־געשריי פון אייער שבועה,
און איך ענטפער־אָפּ מיט ווייטיק: יאָ!
און מיט ציטער שווער איך: כ׳וועל, ווי איר, ניט רוען
ביז עס ווערט פאַרטיליקט חיה־רעה.
אויפן שלאַכטפעלד שרייען אייערע ענוים
און ס׳אַנטלויפט פון קראַנקן לייב די קראָ...
אין יסורים לויטערט העלער די ישועה,
ווי די זון אין רויט פון אויפגאַנג־שעה!

בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט — דעם הארבן נדר
זאָג איך נאָך מיט שטאָלץ אייך וואָרט ביי וואָרט.
כאָטש אין האַרצן — בין איך שטום זיך מודה —
קלאָגט אַ מדבר־ווינט ביים אויסרוף „מאָרד!"
נאָר פאַרפייניקטע הרוגים, גאַנצע עדהס,
האָבן מיך מיט מאָרד צונויפגעפּאָרט.
שוין גענוג צו שטרעקן העלדזער אויף עקדות,
יידיש בלוט האָט אַלץ אין מיר געקלאָרט.

ערד סאָוועטישע! פון בראַווסטע זין די מוטער!
די באַפּרוכפּערטע מיט העלדן־מוט.
אויך מיין יידיש לייב האָט זיך אויף דיר געמוטיקט,
ביזט געוואָרן אונדזער פעסטיקסטער רעדוט!

שונאס חיל קנוילט אויף האַרטער ערד פאַרבלוטיקט,
פעלקער־ברידער צאַמען זיין מאַרשרוט.
אין דעם אויסראַט־קאַמף מיט גרויזאַמען, ניט־גוטן —
שווער איך אויך צו צאָלן בלוט פאַר בלוט!

ניו־יאָרק, 1942

יעקבס הענט

מ. מיכאָעלס און איציק פעפער — אַ מתנה.

באַנעמטט ניט רוסלאַנד מיט געדאַנק,
צו איר קאָן מאָס זיך ניט דערהויבן,
אין איר איז גאָר אַן אַנדער גאַנג,
אין רוס איז מעגלעך נאָר צו גלויבן!
פ. אי. טיוטשעוו (1873־1803)

כ'האָב דערהערט אייער גרוס
און מיט האַרץ אים דערפילט,
די סאָוועטישע רוס —
פאַרן אויג אויפגעשפילט!

כ'זע סאָוועטישן סטעפּ,
כ'זע סאָוועטישע שטאָט,
און דערהויבענע קעפּ,
און פאַרגלידערטן טראָט.

כ'זע געפייניקטן קראַמף
אויף דער מענטשלעכער ליפּ,
כ'זע צעצונדענעם קאַמף
אין די הערצער צעגליט;

כ'זע דעם גלויבן וואָס לויכט
אין דעם גלויביקן בליק,
כ'זע אין קנויליקן רויך —
פינקלען פונקען פון זיג.

יעדע האַרץ אין דעם לאַנד
שלאָגט איין איינציקן שלאָג,
יעדער פינגער פון האַנט
וועבט איין איינציקן טאָג!

טאָג פון פריי אויף דער וועלט,
טאָג פון ברודער און מענטש,
יענער טאָג אייך באַהעלט
נאָסן חושך פון טרענטש!

אויף פאַרפייניקטן לייב
טראָגט ביי אייך קינד און קייט
אַט די העלקייט, וואָס טרייבט
פון אייך מורא פאַר טויט!

אייער גרוס עפנט אוף
אונדז פאַרבאָרגענע וואַנט —
וואַנט פון מענטשלעכן גוף —
וואָס דעם שונא פאַרצאַמט!

איר זענט אַלע אין שלאַכט,
אומעטום שטייט גאַנץ פאָלק
פון איין גלויבן באַוואַכט,
פון איין שטאָל אויסגעשטאָלט!

אייער גרוס האָט דערפרייט
אָט דעם ברידערשן לאַנד,
וואָס אַ מעכטיקע שטייט
מיט בריטאַניע באַנאַנד,

אין צוזאַמיקער שלאַכט
פאַר אַ ליכטיקער וועלט —
איר האָט קלערער געמאַכט
אונדז סאָוועטישן העלד!

כ'הער דעם יעקבשן גרוס,
וואָס זיין קול בלויז באַקאַנט,
די סאָוועטישע רוס
קאָן אויך איצטער זיין האַנט!

ווי ביי עשוון וואַך
אַלע אברים אין גוף,
אומעטומיקע שלאַכט
יעקבס הענט אויסגעפּרואווט!

זאָל ניט זיין אויף דער וועלט
יעקבס קערפּער צעהאַלבט, —
אויף סאָוועטישן פעלד
בליט אַ גאַנצע געשטאַלט.

פעלקער שטייען — איין מאַן, —
פול מיט ליבשאַפט אין האַרץ,
צום סאָוועטישן לאַנד
ווי אַ קינד אַ געגאַרטס!

נאָר אַ מוטערס האַרץ ווייס,
נאָר אַ מוטערס האַרץ פילט,
וואָס ס'וועט שפּעטער אַרויס
פון איר קינד דעם צעווילדט.

ס'האָט ניט מוטער קיין חשד
אויף איר בלוט, אויף איר לייב;
דער האָט ליב ניט געהאַט,
ווער זיין חשד ניט פאַרטרייבט!

אין אַ פורעם פון מוז
האָט זיך פרייהייט געצאַמט,
ביז עס האָט אין איין גוס
זיך געפורעמט פריי לאַנד!

ס'האָט נאָך משה געוואוסט
אין דער מדברשער צייט:
מענטש האָט קנעכטשאַפט געגלוסט,
וויל ניט ווערן באַפרייט.

ווער עס בענקט נאָך זיין האָר,
כאָטש אַ פרייער שוין ווערט, —
בויער אויער דערפאַר,
וואָס באַפריי האָט פאַרהערט! —

נאָר עס האָט אייער לאַנד
נישט פאַרהערט דעם באַפריי, —
איר ברעכט ערשטע די וואַנט
צו דעם פרייען באַניי!

און פאַר ווען ס'איז פרעמד
אייער אַנדערשדיקייט,
האָט נישט פיינלעך געקעמפט
פאַר דער מאָרגיקער צייט!

יענער ווערט נישט פון סוד
אין זיין האַרצן געלאָקט,
יענער הערט נישט דעם טראָט
פון דעם מאָרגיקן טאָג,

וואָס ניט דאָרטן נאָר שפּאַנט,
נאָר ער שפּאַנט אומעטום,
אין זיין ליכטיקער האַנט,
טראָגט ער ליכטיקע זון! —

ווען ס'לאָקט דער אַמאָל,
ס'בייסט זיין צונג אַלטער טעם,
און אים כשופט דער קול
נאָך פון רוישיקן דאַן...

גיט אים קריק יענעם טרוים,
אין זיין האַרץ אָפּגעקילט,
דעם צעבלעזלטן שוים
אין זיין יוגנט צעשפּילט! —

אָדער ס'פּליט זיין באַגער
צום פאַרלאָקטן אַהין —
ער מאָנט מער, ער מאָנט מער
וואו נישטאָ קיין וואוהין! —

יענער שרעקט זיך צו זען,
כאַטש ער גאַרט נאָכן זיג! —
ס'איז זיין גרויסער געשען
נאָך פאַרוויגט אין זיין וויג.

און אין מיר צינדט זיך אָן
אייער האַרציקער וואָרט
פון צערודערטן שטראָם,
און פון שלאַכטן געקלאָרט!

כ'וואָג ניט וועגן אויף וואָג
אייער גוטס, אייער בייז, —
אין דעם ליכטיקן טאָג
וועט אַלץ ליכטיק אַרויס!

איר אַליין דאָרטן שטייט
אויף צעריסענעם פעלד,
ס'איז דער קאַמף אייער ברויט,
איר זייט אַלע דער העלד!

אייער טרוים איז די וואָר,
אייער ערד, וואָס איר טרעט,
וועט עס קאָן נאָר זען קלאָר —
אייער וואונדער דערזעט!

ניו־יאָרק, 23־טער יולי, 1943

פרייטיק, ביי אַ פולער לבנה

„פרייטיק, ביי אַ פולער לבנה
וועט אָנקומען היטלער.״
צייטונגס־נייעס, 1940.

נאָר ביי אַ פולער לבנה,
אין אַ באַשטימטן פרייטיק, —
וועט ער זיין הערשאַפט מאָנען,
און בריטאַניע באַשטרייטן;
מיט אַ מויל פון קאַנאָנען,
רונד און רויט ווי אַ שייטער, —
וועט אים נאָכגיין די לבנה,
און אים היטן פון ווייטן.

כ'קוק אויף דעם רונדן קיילעך —
אויף דעם אכזרס באַפעלער;
כ'זע זי, ווי תמיד, איילן,
לער, ווי אַ נייער טעלער;
בייך, זי וועט זיינע פיילן
צו זיין פיינט ניט פאַרשנעלן.
זי דאַרף גיין אירע מיילן
צו דעם זון־שליאַך דעם העלן.

פריי זיך נישט, ווילדע רשעות,
זיג דיינס וועסט נישט דערשפּיגען;
צו דעם וואַקלענדיקן כישוף
קומסטו קניענדיק דינען.
הייסט דער מכשפה מישן
שנעלער די שוואַרצע שנאה,
שנעלער, ווייל ס'האָט דיין רשעות
מורא פאַרן באַגינען.

בייזע צייט

אַ בייזע צייט פון מעסטן, וועגן,
אָן צוטרוי וויגן זיך די שאָלן;
די לעצטע גוססדיקע רגעס —
מיט חשדים הענגען אָנגעשוואָלן.
עס רויכערט זיך דאָס שרעקיק לעבן,
פון ערדבראָך—ברעכט די וועלט צוזאַמען;
די שווערע לופט—פון קראַטער־שוועבל—
צעצינדט זיך אין זיגזאַגן־פלאַמען.

באַר קופּעס שטראָפּער מעסטן, וועגן —
אויף שאָלן — הייסינקע עבירות.
אָנשטאָט צו ברענגען האַרץ אַנטקעגן,
ווי יענע לאַנד גיט גוף פאַר
דורות!

גענוג איך שוין צו מעסטן, וועגן,
אָ, איר מיט מוסר אָנגעטרונקען! —
עס גרינט ניט אייער קרומער שטעגל,
וואָס פירט צום בייזן שליאַך
פון שטומקייט!

ווי שניי־באַרג — פון דער זון צעגאַנגען,
צעשמעלצט זיך די פאַרניינער־קופּע;
איר וועט ניט סטייען אויף פיר
שטאַנגען,
וואָס דאַרפן אויפהאַלטן אַ חופּה!...

און איר — אַ כעסיקער מזומן,
וואָס נאָך אַ הונגעריקער סעודה, —
איר וועט שטאָט בענטשן —
שטראָפרייד ברומען
אין באַלד פאַרשלעפּערטן גערודער...

1940

די רחמנות־פרעסער

אַנטלויף פון קהלשע לײדער,
וואָס לײדן בפרהסיא,
פאַר זיי דאַרף אומגליק שניידן
אין טאָפּלטע מעסלעסן;
ס'ווערט בראָך פון מענטשנס לײדן
אין זייער מויל פאַרגרעסערט,
אַ יאַטקע איז דאָס ביידל
פון די רחמנות־פרעסער.

אָ, נישט קיין גלויבן ברענגען
די לײדער די געטרייע,
זיי ציען דעם צער אויס לענגער,
און זייגען זיך מער מצער;
אויף זייערע תליות הענגען
נישט איינציקע, נאָר דרייען,
זיי מאַכן דעם גיהנום ענגער,
און פעכיקער דעם פייער.

די לײדער — אָנגעגרייטע
פאַר קאַטאַסטראָפּעס גרויסע,
רחמנות־אינקובייטאָרס,
וואו ס'בריט זיך רחמים הייסער;

זיי שטייגן אויף די לייטערס
פון הורבעס קאַלטע מתים,
זיי ווילן זיין די קנויטן
פון אויסגעלאָשענע קדושים.

דער ווערטערדיקער רחמים,
נישט אויסגעבעט מיט מעשים,
ווי קמצן טיילט אויס זאַכן,
און שטעלט זיין הונט זאָל בייסן;
ס'איז פול מיט שרייער־מחנות,
און לייכטע טרערן־רייסער,
ס'האָט זייער גוטס קיין דאַך ניט,
און ווינט צעיאָגט דעם מעשר...

אַנטלויף פון די געטרייע,
וואָס לײדן בפרהסיא,
און זייגען זיך מצער
אין טאָפּלטע מעסלעסן;
אַנטלויף פון אָט די שרייער,
די פרומע באַלעבעסלעך,
וואָס אומגליק שטענדיק קייען
מיט אַפּעטיט פון פרעסער!

1943

ווערטער און באַגריפן —
אַקער אויף אויפסניי;
אַלע רייד פון חניפה
גיי מיט שאַרף פאַרביי.
פלאַנץ די ווערטער טיפער,
מענטשלעכער, געטריי,
האַרבסטער וואָרט זאָל טריפן
מיט דער פרייד פון פריי.

מיט דעם פלוגס צוויי באַקן
פון דער זון צעגליט —
מאַכן אַלצדינג נאַקעט
פאַר אַ יונגן שניט,
ווי די ערד צעאַקערט,
איידער נייקייט בליט.
מיט אַ פלאַם צעפלאַקער,
און מיט אַש פאַרשיט.

ניינצן דרייאונפערציק
איז דאָס גרעניץ־יאָר,
ס'צייטיקט אין די הערצער
זאָם פון ניי־געבאָר,
און מיט ווייען־קרעכצן
קייקלט זיך די וואָר,
אין די לעצטע שלעכטצן
פייניקט זיך דער דור!

ווידער קומט בראשית
גלויביק דורכגעשטראַלט,
צען געבאָטן משהס
קיינמאָל נישט צו אַלט!
און ס'וועט אייביק רוישן
אונדזער שטאַרקער וואַלד
אַלטע, נייע קדושים
אומגעבראַכט דורך גוואַלד.

טוכליקע שאַבלאָנען —
זיי ביז גרונט רייס אויס,
אויך משיחס נאָמען
פון זיין טראָן פאַרשטויס,
הערצער פון מיליאָנען
פילן וועג פאַראויס,
די געזאַלבטע זאָמען
וואַרף אויף ווינט אַרויס.

לאָז זיי נישט באַהאַלטן
זיך אין זיסטע רייד,
מיט דעם שטאָל דעם קאַלטן
שנייד זיי אויס פון בייט.
ווערעמדיק פון אַלטקייט
זייער איינגעווייד,
און פון גרונט ביז באַלקן
בויען נייערהייד!

אַלדאָס שלעכץ צעגראָבן
אין דעם איבערבייט,
אַלע מענטשן האָבן
איין גערעכטיקייט!
איבערשרייבן גלאָבוס
מיט אַ נייען קרייד,
און אויף נייער פראָבע
שטעלן אַלטע צייט!

און פאַרגיט מיר, ווערטער,
מיט דער פולער האַנט,
וואָס מיט שווערדן פעכטן
האָב איך אייך געשפאַנט;
איר זייט פיינט פון קנעכטונג,
אויסראָטער פון שאַנד,
היים פאַר די גערעכטע
רופט זיך אייער לאַנד!

אַ מעשהלע פון שטאָט ניו־יאָרק

פאַראַן אַ מענטש אין שטאָט,
(איז אויף דער וואָר פאַראַן),
פאַמעלעך איז זיין טראָט,
און שטיל, און שמאָל זיין שפאַן.

גיט ווער אַ טראַכט אַ ווייל:
איז גלייך ווי נישט געזען.
זיין אָרט ווערט פלוצלונג לער,
ווי ס'וואָלט אַ בלענד געווען.

גיט ווער אַטראַכט אַ ווייל:
אַ פנים — ווי אַ האַרף; —
נאָר ס'יאָגט און יאָגט געאייל,
אים ווייטער נאָך פאַרוואַרפט.

געשלעפט אין אַרבעט־צייט
פאַר קראָמען שווערע פעק.
אַליין — אַ פאַק פון ווייט —
געשפאַנט האָט ער זיין וועג.

געזעל און באַלעבאָס —
ס'האָט קיינער אים געפרעגט,
וואוהין ער גייט און וואָס
ער טוט אין לערע טעג.

די משא נישט געפילט
אויף ביינערדיקן לייב.
אין אויג האָט זיך געשפילט
אַן אויסגעשפרייטע ווייט.

אַ שטילער מענטש, ער גייט
מיט אַלע און אַליין, —
ווי ס'וואָלט זיין טראָט פאַרזייט
די שטילקייט אויפן שטיין.

נאָר איבערשרייען שטאָט
מיט שטילקייט — איז צו שווער;
דאָך סוידעט ער זיין סוד
אַריין אין שטאָטס געהער.

אַ טויב אַרויסגעשיקט
אין מבולדיקער הויל,
די טויב וועט קומען קריק
מיט גרינעם בלאַט אין מויל.

ער גלויבט אין אַלץ, און פרואווט,
און רעדט וואָס שטיל אַריין, —
ווייל אַלץ קאָן ווערן גוף,
ווייל אַלץ קאָן עפעס זיין.

פון איטלעכן באַוועג,
פון בלינדן שטויס אין לופט, —
אַ ברעג זוכט אויף אַ ברעג,
עס ענטפערט אָפּ אַ רוף. —

איז גייט ער זיך און גייט
אין שטאָטיקן געשטויס,
און וואו אַ מחנה שטייט,
איז דאָרטן וואַקסט ער אויס.

ביט אַלע מאָל געשלעג
און בראָך יאָגט מענטשן אוף, —
המון ווערט אויפגעוועקט
פון מינדסטן גאַסן־רוף.

אַ העלפאַנט — אויפן גאַס,
אין רוים — אַן עראָפלאַן,
אַ פערד פאַלט אונטער לאַסט,
אַלץ האַלט המון געשפאַנט.

פאַרקויפערס אַלערליי
פאַרזאַמלען אָפט אַ ראָד,
און עקסטראַס־אויסגעשריי
צערייסט די לופט פון שטאָט.

אָט שטייט ווער אויף אַ ראָג.
און מעסערלעך פאַרקויפט:
— ס'האָט לינקאָלן געזאָגט,
אַז „בלויז אַ קנעכט אַנטלויפט.“ —

אַנטלויפט ניט שטאָלצע פריינט,
אַ מעסערל נעמט מיט;
און קויפן מוזט איר היינט,
ווייל מאָרגן קריגט איר ניט! —

די כלומרשטיקע רייד
פון לינקאַלן געבראַכט, —
זיי צינדן אָן ווי קנויט
די פונקען פון פאַרדאַכט.

און דער פאַרקויפער רעדט,
און רעדט מיט זיינע הענט, —
נאָר עולם — פון אים שפעט,
און לאָזט אים שטיין פאַרשעמט.

דאָ קומט דער מענטש צוגיין,
באַלאָדט מיט זיינע פעק, —
ער קויפט... און ס'קויפט המון
די מעסערלעך אַוועק! —

פאַרקויפער בלייבט צעמישט,
ס'איז עפעס דאָ געשען? —
נאָר יענער זעט זיך נישט,
ווי גאָרנישט־ניט געוועזן.

עס איז אַ מאָדנע זאַך
געשען מיט אים דאָ היינט, —
המון האָט אים פאַרלאַכט,
און איצט — המונס אַ פריינט!

דער שטילער מישט זיך אויס
אין שוואַרצן מענטשן־שטראָם.
מיט איין פאַרלאַנג פאַראויס,
איין אַרבעט אים דערמאָנט.

אין אַרעמסטן קוואַרטאַל,
אין דעם פאַבריקן־נעסט,
וואו קוימען־טרובע שאַלט,
און רויך — דעם הימל פרעסט.

דאָרט לעשט ער זיינע טעג
דאָרט וואַכט ער זיינע נעכט,
זיך ווי באַגין געוועקט
אין נאַכטיק־שוואַרצן פעך.

ער זעט ווי שטאָט דערוואַכט
פון נעפל אויסגעשיילט,
ווי שטיקער שוואַרצע נאַכט
נאָך זוכן וואו אַ הייל.

דערקענט אין רויך־געקנויל
די גוטע, זאַטע טעג, —
און ווען מיט אָפן מויל
ווערט אָנקומען די „סלעק.״

מיט גראָבע זיילן רויך
די זעט איר פאַלאַץ בויט.
„פראָספעריטי״! — איר בויך
איז אָנגעשטאָפט מיט ברויט!

און אַלע ווערן זאַט,
באַשוכט און אָנגעקליידט,
ווי אויף אַנאַנס־פלאַקאַט
פיגור־פאַרפוצטע שטייט.

נאָר ווען געהיפט ווי טרעפ
די שטאָט די קוימענס צינדט,
רויך — דיק, ווי שוואַרצער קרעפ, —
צי ווי אַ נעפל רינט;

אַ הונדערטסטע פאַבריק
גייט מיט איר אַרבעט אָן.
אויף מויערן צעוויגט
די „סלעק״ איר גרויע פאָן.

איר גרויקייט אומגעזען,
ווי נעפל, קלעפיק פאַלט,
און מיט פאַרשעמטע הענט,
איז פול פאַבריק קוואַרטאַל;

צעשאָטן אויפֿן גאַס —
גייט אום אַ האַלבע שטאָט,
מיט דורשטיקייט נאָך לאַסט,
מיט וויינענדיקן טראָט.

ווען פון געזונטן לייב
שפּראָצט פרישע קראַפט אַרויס,
און שאַפ האָט עס פאַרשפּייט,
און גאַס האָט עס אַנטבלויזט.

דער שטאָלצער — שטום און קליין,
צעדריקט פון שטאָט־קאַפּריז;
ס׳האָט שטאָט זיין בלוט, זיין ביין,
און ער — ביי אירע פיס!

ווייל לאַנגע טעג אָן מי
פאַרצערט דעם שטאַרקסטן מוט;
דער רויטער מאָרגן־גלי
דערמאָנט זיי חרפה־בלוט!

ניט יעדער האָט קוראַזש
צום „ברעדלייך" צוצושטיין,
די צונג — די ליפּן וואַשט,
דער הונגער זאָל פאַרגיין;

גייט פלוצלונג גאַסן־שטראָם
פון גלייכן פלוס אַרויס,
און רייד פון מיקראָפאָן —
אַריבער קעפ געברויזט.

פיר רעדנער אויפן גאַס,
צו איינעם אויף אַ ראָג, —
ס׳רעדט יעדער: אַרבעט־קלאַס,
און וועגט אים מיט זיין וואָג.

ס׳רעדט איינער — ווייך און שטיל,
דערפרייט זיי מיט די רייד,
ווייל ער אַליין דערפילט
דעם טוי פון דעם באַשייד.

אַ צווייטער — רואיק, קאַלט,
ווי אַ כירורג צעשניידט:

— עס מאַכט ניט אויס אויך גוואַלט,
אויב ס׳ווערט געזונט דאָס לייב!

אַ דריטער טומלט גלאַט,
ער רעדט ווי פון אַ בוך;
עס אַרט אים נאָר דער פשט:
„דאָס איז בורזשואַזע פרוכט!"

דער פערטער — „אייער שולד
די לאַנגע, שווערע סלעק.
מיט אייזלשן געדולד
קוים רירט זיך אייער עק!

גיט מיטן עק אַ יאָג
און רייטער וואַרפט אַראָפ!"
פון פערטן אויפן ראָג
פאַרדרייט המון דעם קאָפ.

די רעדנער — אָפגערעדט,
המון — צעשטרייטער שפּאַנט.
ס׳הענגט איבער קאָפ די זעט,
כאָטש כאַפ זי מיט דער האַנט! —

דער שטילער — איז געווען
דער ערשטער פון די פיר;
האָט אַרבעטסלאָזע „הענט"
מיט ברודערשאַפט באַרירט.

אַ קאַלטע רוישט די גאַס
מיט מענטשן, שטיין, און שטאָל,
און ס׳פלאַקערט דער קאָנטראַסט
פון אָרעמקייט און — גאָלד.

ער איז אַליין פאַר שאַנד,
אַוועק פון זיינע פעק.
עס פייערט אים די האַנט
צו אַרבעטן אין „סלעק."

ער שליסט זיך אָן אין זיי,
ווי שאָטן נאָך זיי גייט.
ער וואַרעמט זייער ריי,
און טרייסט מיט זיינע רייד.

ער טרייסט זיי איינציקווייז,
און לינדערט זייער וואונד,
ווייל נויט — דערווײלע בייסט
ווי הונגעריקער הונט. —

מיט בשורות קומט ער אָן,
און יעדן רוימט ער איין:
— אַז באַלדיקער סעזאָן
וועט לענגער, בעסער זיין! —

ער גייט מיט זיי באַנאַנד,
און מאַכט פאַר זיי אַלץ קלאָר.
כאָטש פרעמד און אומבאַקאַנט, —
פאַרשלונגען ווערט זיין וואָרט.

זיין וואָרט ווערט שנעל צעכאַפּט,
ווי הייסער, פרישער ברויט:
— באַלד רופט מען קריק אין שאַפּ,
האָט אונדז אַ מענטש פאַרטרויט!

אויף פנימער — אַ פרייד
אַ רגע גיט אַ שטראַל.
פאַרנאַכט — און מען צעגייט
פון דעם פאַבריק־קוואַרטאַל.

ס'איז כאָטש אַ טרייסט פאַראַן
צו ברענגען אין דער היים.
זאָל נאָר ווי מדבר־מן
אויף מאָרגן נישט צעגיין!

ס'ווערט פריילעכער געזינד
פון טאַטנס גוטע נייס;
די פרייד פאַרטרייבט די שפּין,
און איר געוועב צערייסט.

ס'ווערט גראַמער היינט אין קיך
מיט דעם געזינד אָרום;
דאָס אָרעמע געריכט
אַן אַנדער טעם באַקומט.

אין אַלע ווינקלען — פרייד,
די ראַדיאָ — אָנגעשטעלט.
פון דאָרט די זעלבע רייד:
— ס'ווערט בעסער אויף דער וועלט!

די אַקציעס — שטייגן הויך,
גערעטעניש — אַ סך.
און גראָבע זיילן רויך —
באַלד ווידער איבער דאַך! — —

און שטילנס ברייטע שטרעק
האָט מער נאָך זיך צעשפּרייט, —
באַלאַדט מיט זיינע פּעק
אין רויש פון גאַסן גייט.

זיין שמאָלע האַרף־געשטאַלט
געשניטן זיך אין שטאָט.
אויף הילכיקן אַספאַלט
פאַרזייט זיין שטילן טראָט.

אַ קעמל איינגעהאָרבט
אין אויסגעשפּרייטן וועג, —
געשלעפּט זיין טרייסטיק וואָרט,
ווי לאָגל אין די פּעק.

וואַכע לאַנדאָנער מעת־לעתן...

וואו די טריט אין חלום טרעטן,
אין מיין וואָר אויך קומען צוגיין;
כ'האָב אויף אָרט, וואו ס'רוט
דער שפּעטער
אויף דעם פריער געזען דאָרט שטיין.

זיך מיט חלום אָנגעזעטיקט
אין געקריץ פון פאַרקלעמטע ציין;
און איך מיש ניט חלום־בלע־
טער, —
זיי צעפלאַטערן זיך אַליין.

פייער־חלומות מיך פאַרבלענדן
אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט,
און עס אָטעמט אומפאַרשטענדלעך
דינער גרענעץ פון שלאָף און וואַך.
טאַנקען רעדערן אויף זעמדן,
ווי אַ קראַטער־מויל ברומט די שלאַכט,
אויף דעם ראַנד פון דער פאַרלענדונג,
פון מיין חלום האָב איך דערוואַכט.

די פאַרלענדונג דאָ ברענט גרעסער,
ווי דער חלום־קאָשמאַר ביינאַכט.
דער מלחמה־גאָט — אַ פרעסער —
האָט זיין גרעסטן מאָלצייט געמאַכט.
וואַכע לאַנדאַנער מעסלעסן
אונטער הימלשן פייער־דאַך! —
ס׳וועט די וועלט זיי נישט פאַרגעסן,
און צוזאַמען מיט זיי זיין וואַך!

יאַנואַר, 1941

וואָלקנדיקע טעג

לויט דיין באַשייד האָב איך געטאָן:
מיין לייד — פאַרגלייכט צו יענעמס
לייד,
מיין שפּענדל — קעגן יענעמס שפּאָן,
געפּרואווט אויף זיך דעם
ברודערס קייט.
ער כאַפּט מיין קאַלטן אַקסל אָן,
ווען ס׳גיט אַ ביס די רויע נויט;
און ס׳קוקט נישט היימלעכער
דער תהום
פאַר ביידנס אויגן אויסגעשפּרייט.

דאָך בין איך איצטער צוגעשמידט
צום ברודערס גורלדיקן וועג;
איין שטויב פאַרצייכנט ביידנס טריט,
איין ינט פאַרשיט זיי און פאַר־
מעקט,
קיין גרינער גראָז — אין ערגעץ
ניט;
אין שטומקייט — גיט כאַטש ווער
אַ פרעג;
אַ ברודערשאַפט האָט אויפגעגליט
אין ביידנס וואָלקנדיקע טעג.

מיין אָטעמדיקער ווינט

איך גיי ניט מיטן ווינט —
נאָר ס׳גייט דער ווינט וואו איך,
מיט פּנים, וואו ס׳באַגינט,
דעם מערב — הינטער זיך.

אָן נישט אַנטקעגן יאָגט
מיין ווינט און קרייצט מיין וועג,
ער לויפט גלייך מיט מיין טאָג,
וואָס יאָגט ווי ווינט אַוועק!

אָט פעלט מיר אָטעם אויס
אויף שטרעקעס אויסגעשפּרייט —
און ווינט — ווי פליגל־רויש —
זיין אָטעם אין מיר ווייט.

נאָר ווען ס׳שטילט איין מיין ווינט,
גייט מיד דער טאָג מיר נאָך;
מיין וועג — פאַרשלאָפן רינט
אָן רויש, ווי פליגל־פאַך.

מיין אָטעמדיקער ווינט,
צעטראָג מיר אין מיין גיי, —
אַ העלקייט אין מיר צינד,
מיין האַרץ אין מיר דערפריי!

איך דאַרף, מיין ברודער, היינט
אָן אויסגעשריי פון מוט: —
— באַגין אַנטקעגן שיינט
אויף בלוטיקן מאַרשרוט!

פון ווייטן אַמאָל

דו, פרומער סאָציאַליסט,
און גלײַכקייט־פּרעדיקער,
ווי לאַנג באַקאַנט מיר ביזט,
אַ דור אויב שוין ניט מער!
האָסט פרײַנטלעך מיך באַגריסט
ביים אָנקום מיינס אַהער,
דיין קול האָט זיך געזיסט
אין לויב צום אַרבעטער.

דו האָסט דעם פּראָלעטאַר
אויף סיני־באַרג געשטעלט,
און ס'האָט אַן עכטער צער
אין דיינע רייד געקוועלט.
דו האָסט זיין אַרבעט־האַר
אין פּרצוף אָפּגעמעלט,
דער פּועל — דאַר און קוואַר —
געווען איז ער דיין העלד.

זיין שענסטע האָניק־צייט
האָט דעמאָלט ער געהאַט,
ס'האָט יעדערער געשטרייט
אַלץ אים צו מאַכן זאַט;
מען האָט פאַר אים צעקייט
די רעוואָלוציע־טאַט:
די פרייַ דאָ — נישט באַפרייט,
אויך דאָ הערשט תּפיסה־גראַט.

פּאַרטייען פיל פאַראַן —
די פרימסטע האָסט געדינט,
וואו לייכט־מאָראַלער שפּאַן
געווען איז גרויסע זינד;
אַסקעטיש־פרום, אין צאַם,
האָסט אידעאַל געשפּינט,
אַ רייכער פריינט — אַ שאַם
פאַר דיין פּאַרטיי־געזינד.

געגרויסט האָסטו די מי,
געהייליקט אַרבעטס־לוין,
אין אויג אַ פרומער גלי
האָט זיך געפלעמלט ריין;

ס'האָט גייסטיקער פּאַרפּרי
געשוועבט דאַן אין דיין רוים,
דו האָסט געטאַדלט די —
מיט ווייסן יחוס־ביין.

פון דעמאָלט איז אַוועק
אַ דור אויב שוין ניט מער;
די זון פון יענע טעג
הענגט קוים ווי אַ לאַמטער,
פאַרשטויבט קוקט העלער וועג
צום פּראָסטן אַרבעטער,
ווען ס'האָט דיין קול געוועקט,
געלאַשטשעט זיין געהער.

דאָך פלעקן וואַרף איך נישט
אויך איצטער אויף דיין גאַנג,
נאָר גאָר אַ צווייטער ביזט,
אָן יענעם פרומען צוואַנג,
וואָס ליידט נישט קיין געמיש
פון קלאַנגען אין איין קלאַנג;
איצט זיצסטו ביי איין טיש
מיט פיינט פון דיין פונלאַנג.

צו מיר אין דיינע רייד
אַ ווייט אַזאַ עס ליגט,
עס קלינגט ווי גרייט פון שייד,
פון האַרץ נישט אויסגעוויגט;
מיך פּראָלעטאַר — באַגלייט
באַדויערדיק דיין בליק,
פאַרוואָס נישט גוט מיר גייט,
פון רייכקייט נישט באַגליקט.

און עצהן פּרואווסטו מיר,
כ'זאָל עפּעס אַנדערש טאָן,
כ'זאָל פּרואוון מזל־טיר,
אַ שפּיל טאָן אויף מיין קאָן;
און איך — איך קוק אויף דיר,
און דעם אַמאָל כ'דערמאָן,
ווען ס'איז געווען דיין ציר
דיין רויטע אַרבעטס־פאָן!

פון בוך „נייע לידער" 1940

ברודער!

צו דר. ח. זשיטלאָווסקי.

אין שאַרפע צוגן, אין שנעלע בליצן, —
זאָג אַלץ אַרויס אין איינציק וואָרט;
פון בערגלעך — בערג, פון פעלדזן — שפּיצן,
פוןביידע פאַליוסן — **דער** נאָרד!

נעם קירצסטן וועג־שניט — צו ווייטסטע לענדער,
עס לויפט די וועלט איר לעצט געלאָף —
נוץ וואָרט, וואָס שטאַרבט ניט אין קיין פאַרענדער,
אַ שפּרוך, אַן אייביקן, באַשאַף!

ס׳איז דאָ, ס׳איז הבלס געשריי־רוף: ב ר ו ד ע ר!
קום, ברודער, ברידערן די וועלט!
איך וויל נישט גיין צו דער גרויסער סעודה,
ווען נאָר איין קנעכט בלייבט אָפּגעשטעלט!

ווי בוים...

איך וויל זיין ווי בוים אין אַלע צייטן,
פונם ריטל — ביזן בורייטן שטאַם;
בליען, וועלקן, פלאַקערן אין שייטער,
פונם שטורעם — אויפגעהעלטער פלאַם!

קאָרע־קנייטשן פון דער גרויער עלטער,
טראָגן שטאָלץ ווי יוגנטלעכע וואָר!
ווער קאָן וויסן, אויך אין שפּעטע וועלטן
וועט נאָך רוישן מיין פאַרצווייגטער דור!

מיין בערעזע

דו ווילסט בוימער, דו ווילסט גרין,
דו ווילסט וויגנדיקן קלאַנג.
און ביי מיר — געוואָי פון ווינט,
און אַ סמיקער געטראַנק.

ביסט מיין גאַסט, און פירסט זיך אוף:
וואָלסט געוועזן מיין באַלעבאָס;
נאָר דו קוקסט אויף מום פון גוף,
טרויסט ניט דינקייט פון מיין כוס —

אויסגעהאַקט מיין גרינער וואַלד,
און עס זשאַווערט פרישער שטאַם;

מיין בערעזע האָט געשטראַלט
ווייסער, ליכטיקער פון שוואַן!

האָסט זיך אויף מיין גרינעם שליאַך
מיט מיין פרייד אַמאָל געפרייט? —
האָסטו טרייסטונג מיר געבראַכט,
ווען בערעזע האָט פאַרשנייט? —

נישט מיין פרייד האָסטו געקענט,
נישט מיין פּיין האָט דיך גע׳צער׳ט.
דער אַליין פון מיינע ווענט
האָט דיך קיינמאָל נישט דערוואָרט!

דער לייטער

און ער — האָט אויסגעחלומט זיך אַ לייטער,
אויף אים — דעם לעצטן שטאַפּל זיינעם גרייכן.
דערזען פון דאָרט, ווי זיינע שטרעקעס שפּרייטן,
און ווי די פלאַכע נידער נעמט פאַרבלייכן;
וואו ס׳גלאַנצט דער שוואַרצער אַקער־שניט אויף בייטן,
וואָס האָט מיט גרודעס ערד־געשריפט פאַרצייכנט
דעם אויפגאַנג־סוד פון קערנער טיף־פאַרזייטע, —
ער האָט פאַרביטן אַלץ — אויף בלויע הויכן.

דער ווייטער ערד — געשענקט די טריט־נדבות,
די נאָזלעכער — מיט הימלשע גערוכן;
אַרומגעפירט אויף פלאַמיקע מרכבות
דעם חלום, ווי יהוה זיינע לוחות;
באַגלייט אַ פרעמדן טאָג, און פרעמדן אָוונט.
ער קאָן נישט פראָסטע פרוכט פון דר׳ערד פאַרזוכן,
און ס׳בליט נישט אין דער נידער זיין מחשבה,
אים יאָגן נאָך צעשוימטע הימל־שפּרוכן.

אַז ער איז אויף דער לעצטער טרעפּ דערשטיגן,
אַ פינטעלע — פון אַ דערווייטערט פויגל, —
האָט ער דערפילט די נישטיקייט פון זיגער,
ווען וועלט ווערט קלענער נאָך אין זיינע אויגן.
וואָס נאָך אין לעבן קאָן ער איצטער קריגן,
אַז ס׳האָט נצחון זיך פאַר אים געבויגן.
איצט וואָלט ער אויף דער נידער וועלן ליגן,
און ווי די וואָרצלען — מאַמע ערד געזויגן.

מיין בייט

כ׳וועל צעאַקערן ווייכער מיין בייט,
דאָס געבלי זאָל פאַרוואָרצלען אין דר׳ערד;
ווייל פון ווינט־בעזים ווערן די רייד
נישט פאַרזייטע, ווי זאַמד אויסגעקערט.

און מיך אַרט נישט, וואָס ערד עסט זיך איין
אין די ווערטערס צעשויבערטע הויט;
ווי דער פראָסט, נישט געליכטיקטער ליין,
שמעקט מיט ערד, און מיט פייכטקייט באַטויט.

כ׳וויל די ברכה פון צייטיקן רונד
מיט דער פולקייט פון לעבעדיק לייב;
אין דעם וואָרט — אַ געלייטערטער בונד,
וואָס איין ליבשאַפט מיט צווייטער פאַרשניידט.

ווען צעבליט וועט מיין וואָרט פאַר מיר שטיין,
ברוין פון זון, און צעשניטן פון ווינט, —
וועל איך זאָגן אים: איצט מוזסטו גיין,
און די מענטשן מיט ליבשאַפט פאַרבינד.

ווייל אַ זין האָט די פרוכט פון דער ערד,
זי דאַרף ברענגען דעם מענטשן איר טעם;
און מיין וואָרט — וועט אויך ווערן דערהערט,
ווי דער טייך שטאַרקער רוישט ביי זיין צאָם...

דיין בעכער פרייד

פאַרדעק מיט שמייכל־שוימיקייט
דיין אייגן בעכער פרייד.
דאָס פליסטערן פון גלאַטן זייד
מיט שיכרות־ווינטל ווייט.

דיר פינקלט פרייד פון פולן כוס
און ס׳שלעפערט איין די זעט;
דיין גלאַטער וועג — איז ווייל דו האָסט
אַליין אים אויסגעגלעט.

ס׳איז לייכט אַזוי אין זיך אַליין
צו ווערן איינגעגלויבט.
ס׳איז יענעמס וואָרט — אַ שאַרפער שטיין,
און דיינער — ווי אַ טויב.

נישט טראָפן צווייפל, — נאָר די ענד
צו אַלץ, — אַמאָל דערשרעקט.
ס׳האָט שלמהס שמייכל זיך צעבלענדט
אין סוף פון זיינע טעג.

ווען ס׳האָט זיין גומען אַלץ פאַרזוכט,
ס׳פאַרשיכורט שוין נישט מאַכט;
ערשט דאַמאָלסט האָט צום צווייפל־בוך
קהלת זיך דערטראַכט.

יעדע זאַך

האָסט געזאָגט צו מיר: פון יעדער זאַך,
פון גאָרנישט־ניט, קאָן ווערן אַלץ.
שטומער חפץ אין דיין האַנט דערוואַכט,
און ס׳רעדט די בלייפען, וואָס דו
האַלטסט.

פרישע וואונדן אויף דעם רונדן האַלץ —
נערוועז פון פינגער אויסגעקנייפט;
גרודעס שוואַרץ־ערד מיט דער
בלייפען מאַלסט,
ווי אַקער גראָבט אין ערדיש לייב.

און עס שוואַרצט זיך אַ צעאַקערט פעלד,
דו הערסט ווי זאָמען קוועלט און יערט;
ס׳וואַקסט פון שטומער בלייפען אַ געמעל,
פאַפיר גייט־אויף ווי פרילינג־ערד.

מוטער־וועלט

אונדזער צייט איז פון אַנטפּלעקונג,
סוד ווערט אויפגעוואַכט ווי בלום.
און דערנעענטערט ווערן שטרעקן,
און אין יאָך גייט אויף די זון! —

גאַנצע וועלט איז אין באַוועגונג,
ס'רעדט דער שטיין, און סיטוט
דער שטויב;
און דער יאָ מיט שנעלקייט זעגלט,
און דער ניין וועט זאָגן: גלויב! —

איצטער לויטערן זיך יאָרן,
צייט אַנטשלאָפענע — דערוואַכט.
וועלט — געהאַט הײַנט נייע פאָרונג,
און אַ נייקייט ברענגט איר טראַכט.

אַלע מענטשן, אַלע חיות,
אַלע ווידמונגען אויף דר'ערד, —
אַנדערש וועלן זיך באַנייען
אין באַשאַף, וואָס וועלט געבערט!

אַלץ וועט קומען מיט אַ טואונג,
אַלץ וועט אָטעמען מיט פליכט;
וועלט אין רו — מיט אַלץ וועט רוען,
אַלע קינדער פון גאָטס דיך! — — —

זע, ווי וואונדיק, זע, ווי בלוטיק,
פאַר געבורט די וועלט זעט אויס!
מיט איר הוילער טראַכט ווי מוטער,
ליגט אין ווייטיקן אַנטבלויזט!

אויף ווינטיקע רוימען

כ'פאַרזיי מיינע ווערטער אויף ווינטיקע רוימען,
ביז וואַנען זיי וועלן זיך ערגעץ דערשלאָגן;
כ'פאַרזיי מיינע ווערטער, ווי זייער די זוימען,
זיי זאָלן דער וועלט זייער צייטיקייט זאָגן.

נאָר איך — קען פאַר זיי בישט צעווייכן דעם באָדן,
ווי זייער די בייטן מיט שטאָלענער בראָנע;
כ'האָב פריער מיט צייטיקייט זיי אָנגעלאָדן,
זיי זאָלן אָן אייביקער בליאונג דערמאָנען.

די מענטשן — דעם קלאַנג פון די ווערטער דערהערן,
וואָס האָבן אין רוים זיך מיט זון אָנגעטרונקען;
און ס'וועלן די ווערטער די פלאַמען געבערן,
וועט גאַנצענע וועלט זיך אין ליכטיקייט טונקען!

עכאָ...

צו מיין זון אָדם.

זאָל דיין וואָרט זיין רונדיק, רייף,
ווי אַ בויגן אָנגעשטייפּט.

נאָר נישט טויטע פייל — נאָך פלי,
וואָרט — מיט אייביקן געבלי.

מיט אַ דויערדיקן שיין
זאָל זיין פולקייט ליכטיק זיין.

ניט ווי שיין פון גלי־אינזעקט,
קוים באַלייכט זיין קורצע שטרעק.

וואָרט — מיט פלינקן בויגן־שפּרונג
און דעם עכאָס ווידערקלונג.

שטענדיק עכאָן אין דער ווייט,
אין דער יונגער אייביקייט.

זוניקע טריט

ווילסט ווערן געהערט,
ווילסט ווערן געזען, —
ווי קווייט — זיין דערנערט
פון זוניקן בלענד.

דער בליק פון אַרום,
כאָטש נאַקעט טוט אויס, —
באַוואָרעמט ווי זון
אַן אָפענע הויז.

דערשרעקסט זיך, ווען טאָג
נעמט טונקעלען שליאַך, —
האָסט אַלץ אויסגעזאָגט,
פאַר ליכטיקער וואַך!

און דאַן — דיך באַפאַלט
באַשיידענע שטיל;
לבנה־געשטראַל,
לבנה־געהיל.

דיך רופט דער אַליין
אין שווייגיקער צעל, —
ווי קוואַליקע ריין
באַהאַלטן אין פעלד.

נאָר שטומער גערעג
פון לייב און געבליט, —
שרעקט מער דיינע טעג,
ווי זוניקע טריט...

היינטיקע טעג

דער שלאָף — ווי די טרוימיקע וואַך,
ס'איז לעבן — אין חלום געזען;
די וואָר — מיט די אויגן פאַרמאַכט,
פאַרהילסט מיט באַלויכטענער ברעם.—

דו שעמסט זיך, אין היינטיקע טעג,
צו טרינקען אַזוי פון דער רו,
ווען וועלט שטייט פאַר דיר אויפגעוועקט,
אויף ים אַ צעברויזטע קאַנו.

היינט שלאָפט זיך אָן חלום די נאַכט,
די ברעמען פאַרקלאַפּט ווי אַ הייל, —
אויף בעטל וואַרפט אום זיך די וואַך,
איר טאָגיקן וואָגל דערציילט.

ס'ליגט וואָר, ווי פון קלעפּ איינגעשמידט,
און טראַכט נישט דערוואַכן שוין מער;
אַ טרויעריק, טרויעריק ליד
פאַרוויגט האָט איר מידן געהער.

אָ, דו, מיט דיין טרויער־געזאַנג,
האָסט, דאַכט זיך, אויף אייביק פאַרוויגט,
פאַרהילך מיט אַ פּאַניקן קלאַנג,
אַז וואָר זאָל דערוואַכן צוריק!

פאַר מענטשנס גליק

דער האַגלענדיקער נייַן, און נייַן, —
ווי בלויע קלעפּ אויף בלייכן לייב;
ב'זע שטענדיק צאַמען, צאַמען שטייַן,
מייַן פרייהייט ליגט פאַר מיר פאַר־
שפּייט.

דאָס לעבן איז צו אונדז געשענקט,
באַהעפט צו זייַן מיט גאָרער וועלט;
ווען תליה ברודערס האַלדז פאַרענגט,
אויך דו צום משפט ביסט געשטעלט!

פאַר מענטשנס גליק — דערשטיקטע
פרייד,
און לעבנס פאַר דער צייט צעשטערט,
ווייל זריעה, — אויפצוגיין אין בייט, —
מוז טרינקען פינצטערניש פון דר'ערד.

און דער—גייט היינט, און מאָרגן—איך,
דעם וועג צו גליק דורך עשאַפאָט, —
ביז ס'וועט זיך איינטונקען אין ליכט
דער וועלטס באַפרייענדיקער טראָט!

ער...

מייַן טעגלעך ברויט, וואָס איך פאַרשלינג,
האָט מיך נאָך מער פאַרשלונגען.
נישט איך דעם טרוקן ברויט באַצווינג,
ס'איז ער, וואָס שרעקט מיט הונגער!

אַמאָל, ס'לייכט אויף פאַר מיר אַ טאָג,
און כ'גיי אויף זיינע וויטן, —
ווי הונט — האָט הונגער אָנגעיאָגט,
באַפאַלט פון אַלע זייטן.

און ב'גלעט זיין פעל מיט קאַלטן גרויל,
ער זאָל אויף מיר נישט שפּרינגען,
און ס'קריכן אויס, ווי גראָז פאַרפוילט,
די האָר אין מיינע פינגער.

די אויגן ברענען. איך דערוואַך.
איך וויל מיין אומרו שטילן.
און מיינע טריט,—אויף האַרטן שליאַך,
אויף מיר ווי הינט צעבילן.

דער דרום־ווינט—נאָך מער פאַרשטייפט
אין וועג די האַרטע גרודעס:
נאָך גוט ס'האָט פריילעך צוגעפייפט
אויף שליאַך אַ צווייטער ברודער!

לידער פון ניו־יאָרק

1

צלם־שניט

אַכטע עוועניו — צוויִיאונפּערציקסטע סטריט.
אַ נעץ פון שטאָלענע אָדערן אויף אויסגעשטרעקט האַרץ
פון די ברייטסטע פּירווינקלען פון שטאָט.
די שפּיצן־מויערן — ביז די וואָלקן געשטאַרצט,
מיט געדויש פון ראַדיאָ־שטאַנגען ווי האַרפן אָנגעדראָט. —

אין וואונדיקע עקן פון אַ ריזיק־צעשניטענעם קנוף
צעפּליִען זיך שלאַנגיק אויף שייד־וועג די שטאָלענע רעלסן
איבער גוף פון דער גאַס, ווי אַ צלם געקרייצט.
דער בלויער שטאָל — פון הייסער זון געשמעלצט זיך,
ווי שמאָלע וואַסערן ליכטיקע געפּלייצט.

צום דרום, צום צפון, די עוועניו פליט,
צוויִיאונפּערציקסטע גאַס גיט דעם צלם־שניט.
מיט איין וועג צו מזרח, מיט צווייטן צום מערב,
וואָס שרייט מיט די קולות פון האָדסאָן,
אין יאָמערדיקן סירענע־רוף פון פּירן און פערריס;
זיי ענטפערט אָפּ צוריק דער טעמפּער בראַזג
פון די אונטערערדישע רערן —
ניו־יאָרקס טשוגונענע געדערים.

2

אין דזשאַנגל פון שטאָט

אַכטע עוועניו — צוויִיאונפּערציקסטע סטריט,
זיי שיינען אין זון ווי אַ צלם־שניט.
אין מיטן העלן, וואָכעדיקן טאָג, —
אַ ציענדיקער קאַראַוואַן פון אָמניבוסן,
טראַמווייען, אויטאָס און טראָקס,
אונטער דער הייסער זון פון הימל־מיט,
ווי דזשאַנגל־חיות גלאַנצנדיק געגליט.

און כוואַליעס פון וויגנדיקע מענטשן־קעפּ, —
זיך שווינדלדיק געטרעפט
איבער שטאָטיקן סטעפּ,
אין געיעג פון יאָג און איבעריאָגן.
ס'האָבן פון יעדער גאַס די ראָגן
מיט גוואַלד אַראָפּגעשעפּט
אַ כוואַליע מענטשן־שטראָם,
זיי ווי צוק־ווינטן אַ ריס געטאָן,
דערנאָך זיי אַלע — מיט זיך אַוועקגעשלעפּט.

דאָך געדרענג אויף דער עוועניו דער ווערט,
ווי עס זעצט זיך נישט דער ברייטער ים אַראָפּ,
ווען ס'ווערן זייטיקע קאַנאַלן פון אים געענערט.
ס'קומט צו אַלץ מערער, ווי ס'פאַלט אָפּ.
ס'שווימט רוישיקע שטאָט, ווי דער ים אין איין שטראָם,
און דו זעסט נישט די, וואָס גייען אַוועק,
און די, — וואָס קומען אָן.

3

אַכטע עוועניו

ס'איז אַכטע עוועניו דער פּראַכט־אַריינגאַנג,
און אַרויסגאַנג טיר פון גרויסער שטאָט.
פון דאָרט צעשפּרייטן זיך די האַמער־קלאַנגען
און דער גערויש פון דער פאַבריק־ראָד.

דורך אַכטער עוועניו ווערט דורכגעגאַנגען,
אין די באַגינענס און פאַרנאַכטן,
דער הילכיקער אַרבעטער־טראָט.
דורך דאַנען סקריפּען שווער די געלאָדענע פּראַכטן
מיט איבערגעפּאַקטער משא־וואָג.
דאָ הילכן־אָפּ די אַרבעטער־שלאַכטן
פאַר מערער ברויט און קירצערן טאָג.

דאָ איז די ריזיקע קיך־פאַבריק,
וואָס קאָכט פאַר גאַנץ ניו־יאָרק איר מאָלצייט.
דאָ ווערט אויסגעשפּונען גרויסער זיג
פאַר די גערעכטע און די שטאָלצע!

4
כאַטישע ניו־יאָרק

כאַטישע ניו־יאָרק איז געבויט אָן אַ פּלאַן,
און ניט געוואוסט, אַז ענג וועט זיין פאַר איר דאָס אינדזל־לאַנד.
נאָר אויך אין כאַאָס רוט השגחה;
וואו מענטש האָט געשטעלט בית־עולם־צאַם,
דעם לעצטן טראָט פאַר דורכפאַל און בצחון, —
איצט טורעמט דאָרט אַ לעבעדיקע וואַנט
פון וואוינונגען, פאַבריקן, און געשעפטס־רעקלאַמען.

די אייביקע רו האָט זיך איבערגעבראָכן.
ס׳לויערט ניו־יאָרק אויף טויטנס לעצטע דלד־אָמות;
ווי פאַרפלייצונג לאָזט זיך גיריקע שטאָט ניט צאַמען,
און יעדער ערד־טראָט ווערט פון איר פאַרשלונגען.
זי שטופּט און שפּאַרט זיך אין דער ברייט, צום האָדסאָן,
און קלעטערט אין דער הויך מיט זיגזאַג־צונגען,
ווי אַ שטייניק־לעבעדיקע שפּראָצונג! —

איבערנאַכט ווערן הייזער און גאַסן איבערגערוקט,
וואוינונגען — פון פאַבריקן־געביידעס פאַרצוקט.
קליינע הייזלעך, איינגעשרומפּענע פון שרעק זיך פּרעסן,
זיי ווערן צווישן מויערן אין אַ סענדוויטש אויפגעגעסן.

5
גרויס־שטאָט

ס׳האָט גרויסשטאָט איר אייגענעם לעבן, איר אָטעם, —
מיט דזשאַנגל־קולות צערייצטע גאַסן ברומען.
די מויערן, ווי באַשעפענישן לעבעדיקע סאָפּען.
ס׳האָט ריטם און באַדייט צעהילכטער טומל;
אין די בראַזגענדיקע טריט פון פאַראייניקטן טאָפּען,
שרייט אייניציקער טראָט, ווי אין ים דאָס געשריי פון טראָפּן,
וואָס וויל ניט אין כוואַליע־רויש פאַרשטומען.

ס׳קוקט שטאָט דורך פּירקאַנטיקע שויבן־אויגן
אַרום און אַרום אין אַלע זייטן, —

און מיר ווערן פון איר בליק אַרומגענומען
ווי פון אַן אייביק צעפלאַקערטן שייטער.
און גאַס ווערט אַלע רגע פון געשעענישן נייע צוגעצויגן,
נאָר שטראָם פאַריאָגט זיי ווייטער, ווייטער;
בלויז צופאַלן וואָס קומען אַן ווי קריגער, שטרייטער,
זיי לאָזן זיך נישט גרינג מיט שטראָם פאַרשלעפּן,
און פאַרצויגן מיט אַן אייגן נעפּל —
צעברעכן זיי אַמאָל דעם גאַנג פון שטאָט,
און ס'ווערט לענגער אָפּגעשטעלט צעיאָגטער ראָד.

6

דער מאַרש פון צווייִ

איינמאָל, — איך בין געווען פאַרכאַפּט
פון שטאָטישן קאַליידיסקאָפּ־באַוועג,
און ווי טראָפּן אַריינגעזאַפּט
אין שטראָמיקן געיעג —
האָט אַ צופאַל אָנגערירט מיין אַקסל,
און געשעעניש פּאָר מיין בליק צעוואַקסט זיך: —
ווי פּאָר אַן אָפּפלוס ווערט מענטשנשטראָם צעטאָלט,
און אויפגעעפנט ווי אַ טויער ברייט.
די איילנדיקע מענטשן — שטיין געבליבן מיטאַמאָל,
און ווי מיט רידלען גראָבט דאָס איינגעשטילטע טראָט־געשריי,
וואָס עמיץ האָט פאַרהאַלטן: שטיי! —

וואָס איז געשען? — המון האָט שטוינענדיק באַגלייט
אַ מאָדנע פּאָר פון ערגעץ אָנגעקומען, —
וואָס גייט דורך מענטשן־טויער שווייגנדיקערהייט.
אַ מאַמע, מיט אַ זון אַרומגענומען,
מאַרשירן שטאָלץ אין שמאָלער ריי,
מאַרשירן אַ פייערלעכן מאַרש פון צווייִ.

המון האַלט איין דעם אָטעם,
קוקט נאָך דאָס פּאָר, צוויי בלייכע שאָטנס
אין שטאָטיקער כאַאָטיק.
האָב זיך דערנעענטערט, און דערזען:
די בלוי־געשוואָלענע אָדערן פון מאַמעס אַרבעט־הענט,
ווי פאַרפרוירענע שטריק דאָס לייב געשניטן.

אין די אויגן האָט צער פון חיה געברענט,
ווען סטאַדעס טרינקען זיך אין טיפע זעמד
פון הייסער זון צעגליטע,
און האָבן מיט יעדן זעמדעלע געקעמפט. —
מאַמע און זון האָבן מוטיקן מאַרש געשריטן.

ביידע — אין ווייסע זומער־שמאַטעס,
נאָר אָרעמקייט האָט זייער שטאָלצקייט ניט פאַרראַטן.
די בלאַסע פנימער, פון שווייס באַגלאַנצטע,
זיי ווייסן גוט די פרייד פון מקריב זיין אינגאַנצן,
און זיך נישט אונטערגעבן פיין און מאַטער;
די ברוסט פון אויסגעבלייכטער דאַרער מאַמע
איז מוטיק אויסגעשטעלט ווי שיצנדיקער פאַנצער, —
דער שוואַכער זון, מיט יאָרן פון אַ טאַטע,
האָט זיך קינדעריש אָן איר געקלאַמערט,
געשלעפט די קראַנקע, טאַנצנדיקע פיס,
אין וואַקלענדיקן ריטם פון קינדער־פּאַראַליז,
געהיט געטריי די ריי,
אין פייַנענדיקן מאַרש פון צווייַ.

7

המון

המון — שוין לאַנג פון דער פאָר אויסגעניכטערט,
און איז ווידער אַוועק מיטן שטראָם.
די ווייסע שמאַטע־קליידער אין זון געליכטיקט,
געפלאַטערט ווי צעריסענע פאָן.

אָפט וואַשן יסורים אַראָפּ ווי אַ רעגן
פאַרשטויבטן פנים פון המון.
אויף די, מיט פאַרבלוטיקטע נעגל,
ווערן אַ ווייל דורך יסורים ריין.

נאָר המון ווערט ווי בליץ אָנגעצונדן,
ווערט באַלד פאַרלאָשן, און פאַרגעסט.
ער ווערט נישט צוגעשמידט צום וואונדער,
אויב ס'הענגט נישט ווי אַ שווערד דער נס! —

איז פאַר פאַרפרעמדטע אין געדרענג געגאַנגען,
פּראָצעסיע פון קיינעם מער באַגלייט.
דער מאַמעס ווערטער אין דער לופט געהאַנגען,
אַזוינע פאַרפייניקטע מאַמישע רייד:

— דער מענטש גיט אַוועק זיין בלוט און יוגנט
פאַר אויפבלי פון שטיינערנע שטעט.
פון מויערן־שפּאַלטן קוקן אַרויס הרוגים,
אין ליים פון די ווענט אַריינגעקנעט.

עס ווערט אַלץ העכער אייער בבל טורעם,
און ס'איז נאָך אַלץ אייך נישט גענוג.
דער טראָט, — געבלוטיקט אין יסורים —
אייך ברענגט נישט צום שפּור פון פאַרצוק.

ווען ציגל פאַלט אויף דר'ערד אַנידער,
פאַרזאָרגטע הייבט איר שנעל אים אויף.
בלייבט שטום פאַר איבערגעפּאָרענע גלידער
פון אַ לעבעדיקן מענטשן־גוף.

אַ מאַמע, — כ'האָב אַלץ אַוועקגעגעבן,
באַליידיקטן נפש פון טויט אויסגעלייזט.
ס'מוז ווערן באַשיצט די קרוין פון לעבן,
ביז ס'גליט נאָך וואו אַ פונק פון טרייסט.

אַט קלאַמערט זיך אַ לעבן אַ פאַרשעמטער,
נישט אינגאַנצן פון פאַרצוק פאַרהיט.
ווער הערט די שפּראַך פון גלידער געלעמטע,
פון פאַראַליז־צעטאַנצטע טריט?

נאָך קינדער־טריט דער חיהס אויגן לוגן,
און זייער מאַרך־ביין רייסט זי אויף.
זי באַפּאַלט זיי אין בלי פון יוגנט,
נאָך אין קינדעריש־ווייכן גוף.

נישטאָ קיין גרעסערע שטראָף פאַר גלידער,
צו ווערן בליענדיק פאַרוויסט.
פאַרגליווערט ליגט אין זיי די מרידה,
ווי אַ בערגל רויע מיסט. — — — — — — — —

איך האָב די שטורעם־רייד אַרויסגעלייענט
פון מאַמעס פיבערדיקן בליק,
און וויפל פאַרבאָרגענע געשרייען
נאָך אַלץ געבליבן אין האַלדז פאַרשטיקט.

און ס'דראַפּעט זיך איר בליק אויף די געביידעס,
וואָס ענג איז זיי די אָפענע גאַס,
אויף זיי אָנגעשפּאַרט די צעברענטע דאגות,
זיי זאָלן צוהאַלטן איר שווערע לאַסט.

נישט אויף לאַנג געלאָזט די דאגות ליגן,
די שווערע לאַסט, ווי איר זון איז איר נאָענט; —
דאָס פּאָר איז שטאָלץ ווי אויף בערג געשטיגן,
אין איילנדיקן מענטשן־שטראָם.

8

באַגין

אַכטע עוועניו — צווייאונפערציקסטע סטריט, —
ס'וועלן מיליאָנען־מיליאַסן טריט
איבער דיין גוף מיטן צלם־שניט,
אין שטילקייט פון נאַכט און אין טאָגס געשריי,
נישט קאָנען פאַרהילכן דעם מאַרש פון צוויי, —
פאַרטייעטע מחנות ציען נאָך זיי.

פרימאָרגן. זיי גייען אַרום ווי פאַררויכערטע קעץ,
די מחנות הונגעריקע מענטשן־שאָטנס, —
און צערייסן דעם האָדסאָן־טומאַן
פון רויטן ניו־יאָרקער באַגין.
זייער האַנט האָט געבויט די מויערן־נעץ, —
און זיי אַליין איז פאַרבאָטן,
און זיי אַליין איז פאַרצאַמט,
אַריינצוגיין פאַר נאַכטלעגער אַהין.

די אַלע הימלאָזע אין רויטן באַגין,
די קליידער צעקנייטשט פון האַרטן שטיין,
וואָס איז זייער בעט געווען, —
די האָר האָבן אין קאַלטן מאָרגן־ווינט
מיט רויטן טומאַן געוויינט.

נאָר אַן אַנדער באַגין האָט געטאָגט אונטער ברעם,
און ס'האַרץ האָט געוואַרעמט אַ יונגן געדאַנק:
— וואָס דײַן האַנט האָט באַשאַפן — פאַרנעם!
און דײַן חלק וועלט — פאַרלאַנג!

זונטיק

נײַן, כ'וועל הײַנט פון גאָרנישט טראַכטן,
הײַנט איז זונטיק, ס'איז מײַן רו־טאָג.
שעפער — שטומע, צוגעמאַכטע.
כאָטש ס'האָט שאַפּ פאַרשעמט מיך
בלוטיק,
און געלאָזט מיך אַ פאַרלאַכטן, —
וועל איך אָפּהיטן מײַן רו־טאָג,
און פון וואָכיקייט נישט טראַכטן.

כ'וועל אויך רוען מאָנטיק, דינסטיק, —
סלעק — שטרעקט אויס פאַר מיר
איר דרויסן.
זונשײַן טרינקט זיך אין דער פינצטער;
שאַפּ אויף לאַנג האָט מיך פאַרשטויסן.
אַרבעט — ווי אַ טרוים צערינסטו
אין דעם וואָלקנדיקן דרויסן
פאַר די מאָנטיקס און די דינסטיקס.

און דײַן האַרץ וועט זײַן פאַרריגלט,
פרײַנט — זאָל גאָרנישט־ניט דערקאָנען
ס'זאָלן נישט די מיטלייד־פליגן
זוכן פּאַשע אויף דײַן פּנים.
גלידער — וועלן שטיל זיך קריגן,
לאַסט פון אַרבעט וועלן מאָנען, —
נאָר דײַן האַרץ וועט זײַן פאַרריגלט.

פאַרשעמונג

אויף דײַן שטײַנשווערן זאַק —
נישט אַ קוקטאָן וויל קיינער.
און דײַן טראָט — גייט זיגזאַג,
און דײַן לײַב — ווערט פאַרשטיינערט.

ווען דײַן שטײַנשווערן זאַק
עמיץ וויל בײַ דיר נעמען, —
וואָלסטו פעלדזן צעהאַקט,
פול מיט בלויליכן קרעמען.

וואָלסט געטראָגן אים לײַכט,
ווי אַ פעדער אַ גרינגן.
מיט דער משא — געשלײַכט,
אָן צעבלוטיקטע פינגער.

וואָלסט געגעסן דײַן ברויט,
און געדאַנקט פאַר די גנאָדן, —
כאָטש דער זייער פאַרזייט
יעדן איינעם זײַן יאָדער...

נאָר דו וואַרטסט... און דו וואַרטסט
מיט באַליידיקטער משא;
און דו לערנסט דײַן האַרץ
צו זײַן שטאַרק, און נישט האַסן.

דאָך צעשטראַלסט זיך אַמאָל,
דו מאַכסט פינקלען דעם קרעמען! —
נישט די גרוילקייט פון עול,
ווי עס דריקט די פאַרשעמונג!

עס יאָגט, עס יאָגט די אַרבעט

ניטאָ קיין צייט זיך אָפּשטעלן,
עס יאָגט, עס יאָגט די אַרבעט.
כ'וויל זיך אַליין וואָס זאָגן,
אַ חברס וואָרט פאַרנעמען, —
עס יאָגט, עס יאָגט די אַרבעט.

און ניט נאָר אין פאַבריק־רויש,
אין שפּאַן פון די מאַשינען,
מיך יאָגט און יאָגט די אַרבעט, —
אין בראַזג פון ענגע גאַסן,
אין לויפנדיקע סאַבוויס,

אין שטוב מיט מיינע נאָנטסטע, —
מיך יאָגט און יאָגט די אַרבעט.

ווי טיטוס פליג — אין אויער,
פאַרצערנדיק אָן אויפהער, —
מיך יאָגט און יאָגט די אַרבעט;
די טרוקן־ברויט באַלוינונג,
די דלד־אמות וואוינונג,
און רגעווייז פאַרדאַרבונג
פון זונען אויפגעוואַכטע — —
איך קאָן זיך נישט פאַרטראַכטן,
ווייל ס'יאָגט און יאָגט די אַרבעט.

מיינע טעג

מיינע טעג, האַרבע טעג, —
גרויע שטיינער פון ברוק;
ציין — פון בייכיקער זעג —
שטענדיק גרייט צום פאַרצוק.

ווי נישט מיינע געווען —
קוקט איר, טעג, אויף מיר קרום;
גלייך איר וואָלט זיך געשעמט
מיט מיר גיין אונטער זון.

אפשר בין איך אַליין
אייער וואָלקן־געוועב,
און כ'פאַרטונקל דעם רוים
איבער אייערע קעפּ? —

בין דער רויך איבער פלאַם,
וועלבער גליט נאָך פאַרדעקט.
ס'ברענט דער טראָט, אין געשפּאַן.
צו דעם ליכטיקן וועג.

סטרייק

מיינע רייד, וואָס איך פאַרשווייג,
אונטער רויש פון דער פאַבריק,
זיינען היינט אַרויס אין סטרייק: —
שוין גענוג זיי זיין פאַרשטיקט!

און זיי ווילן — ווי דער ראָד,
ווי דער מעסער און די צוואַנג, —
הויך זאָל הילכן זייער זאָט, —
וואָס אויף הייסן גומען צאַנקט;

— ווייל דיין ליפּ מיט שטומקייט לייגט,
ווי אַ צוגעמאַכטע שוועל, —
היינט איז סטרייק, אַ סטרייק, אַ סטרייק,
מירן שטורעמען דיין קעל.

מירן צאַמען דיינע הענט
מיט דעם אויפגעדעקטן סוד,
ביז ס'ווערט אונדזער רעכט דערקענט:
ריידן הויך ווי צוואַנג, ווי ראָד.

דער רונדער לאַבן

שרייבט מיין פריינט מיר אומעטיקע שורות,
אַז מיין לייב לויפט דורך אַ שרויט;
ווי די קנייטשן פון פאַרברוינטער צורה,
פּראָסטע ווערטער ריידן: „ברויט!" —

נישט קיין קלאָג איז אין דעם וואָרט געלעגן,
נישט דערנידערונג ביז דר'ערד;
נאָר אַ לאַסט אַזאַ — נישט אָפּצואוועגן, —
האָט אכזריותדיק באַשווערט.

ס'טראָגט נישט יעדער שווערן יאָך ווי קעמל
אין דעם מדבר־קאַראַוואַן;
הייסער שטויב פאַרשיט זיי נישט די ברעמען,
שטורעם צאַמט נישט יעדן שפּאַן.

ס'יאָגט נאָך איינעם זיך — דער רונדער לאַבן,
ווי נאָך טראָפּישן — די זון;
יענער איז די גוטס ווי חוב מקבל,
און זיין פּנים לויכט פון רום! — —

בלודנע נויט אַרום — נאָר שטערט זיין וואוילטאָג,
זיין הנאה — נישט פאַרפולט;
ס'ווייסט נישט פון קיין זאָרג דער אויסגעציילטער,
טראָגט ניט יעדנס לאַסט פון שולד.

אַלע אָרעמע, דאָס זיינען ווערים,
ווי מוראַשקעס אונטער פיס, —
איבער אים בלויז — שיצנדיקער שטערן,
וואָס באַפּלאַסטערט אים די וויסט. — —

איך און דו, מיין פריינט, די אומבאַשיצטע,
איבער אונדז — קיין שטערן היט;
אונדז באַלייכטן נאָר די שטורעם־בליצן,
און דער טרוים פון פריי, וואָס גליט! —

אויף די קני

איך אייל אַהיים און מיך פאַרלויפט
אַ קול אַ קינדערישער: — Shine!
עס האָט דאָס קול מיך אָפּגעקויפט,
און כ'בין אין קינדס רשות אַריין.

אויף זיינע קני בלייבט יינגל שטיין,
ווי צו אַ הייליקן געבעט.
באַפייכטער בליק, ווי נאָך געוויין
האָט אומעטיק אַזוי געגלעט.

אַט פליען זיינע הענטלעך אום
אויף מיינע שטויביק־גרויע שיך.
אין איינעם — שפּיגלט שוין די זון,
און שמאָלע, יינגלשע געזיכט.

ווי אַנגעצויגן גומעלאַסט, —
דער לייוונט־פּאַס דעם לעדער שנעלט;
אין לעצטן גלי — די גאַנצע גאַס
מיט קאָפּאַראָפּ האָט זיך געשטעלט.

איז צו דעם שפּיל שוין צוגעוואוינט,
דאָך שפּיגלט ער אין שוך זיין בליק;
ווען מיילער וואַרטן אויף זיין לוין,
און ס'רייט דער עול אויף זיין געניק.

איך פרעג: ביסט דרייצן שוין, געוויס?
ער זאָל דערפילן זיך געגרויסט.
— בין צען! — האָט ער מיך
דורכגעשפּיזט,
געשנעלט דעם לייוונט מיט זיין פויסט.

און ווי זיין דורכגעשפּיזטער בליק
וואָלט אויסגעשעפּט מיך ביזן דעק, —
האָט יינגלס צונג זיך באַלד צעוויגט,
כאָטש מער האָב איך שוין ניט געפרעגט:

— „נישט גוט ווען טאַטע זיצט אין
הויז
און דאַרף דער מאַמעס אַרבעט טאָן. —
זיי ריידן טעג קיין וואָרט נישט אויס,
נאָר די פּיריאַריקע — זי מאָנט!

מיר האָבן צופיל נישט געהאַט,
אַז אויך דער טאַטע אַרבעט ווען;
בלויז שוועסטערל געמוזט זיין זאַט,
און זי דאַרף מער פון אַלעמען! —

מיר אַלע — זיך געטיילט דעם ביס,
צו איר — דאָס בעסטע צוגערוקט;
נאָר זי באַפּאַלט דעם גאַנצן טיש,
וואָלט ווי אַ חיה אַלץ פאַרצוקט.“ —

דאָס יינגל איז אַוועק שוין לאַנג,
ביים צווייטנס פּיס האָב אים געזען;
איך גיי, און ס'יאָגט מיך נאָך דער קל
„און זי דאַרף מער פון אַלעמען.“ —

די גאַס — מיט קאָפּ אַראָפּ געגליט
אין מיינע שפּיגלדיקע שיך.
איך טראָג דעם יונגן טרויער מיט
פון שמאָלן, יינגלשן געזיכט.

מיין פאַרהאַריקטע טאַרבע

מיט מיין לאַסט אָנגעלאָדט, —
נעם איך וועג מיינעם טרעטן.
מיטן אָקסישן טראָט,
מיטן אייזלשן קלעטער.

און איך ווייס נישט וואוהין
וועט דער וועג מיינער שלעפּן;
דורך דעם הייסן כאַמסין?
צי אויף בערגיקע טרעפּן?

טראָט פון אָקס — אין דעם זאַמד,
און אויף באַרג־טרעפּ — דער אייזל;
נישט קיין פריינטלעכע האַנט
זאָל פון לאַסט מיך דערלייזן.

לאַסט — אין מיר וואַקסט אַרייַן,
ווי צום קעמל — די האַרבן;
ביסטו אייביק שוין מיין,
דו פאַרהאַריקטע טאָרבע?

וועט אַ ווילדער סאַמום
מיר נאָך מערער פאַרשטויבן?
וועט נאָך ליכטיקע זון
מיך באַגיסן מיט גלויבן?

דער זאָלאָג

עס איז געווען מיין באַלעבאָס
היינט זייער מילד צו מיר,
מיך בלויז גערופן אייזל, האָז,
און ווילדע ווילד־טיר.

ווייל אַלע מאָל איז באַלעבאָס
מטריח גאַנצן „זו,“ —
ביז ער געפינט אין זיי די מאָס,
וואָס פּאַסט זיך צו מיר צו.

און איך—בין מער שוין ניט דערשטוינט,
שטיי גלייכגילטיק און הער;
דער אמת, כ'בין שוין צוגעוואוינט
צו חיה־אַטמאָספער.

דער גאַנצער „זו“ איז מיר באַקאַנט,
כ'בין פולער זאָלאָג;
און איך — אַן אָקס, בין איינגעשפּאַנט
אין יאָך דעם גאַנצן טאָג.

יאָ, ס'האָט מיט אָקס נאָך באַלעבאָס
מיך קיינמאָל נישט באַקרוינט;
און כ'דאַרף אים דאַנקען כאָטש פאַר דאָס,
וואָס ער האָט אָקס געשווינט...

און נאָר פאַר עפּעס קומט אים לויב,
(זיי מוחל מיר, מיין קלאָס!)
ער ווערט באַלד גוט און שטיל ווי טויב,
ווען ס'גייט אים אָפּ דער כעס.

כאָטש איצטער גלויב מען נישט אַזוי
אין טויבן־גוטסקייט מער;
נאָר ס'איז דאָך בעסער ווי געשריי
פאַרהאַגלט דיין געהער! —

מיין לאַנד

אין מיין אויסגעטרוימטן לאַנד,
דאָרט וועט אַנדערש, אַנדערש זיין!
זון — אין וועג האָט זיך פאַרזאַמט,
וועט נאָך העלער זיין איר שיין!

וואָלקנס — אין אַ שלאַכט מיט זון —
זאַפּן איין איר ריינעם פלאַם;
דער פאַרפלעקטער און דער מום
וועלן פאַשען ווייסן לאַם.

ס'וועט זיך שוועסטערן די טויב
מיט די קינדער פון מיין לאַנד;
גליק בענטשט יענעם, ווער עס גלויבט,
און דערקענט אַ ברודערס האַנט!

נאָר דאָס בלוט, דאָס בלוט, דאָס בלוט,
אין געראַנגל מיט באַגין, —
וועט פאַרשרייבן דעם מאַרשרוט:
— ס'איז די לעצטע, לעצטע זינד! —

פריש ברויט

אויף דעם שטויב פון דעם בעזים
פרואווט ער שטאָלץ זיינעם אויס,
אַז נידעריקער פון גרעזל
זאָל ער נאָכדעם אַרויס.

יאָך פון לערניונג טראָגן
מיט פאַרפּאַנצערט געמיט,
קאָנען ביישטיין דעם האָגל
פון געשריי, יעדן שריט.

קריכט זיין שטאָלץ אונטער טישן,
וואו דער בעזים נאָר קערט,
און ער קושט אויס די רשעות,
אַ פאַרשטויבטע אויף דר׳ערד.

אָט — ווי בעזים צעשפּרייט זיך,
אָט — פאַרשפּיצט ער זיך דין,
שטאָלץ — אין שטויב אַ פאַרוויטער —
קריכט ווי טונקעלע שפּין.

נאָר אַן בייזער מחשבה,
וואָס דער שפּינוועב פאַרשפּינט, —
בלויז מיט חלום פון אָוונט,
ווען דער בעזים פאַרשווינדט.

אויף דער פריי פון די גאַסן,
אונטער הימלשן דאַך,
ווערט זיין שטויב אָפּגעוואַשן,
ווערט זיין אָטעם דערוואַכט.

נייער כוח צעוואַקסט זיך,
נייער שטאָלץ זיך צעשפּילט;
זיינע לערניונג־אַקסלען —
ווי צום פּלי אָנגעצילט.

מיט די אַרבעטער־שטראָמען
אין די היימען צוריק, —
שווימט זיין טראָט און זיין נאָמען,
און דאָס רעכט אויף זיין גליק. —

אין דעם ראָד פון משפּחה,
אין דעם שיין פון זיין היים,
ווערט פאַרצערט מיט נצחון
פרישער ברויט פון זיין לוין.

מיין פריינט, דער פּאָעט

כ׳האָב מיין פריינט, דעם פּאָעט,
פון מיין לעבן געלייענט;
נאָר מיין פריינט איז עסטעט,
ער האָט פיינט אויסגעשרייען!

כ׳זאָג: — „מיין טרוקענער ברויט
פון דערעסלעכער אַרבעט,“ —
איז פון שטערן זיין הויט
אויפגעלאָפן אין קאַרבן...

— „אַ, דערעסלעך!“ — דאָס וואָרט
האָט געפייערט זיין גומען.
ס׳וואָלט פון הונגער אַ מאָרד
אים אַזוי נישט צענומען!...

— „שענדן אַרבעט איז מיאוס,
האָט מיין פריינט זיך געבייזערט;
— „שענדן אַרבעט איז מיעס,
ס׳איז אין אַרבעט דערלייזונג!“ — —

כ׳האָב מיין פריינטס שיינע רייד
מיט אַ שוויגן פאַרנומען, —
ס׳האָט נאָך זאָמד אין זיין ברויט
נישט פאַרוואונדיקט זיין גומען...

מיינע לייבלעכע ברידער

מיינע לייבלעכע ברידער, איר ווייסט נישט,
וויפיל גליק איר אַליין טראָגט באַהאַלטן;
גאַנצע וועלט קאָן געבענטשט זיין מיט טרייסטונג,
אַז די פרייד, וואָס אין אייך, — זאָל אַ שטראַל טאָן.

גיט אַ דריי אייער וועלט ווי אַ גלאָבוס,
און באַטראַכט דעם צעוויקלטן שטח, — —
פאַראַן מער, וויפיל וועלט באַדאַרף האָבן,
אי פאַר דורות און דורות נאָך שפּעטער.

שרייט אַרויס אין דעם אומרו פון גאַסן
צום המון — פון זיין לאַסט איינגעבויגן:
— גלייך זיך אויס, ס'איז אַ ליגן דיין משא,
ס'האָט מיראַזש דיך פאַרנעפּלט די אויגן!

אין אַ וואַלד יונגעביימער צעשלאַנקטע,
דער המון וועט זיך פלוצלונג פאַרוואַנדלען;
גרויער טרויער אין אויג וועט פאַרצאַנקען,
און ס'וועט צינדן באַגין זיינע ראַנדן!

מיינע ברידער, אין לענדער צעשפּרייטע,
ווי מיט מאָמעשן נאָפל פאַרבונדן, —
זאָל דאָס גליק, וואָס איר טראָגט אַ פאַרזייטן,
זיך צעבליען אויף אַלעמענס וואונדער!

הענט

מיין שטיק ברויט וועט נישט קלעקן
זיך צעטיילן אין צווײ.
הענט — מיליאָנען זיך שטרעקן,
כאָטש צעטייל אויך מיט זיי.

אין מיין שטוב, — ווי אין תפיסה, —
גייט דאָס ברויט מיר נישט איין;
כ'וואָרט אויף נס: די פאָר ביסן
זאָל פאַר אַלעמען זיין!

גאַנצע וועלט — איצט אויף דרויסן
מיט איר דאַך אָפּגעברענט, —
אין דעם אומגליק דעם גרויסן
ענטפער אַלעמענס הענט!

פראַצע

אַן אָרעמער, — און נישט קיין אָרעמאַן
מיט אויסגעשטרעקטע בעטלער־הענט, —
אַן אָרעמער, וואָס אַרבעט אין געשפּאַן,
און מענטש אין אים ווערט נישט פאַרלענדט.

זיין פּראַצע שפּראַצט אַרויס אַליין פון זיך,
ווי קופּער, שטיינקויל שפּאַרט פון דר׳ערד;
דער אַרבעטער, — די בליענדיקע דיך,
וואָס שטענדיק פּרוכפּערט, און געבערט.

נישט גוט אַריינצוזאָפן קנאה, האָס,
צום מענטש פון מוטערטראַכט אַרויס, —
נאָר דער, וואָס טראָגט נישט פון דער וועלט די לאַסט,
קומט גרייט צום מעל־זאַק ווי די מויז!

אַזאַ גייט חוצפּהדיק אין גאַס צעשפּרייט,
דער לוקסוס שלאָגט פון אים און טרייבט; —
און אַלע ריסן שרייען אויף אין קלייד
אויף ערלעך פּראַצעדיקן לייב: —

— פאַרשוועך ניט מי פון שאַפנדיקער האַנט,
פאַרזיי נישט אייגן פעלד מיט גיפט! —
זיי שרייען אויס, ווי פון באַלשעצערס וואַנט
די וואָרנענדיקע פייער־שריפט! —

הבל שלאָגט צוריק

ניט געשריי, ניט געיאָמער;
זיי געוואָגט, זיי געשטאַרקט!
ס׳הויערט בלינדע נקמה
אויף דעם שפּיץ פון איר באַרג.

מענטשלעך בלוט הערסטו וויינען,
און דו לויפסט נאָכן רוף;
בלאַנקע האַק פון דעם שונא
מעסט די גרויס פון דיין גוף.

אירע שטאָלענע באַקן
שפּיגלען אָפּ דיין געשטאַלט.
נאָך אַ רגע — דיין נאַקן,
דער פאַרעקשנטער, פאַלט.

נאָר דאָס הייסע כלי־זיין
בריט דיין האַנטפלאַך און וועקט:
— היינט זאָל הבל זיין קין,
ס׳איז געררעכטער געשלעג! —

הענגט דיין רגע, די לעצטע ,
אויף דעם שאַרף פון אינסטינקט ;
ווער ס'וועט פריער אַ זעץ־טאָן,
יענער זיגט און געווינט ! — —

צו דער ערד מיטן פּנים —
בלוטיקט שונא דעם זאַמד ;
איצט וועט מאָנען, דערמאָנען
פלעק פון בלוט אויף דיין האַנט.

דיך וועט קיינער פאַרשילטן —
שונאס בלוט מאַכט דיך ריין ;
נאָר זיין בלוט, דאָס פאַרקילטע,
אין דיר יאָמערט אַליין.

מערדער — גרינג טרעט אַריבער
אַלדאָסבייז, וואָס ער טוט.
דיר — אויף אייביק בלייבט איבער
דער געראַנגל פון בלוט.

מיין טאָג

אַוועק שוין מיין טאָג פון דערעסלעכער אַרבעט,
די זון — מיט כעס פון מיין פענצטער געטריבן ;
געבויגן אונטער לאַסט פון ליידיקע גאַרבן,
צוריקוועגס אַהיים, קרייך איך גאַסן איבער . . .

אַרום — פליסן מחנות ווי האַרבסטיקע טייכן,
אַריבער די קעפ — עלעקטרישע פייערס.
דער הונגער זינגט אויף אין געשרומפענע בייכער,
און ריח פון עסן ברענגט וואַרעמען שפייעכץ . . .

געלאַף און געדריי אויף באַלויכטענע ראָגן,
שוואַרץ־גלאַנציקער שטיינקויל — די קעפ אין טונעלן ;
דאָרט ראַנגלען זיך אָוונטס מיט יונגע פאַרטאָגן,
עס רייסן זיך שאָטנס צו טרעפיקע שוועלן . . .

געשריי פון סירענעס און קנויליקע רויכן,
פאַרקלינגען, פאַרהילכן צעפאַסיקטן שטח, —
עס ווערן געקעסטלטע תפיסות באַלויכטן
מיט פלאַמיקן ליכט פון באַזונדערע געטאָס . . .

און גאַליקע ווערטער — אין קעל זיך געוואָרגן,
ווי האַלדז פון האַרמאַט וויל מיט קויל זיך צערייסן . . .
נאָר כ'וויס . . . ווי אַ לאַסט־פערד וועט ווידער דער מאָרגן
פון גרויליקע בייטשן זיין לייב לאָזן שמייסן . . .

דיאַלאָג

— נאָכן ערשטן ווידערשטאַנד,
נאָכן ערשטן קעגן, —
און דו לאָזט אַראָפּ דיין האַנט,
ווילסט פון קאַמף אַוועקגיין!

— נישט קיין קאַמף, עס איז געשלעג,
פויסט צו פויסט פאַרמעסטונג!
נישט אויף דעם האָב איך אין טעג
קעגן גרויל געלעסטערט!

— ווער ס'אַנטלויפט, האָט זיין פאַרוואָס,
מיט אַ שיינעם נאָמען...
וועלט פאַרמאָגט פאַר זיי איין מאָס:
שרעקיקע נשמות! —

— כ'האָב נישט מורא פאַרן גוף,
כ'וואָלט אים אָפּגעגעבן, —
בין געגרייט אויף חברס רוף,
וואָס פאַרלאַנגט מיין לעבן!

— מענטשן וועלן ניט פאַרשטיין,
פון דיין גוטסקייט — לאָכן;
שטאַרבן ווילן העלדן שיין,
כאָטש עס שטיקט דער פּחד.

— כ'טראָג מיין לעבן נישט אין גאַס,
אויף באַלויכטע שילדן;
צוגעדריקט פון אייגן לאַסט,
אַלצדינג קוקט אויס מילדער.

— קוק, דער קעגנער דיינער לאַכט,
גייט אַוועק אַ זיגער;
אויף די טרעפּ פון דיין פאַרנאַכט
איז ער אויפגעשטיגן!

— פון אַ דעמאָן דיינע רייד,
רייצעריי, און גאַליק;
ווער עס טרעט אויף מענטש מיט פרייד,
וועט זיין טרעפּ צעפאַלן! —

וואָג־שאָל

אין אַ מיטן חלום
וועקט געשריי מיך אויף, —
וויגן זיך צוויי שאָלן,
דאָ — אַראָפּ, אַרויף.

גוטס — אַראָפּגעבויגן
נידעריק די שאָל.
שלעכטס — אַרופגעפלויגן
גרינג, ווי פאַדים וואָל.

כ'ווער פון פרייד צעטומלט,
גוטסקייט — האָט באַזיגט.
ווי אַ שלאַנג אַ קרומע,
וואָלן פאַדים ליגט.

וואָל פון שלעכטס — פאַרשלענגלט
וואָרים מיין געניק.
בין געבליבן הענגען
אויף דער וויכער שטריק.

טרייסלען זיך די שאָלן —
איצט — שפּרינגט גוטס אַרויף.
שריי איך אויס אין חלום,
און איך וועק מיך אויף.

קלאַנגען

דו אַליין שניצסט די פידל,
דו אַליין ברענגסט דעם קלאַנג.
פלאַצן סטרונעס אָן ווידוי,
אין געוויין פון געזאַנג.

און עס דאַכט דיר: די קלאַנגען
הילכן אָפּ פון דער ווייט,
כאָטש דו פילסט זייער ראַנגלען
אין דיין אייגענעם לייב.

דו אַליין ווערסט די פידל,
און די סטרונעס — דיין הויט —
שפּילן אויס דיינע לידער
טויזנט יאָר נאָך דיין טויט.

דיין וואָרט

צו א. ליעסין

עס צייטיקט דיין וואָרט ווי תבואה,
וואָס רייסט זיך פון פאַרברוינטער הויט.
ווי קאָרן, אים ציט זיין טואונג,
שוין צייט פאַר אים צו ווערן ברויט!

דאָס ברויט פון אָרעמע טישן,
די שפּייז מיטן שטענדיקן טעם, —
נאָר גומען דערפילט דערפרישונג,
פיל־טעמיק ווי דער מדבר־מן.

דיין וואָרט האָט געבליט ווי תבואה,
געטרונקען דעם זאַפט פון דער ערד, —
און איצטער דאַרף ווערן מקוים,
וואָס וואָרט האָט אין טיפקייט געהערט.

עס שפּיצט זיך פון הויט דער יאָדער
ווי אויג, וואָס דערוואַכט ערשטן מאָל;
דיין קאָרן־וואָרט זאָגט: איך פאָדער! —
און אַלע דערהערן זיין קול.

ביזן טויער

צו ב. וולאַדעק

היינט מוז לעבן אויף דיר טרעטן,
ווען ס'ווערט וועלט צעשטויבט
אין רוי־ערד.
נישט מיט מאַמעדיקן גלעטן
וועט די נייע וועלט זיך בויען,
און זיך ווידער איבערקנעטן.
מיט פאַרטיליקטן באַדויער
מוז היינט לעבן אויף דיר טרעטן.

און עס וועט דיר ווי טאָן, ווי טאָן,
ווען די וועלט גייט דיך אַריבער.
ס'שפּיצן זיך אויף דר'ערד פאַרזייטע,
ווי מצבות שטיקער גלידער;
דו דאַרפסט זיין דער טרייער לייטער
פאַר די שטייגנדיקע ברידער,
כאָטש ביז שטאַרבן שניידט דער ווייטיק.

און צעבליען וועט זיך רויערד,
אָן די צייכן־טריט פון קין,
אָן אכזריותדיקן לויער. —
דו — פאַרסאַרפּעטער אין פייער,
וועסט ווי משה — בלויז ביז טויער
קומען צו דעם לאַנד דעם פרייען,
ווען צעבליט וועט זיין די רויערד...

אַ מ אָ ל . . .

דו קאָנסט אַמאָל דיין איינזאַם נישט פאַרטראָגן,
אין דיין האַרצן — קאַלטע ווינטן יאָגן.

די געדאַנקען — פון די ווינטן שנעלער, —
צעשלאָגן זיך אָן מויערן, אָן שוועלן.

אַ גערויש — פון פאַרפרוירן וועש אויף פלויטן,
און וואָס דו טראַכסט — איז וועגן טויטע. — —

דאַן ווילסטו ריידן, אַז נאָך אַ מענטש זאָל הערן,
ווילסט פרייד דערפילן פון געענטפערט ווערן.

קוקסט אין שפיגל צום אייגענעם פנים,
און קאָנסט דיין געשטאַלט זיך דאָרט נישט דערמאָנען.

הויבן אָן ווערטער, אומזיניקע, קומען,
ווי ביי אַ שיכורן אויפן גומען;

די ווערטער קלאָגן פון ווינט געטראָגן,
ווי אין אַמאָליקן דור־הפלגה, — —
נאָר נישט אַלע אינדערהויך קאָן מען זאָגן...

נעם איך נאָר די — מיט אַ ליבן מוסר, —
און לאָז זיי ריידן מיט נביאס נוסך:
— היי, דו, נישט קלאָג,
— היי, דו נישט וויין,
דיין וויטיק טראָג
אַליין, אַליין.

המון און פאָלק

נישט המון — דאָס ליבע פאָלק —
וואָס ציט מיין אויער צו:
וואָרט — איז זילבער, שווייגן — גאָלד,
המון — פאַראַכט די רו.

אויסגעשוויגן וואָרט אויף ליפּ —
זיין אייגן קול דערהערט;

פאָלק — ווי נאָפּל אַלץ פאַרקניפּט,
המון — ווי פלאָם צעשטערט.

פונק — אין ווילדן ווינט־רשות —
איז ווילן פון המון,
שטן צינדט אין אים זיין גלוסט;
און פאָלק — שווייגט קלוג ווי שטיין.

ס׳איז אַלעמענס די מאַמע ערד

ווען וואָרט ווערט אמת, און געשעט, —
דערפילסטו ליכטיקייט פון נס,
איז רייד — ניט מער אומזיסט געבעט
און נישט צו גרויס איז קיין פאַרמעסט!

ס׳קאָן אַלץ געשען, וואָס מענטש באַגערט,
און טואונג—הויבט זיך אויף צו טאַט.
ס׳איז אַלעמענס, די מאַמע ערד, —
און זי דאַרף יעדן מאַכן זאַט!

נאָר רייד, ווי ווילד גראָז האָט פאַרפּעסט
דעם ריינעם גאָרטן פון פאַרלאַנג,
און ווערטער־שטויב דעם מענטש צעפּרעסט,
ווי חיה איר פאַרצוקט געפאַנג.

געדעכטיקייט — די וויסטע לאַם
פון אַלע ווערטער־סטאַדעס שאָף, —
איז מיט אַ שטעכיק פלויט פאַרצאַמט,
ווערט פאַר איר פיין־געשריי באַשטראָפט.

אין זומפּ פון ווערטער ליגט דער נס,
אַ צוגעשמידטער מיט זיין גוף.
ס׳וועט שטייגן העכער דער פאַרמעסט
ווען ס׳וועט געצייטיקט זיין דער רוף!

דער גאַסט

צו דניאל טשאַרני.

ס׳יאָגט אַ ווינט פון דיינע פאָלעס,
און עס שמעקט פון דיר מיט ווייטן, —
פרישער וואָרט, — נאָך מיט דעם שאָלעכטס,
מיט דער זונפאַרברענטער הייטל;

רייד — ווי מעל פון גאַנצן קאָרן,
מיט דעם בערשטלדיקן קלייען;
ערשט פון ערגיץ אָנגעפאָרן,
ביסט אין וואַנדערניש פאַרטאַיעט.

פרעמד און ליב איז דיין באַרירונג
און אַ פריינדלעכקייט — אַ גרייטע;
וואָכע חושים שפּירן, שפּירן,
גאַנג—אַ שטייגיקער,—אויף לייטער!

ליבער פרעמדער, אַזאַ נאָנטקייט
דו צעשפּרייטסט דאָ מיט דיין קומען;
טראָגסט אין טראָט ביי דיר אַ יאָנטעף,
ווי ס׳טראָגט ים־שאָל—ים־געברומען.

פרייע שפּיגלען זיך די סטעפּעס
אין די אויגן דיינע בלויע;
פון דיין פרייד צעגייט ווי נעפּל
אויך מיין איינגעקנוילטער טרויער.

און דיין יאָנטעף — אַזוי שטראַליק,
גרייטסט פאַר גאַנצער וועלט דיין סעודה;
ביסט געקומען אויסצעשאַלן
רוף צום ווייטן, ווייטן ברודער!

ס׳איז די זון מיר אויפגעגאַנגען
אין דער אַנדערשקייט אין דיינער;
מיינע ליכטיקסטע פאַרלאַנגען —
אין די אויגן דיינע שיינען!

ערד

צו מ. ב.

וואָס דו טראַכסט און וואָס דו זאָגסט —
שטעל אָוועק אויף האַרטער ערד,
אויף די שאָלן פון איר וואָג,
צינגל — מינערט, צינגל — מערט.

און אומזיסט — פאַרפוצטע רייד.
ערד — וועט וועגן זייער מיין.
היינט — לאַכט טרויעריק די פרייד —
שלאָג דעם פעלדז, און בלוט וועט גיין.

ס'שרייט אויף לייב דאָס נייע קלייד;
יעדער מאָלצייט איז צו גוט.
פאַר דיין גרעסער ביסן ברויט
גייסטו אָפּ מיט חרפּה־בלוט.

מער נישטאָ פאַר דיר קיין וואַנט,
און ס'צעפאַלט פאַרצאַמטע היים;
ס'שרייט דורך אייזן־וועגט די שאַנד,
ווער ס'פאַרטורעמט זיך אַליין.

און דו לערן זיך פון ערד,
קוק אויף צינגל פון איר וואָג:
ערד — פאַר אַלעמען געבערט,
גליק, פאַר גאַנצער וועלט פאַרמאָגט.

ס'זאָל העלער לייכטן די זון!

ניט שטראָף מיך מיט מיין ווידוי,
ניט שפּיגל מיך אין מיין גאַל;
די פרייע רייד פון מרידה,
זיי האָבן מיך ניי באַשטראַלט.

די ביטערקייט, די האַרבע, —
ווי נישט געעפנטער כריין, —
זי מאָניעט צו פאַרדאַרבונג,
און איך — רעוואָלטיר, זאָג ניין!

דעם ניין אין לעצטער שיצונג, —
נישט ניין פאַר חברס געבעט, —
אין קראַטער־מויל פון בליצן
האָט מיך נסיון געגלעט.

און כ'בין אַרויסגעקומען
פון דאָרט געלייטערט, — אימון;
געגלוינט האָט זיך די טומאה,
ס'זאָל העלער לייכטן די זון!

1937

אַ פּאַנצער

ווי אַן אָפּלייטער בין איך פאַר דיר
אין געפּאַר פון אַ בליץ און אַ דונער;
אַלע קלעפּ שלאָגן אָפּ זיך אָן מיר,
אַלע קלעפּ, וואָס צו דיר ווילן קומען.

אפשר בין איך ניט שולדיק אַליין,
איך דערפיל נאָר אַ העכערן ווילן, —
אַ געבאָט איז פאַרזייט אין מייןביין:
„אין געפאַר מיטן לעבן זיך
שפּילן!" —

מיט געשריפט פון דעם בלענדיקן בליץ
איז פאַרשריבן זיגזאַגיש מיין גורל: —
דיינע נאָנטע פון אָפּגרונט באַשיץ,
כאָטש אַליין קענסטו ווערן פאַרלוירן!

מיט צעלעכערטע ווענט—מיין געצעלט,
ווי פון קריג—אַ געשטופּלטער פּאַנצער;
ב'האַלט מיין ברוסט אין געפאַר
אויסגעשטעלט,
אַז נאָר דו זאָלסט פאַרבלייבן אינגאַנצן!

יס'ען טריט

צעריסענע וואָלקנס, ווי הירשן־הערנער,
צעלעכערן מיין בלויען הימל;
פון ווינט — ווי לעשיקע לאַמטערנעס —
די שטערן מיינע אומרואיקע שווימען.

איך גיי אַרויס פון מיין אייגענער פעסטונג,
איך שעם זיך צו זיין אַליין אַ באַשיצטער;
איך האָב מיין גאָט פאַר אַלעמען געלעסטערט,
באַגלייט פון דונערן און בליצן.

צעגליט האָט אַ פרייד זיך, אַ ניי־אַנטפּלעקטע,
ביי די, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל געשמייכלט,
ווי ס'וואָלט מיין לעסטערונג פּלוצלונג דערוועקט זיי,
און אויך געהאָלפן זייער פרייד דערגרייכן.

איך ווער אַ באַרוישטער, און איבערוועלטיקט,
וואָס מענטשלעך פרייד גיסט אויף זיך אינאיינעם;
ווען טויזנטער טריט, פון זון צעהעלטע,
צערײדן זיך פּלוצלונג מיט שטומע שטיינער.

ברענט אויף אַ דורשטיקייט צו גיין צוזאַמען,
ווען ימען טריט ווערן אויפגעגאָסן;
מיט אייגענער האַנט דייסטו אויף די צאַמען,
וואָס האָבן געהאַלטן דיך פאַרשלאָסן.

טורעם

איך בין אין גאָט אַריינגעלעבט,
איך בין פון גאָט אַרויסגעטאָן;
מיט אים — ווען כ'שטייג אויף
מיילן טרעפּ,
פון אים — ווען כ'גרייך זיין פוסטן טראָן.

איך וויל נישט זען זיין פריען טויט,
בלויז וואָרט דאַרף שטאַרבן אין
זיין צייט —

האָב טורעם לופטיקן געבויט,
אויף אים צו קוקן פון דער ווייט.

פאַרשווינד ניט, גאָט, פון אונדזער
ערד,
כאָטש דו ביסט אָפט אַ שטרויכל־
שטיין;
דאָס האָבן מיר דיך אויסגעקלערט,
צו קאָנען גלויבן זיך אַליין.

אין לייבן־גרוב

אין ווילדעניש — אַ מענטשנס טראָט,
עקרה־לאַנד — גיב פרוכטיקייט.
מיט שווייס — פֿאַרלעש דעם
דזשאָנגל־זאָט,
דערקען אין זונראָד — שליאַך פֿון צייט.

ווי אורמענטש — אין פֿאַרצווייגטן וואַלד,
מיט גוף ברעך דורך דעם ערשטן שטעג.
אין אָפּגרונט — שפּיגל דיין געשטאַלט,
אין לעמפּערט — מענטשלעכקייט
אַנטפּלעק!

רופֿט גיאַנאַ — דרום־וויסטעניי,
רופֿט טאַנגאַנאַיקאַ — דזשאָנגל־לאַנד.
דיין אייגן שרעק אין זיך פֿאַרשריי,
זיי וואַרטן ביידע אויף דיין האַנט.

פֿאַרלוירענער, נישט זאַם, און גיי,
און יעדע גאָב — פֿאַר גוט נעם אָן.
דיין זאָמען אויף דער וועלט פֿאַרזיי,
דיין בלוט — אין ווילדעניש צעשטראָם!

פֿאַרזיי דיין זאָמען מער, און מער,
דאָס ייד־געפּלאַנץ — מיט האַרבן טעם.
דו נעמסט־זיך־צו אויף יעדער ערד,
באַקלעטערסט יעדן שטיינער־צאַם.

נישט צעטרלען דאַרף מען דיינס אַ בייט,
דיין בליאונג „יעט״ מען נישט, —
מען פּליקט;
דו ביסט צעפּייניקט אינגעווייד,
וואו ס׳יערט דאָס ברידערלעכע גליק.

גאָטס לוחות ברעכן דיין געניק,
לא תרצח! — שרייט פֿון זיי אַרויס.
און ס׳פּלאַקערט געצנדינערס קריג,
וואָס האַלט זיין שווערד פֿאַר דיר
אַנטבלויזט.

ס׳פּאַלט רשעס בייזקייט אויף דיר בלינד,
ער פֿרעסט דיך ווי אַ רויע שפּייז;
דו ביסט דעם צדיקס קריפּל־קינד,
דיין וואונד — צו מצוות מאָנט, און בייסט.

אָ, זאָג נישט אָפּ דעם צדיקס גוטס,
פֿאַר ליב נעם אָן זיין לייבן־גרוב.
דיין לייב פֿאַרמאָגט אַ בלינדע שוץ,
וואָס צאַמט דער חיהס ווילדן צופּ...

אַ רגע — רו פֿאַר דיין געביין,
דו, אויסגעוואָרצלטער אָן לאַנד, —
אין טאַנגאַנאַיקאַ לאָז זיך גיין,
צו גיאַנאַ — שפּרייט דיין קאַראַוואַן!

1940

וואונדער

די וואונדער, — וואָס דו זעסט, —
פֿאַרפֿלאַנץ זיי אין דיין ערד.
זאָל בליען דאָ דער נס,
וואָס ערד און רוים געבערט.

נישטאָ קיין אונטערשייד
פֿון ביידע וועלטן מער;
ס׳איז אויך אויף דר׳ערד פֿאַרזייט
דער נס פֿון בלויער ספֿער.

און כוחות אויפֿגעוועקט —
ווי זאָמען גייען אויף;
ס׳וויל ווערן נס אַנטפּלעקט,
און וואַרט אויף מענטשנס רוף.

צו וואָס דאָס רייסן זיך
צום וואונדער אין דעם רוים? —
עס בלייבט אויף דרערד דאָס ליכט
פֿון גאָטס צעשטראַלטער קרוין.

טראָט פון דיין פאָלק

אין דעם קרייז פון די טריט,
וואו דיין לעבן גייט אום,
האָסט אַ פלעמל געהיט
ווי אַן אייגענע זון.

נישט פון רעגן און ווינט
ווערט דאָס פייער פאַרצערט.
און דיין לעבן באַגינט,
כאָטש עס ליגט אונטער שווערד.

און דער פייער צעפרעסט
אויף די ווענט דיין נאַכט.
ווייטע העלקייט דערזעסט —
נאָך אַ פלעמל דערוואַכט.

ווען דיין פייער קומט אום,
זאָלסט נישט בלייבן אַליין,
מיט דיין פלעמל, ווי זון,
זע איך שטענדיק דיך גיין.

כאָטש דו שמייכלסט פאַרווירט,
בלייבט דיין גלויבן געשטאָלט;
ווי עס וואָלט דיך געפירט
וואַכער טראָט פון דיין פאָלק.

מיין שטאָם

כ׳יאָג דעם רויך פון שווערן חשד,
און כ׳פאַרשליס פאַר אים מיין ברעם;
ניין, דו כאָוועסט נישט פאַראַט,
כ׳וואָלט עס אין דיין בליק דערזען! —

האָסט צעמאָלן זיך אַליין,
און אַ פערטל פון מיין שטאָם,
אַז פון פרישן שטאַרקן ליים
זאָל זיך בויען נייע לאַנד.

ס׳איז די נאָפּל־וואונד נאָך רוי,
ס׳פיבערט נאָך דער יונגער גוף,
אין דעם נייעם איבערבוי
איז מיין בלוט אויך אויסגעפּרופט.

כאָטש עס ווייטיקט נאָך דער גלעט,
אָבער כ׳גלויב דער מאַמעס האַנט.
כ׳וועל נישט אויף דיין ערד פאַרשפּעט,
ס׳בריט מיך נישט די חרפּה־בראַנד.

אַלע פעלקער אין איין בוים —
איינגעוואָרצלט און פאַרצווייגט;
ווער שפּרייט וואָלקנס אויף מיין היים? —
שטילער, בייזע צינגער, שווייגט!

אין מיין הייסן שטראָם פון בלוט,
אין געצאַמטן האַרצן־שלאָג,
האָב איך אָנגעשטאָלט מיין מוט
דיר צו זאָגן, וואָס איך זאָג.

כ׳וויס, אויף פייער טרעט מיין טראָט,
אָפּגרונט שלעפּט מיך צו דעם דנאָ,
שפּיגלט אָפּ מיין אויסגעראָט,
מאָלט פאַר מיר מיין לעצטע שעה.

נאָר איך גלויב מיין בלוט־געשטראָם,
נישט־פאַרלענדונג אין אים גליט;
און מיין שטאָם הויבט ערשט נאָך אָן,
אויף דעם שונאס כרת־שניט.

דער פּאַטוס

שוין ווידער געוויין פון גראַנאַטן,
געיאָגט פון פּאַרצווייפלטע הענט;
געבויגענער בלאָנדזשעט דער פּאַטוס
אויף אייגענעם שאָטן געלענט.

דער פּאַטוס — אַ גייסט פיל־
געשטאַלטיק,
אין אַלעמענס האַרץ דרינגט אַריין;
ער ליידט, ווען די וועלט ווערט
פאַרגוואַלטיקט,
און ווייל — עס קאָן אַנדערש ניט זיין.

מיר שפּילן זיך אַלערליי שפּילן,
נאָך קינדווייז, און עלטערערהייט;
מיר טוען נאָך עמיצנס ווילן
אין לעצטן ספּעקטאַקל, דעם טויט.

נאָר ווען דאָס געוויין פון גראַנאַטן
די רו און די שטילקייט צעפּליקט, —
איז ניט אומפאַרמיידלעכער פּאַטוס, —
מיר גייען אַליין דאָך אין קריג!

מיר גראָבן אין דר'ערד זיך ווי חיות,
און ליגן — די צייט פון באַפאַל:
דעם מענטשלעכן פּנים פאַרשפּייען,
און ס'פירט אונדז געזעץ פון שאַ־
קאַל.

ס'איז צופאַל, ווען איך בין געקומען,
ס'איז צופאַל, ווען איך גיי אַוועק;
אַליין זיך צו שענקען דער טומאה,
ניין, דאָס איז מיין אייגענער פלעק!

מיר שטומען ביים מויל פונם קראַטער,
וואָס וויל אונדז פאַרשלינגען אין זיך;
באַזיגטע פון אייביקן פּאַטוס,
וואָס תמיד יאָגט אָן אומגעריכט.

ס'מוז שטאַרבן דער מענטש און די חיה,
פאַרביידן קיין אויסוועג נישטאָ;
נאָר מענטש ווייס דעם סוד פון
באַפרייאונג,
איז האַר פון זיין איינציקער שעה! —

די שעה, אין רשות פון די מענטשן,
אין חלום פון פרייהייט צעבליט.
איר שיין האָט פון אייביק
געבלענדט שוין,
זינט וועלט האָט געשטעלט אירע טריט.

נאָר דו, וואָס דו יאָגסט די גראַנאַטן,
אָ, ברודער, האַלט אָפּ, דאָס בין איך! —
די ליבשאַפט, ווי פאָן אויף אונדז
פלאַטערט,
פאַרלעש ניט איר לעבעדיק ליכט.

צוויי וועגענער

צוויי וועגענער קרייצן דעם אָפענעם שליאַך,
מיט באַזונדערע משא'ס באַלאָדן.
ס'האָט איינער אַ שטויב מיט די רעדער געבראַכט,
און דער צווייטער — געשניטן דעם באָדן.

פאַרבייגייער האָבן מיט בליק זיי באַגלייט,
יעדער איינער געהאַט וואָס צו זאָגן:

— זע, זונפונקען גליען אין שטויבן צעשפּרייט,
— זע, די גריבער פון אַנדערן וואָגן!

געוויס האָבן אַנדערש געדאַרפט זיין די טריט,
ווען זיי זיינען דעם שליאַך־וועג געגאַנגען, —
איין וואָגן — אַ שטרויבאַרג פון זוניקן שניט,
און דער צווייטער — מיט שטאָלענע שטאַנגען.

דאָס שטרוי האָט אַ דאָרפישן שטעלכל פאַרדעקט,
און פאַרשוואונדן די זוניקע שטויבן, —
ס׳האָט איבערן טייך, אויפן פעלדיקן וועג,
פון די שטאַנגען אַ בריק זיך געהויבן.

ווייסער שליאַך

אַלץ ווייס, און ווייס, און ווייס אַרום,
די ליכטיקייט טוט וויי.
ס׳דערמאָנט מיך אַלע מאָל אָן זון,
די ווייסקייט פון דעם שניי.

פאַרמאַך די אויגן דיינע שטייף,
די ליכטיקייט צעבליט.
אויף שטאַנג שפּילט פראָסט זיין דראָטן־פּייף,
געררייד — פון ווייסע טריט.

מיט בלויקייט רויכלט ווייסער שליאַך
די לופט — מיט זון פאַרשמעקט.
באַטש טאָג האָט נאָך ניט אויפגעוואַכט
מיט שטראַלנדיקן וועג.

און יעדע פאַרב וועקט נייעם שפּיל,
קאָליר־קאָנטראַסט דערמאָנט.
דו זעסט, — פון שוואַרצן נאַכט־פאַרהיל
ווינקט רויטער האָריזאָנט!

געטריי ווי ערד

וועסט הײַנט ניט ריידן, פרעגן,
היינט זיי אַ הערער בלויז,
ווי ערד הערט קלאָג פון רעגן,
ווען הימל וויינט זיך אויס.

זי הערט מיט אַלע גלידער,
נעמט קלאָג אין זיך אַריין;
ביז הימל בלויט אויף ווידער
מיט אויפגעגליטן שיין.

אויך ערד־פאַרשטיינטע גרודע
ווערט ווייך פון הימל־טרער, —
דו זיי מיר אַזאַ ברודער,
אַזוי געטריי ווי ערד.

פון טיפעניש וועל ריידן,
און דו — זאָלסט הערן בלויז,
וועט קלאָרע רו, אויף ביידן,
ווי העלע זון אַרויס.

דער צייכן

אַרום דעם געדאַנק — די וואונדערלעכע רעגונג,
האָב איך ליב אין דעמערונג צו היטן;
פון מיין שטילן ריר — אין לופטן די באַוועגונג,
פון מיין בליק — אין ריינעם בלוי די שניטן.

איך האָב ליב דעם וואַנדערערס וויטע טריט צו הערן,
איידער נאָך זיין בליק וועט מיך דערגרייכן.
נישט פאַרצווייפל, וואַנדערער, אין רעגעס שווערע, —
ס'וועט אויפבליצן אין פינצטערניש דער צייכן!

די אויערן — אָנגעשפּיצט אין פינצטערע אַרומען,
שאַרפע אַראָמאַטן — די נאָזלעכער בייסן;
דער וואָס איז אַוועק אויף קיינמאָל מער נישט קומען,
האָט נישט אַלץ אַרום זיך געקאָנט צעררייסן!

עס בלאָנדזשעט אום אין לופט זיין קלאַנג, זיין וואָרט, זיין אָטעם,
און קוואַלן פרייד — נישט אויפגעוואַכטע,
פאַרטשעפּעט אויף אַ בוים נאָך הענגען שטיקער שאָטנס,
זיי וועלן מיט אַמאָל אויפן קול זיך צעלאַכן!

1931

גאָט

ס'האָט נאָך גאָט אין מיין האַרץ ניט זיין רו,
אָפטמאָל טרעפט, אַז ער ווייכט אויס מיין טיר.
ס'העפט מיין תפילה צו אים זיך ניט צו,
ווי אַ וואַנדערער קומט ער צו מיר.

דערפאַר שרעקט מיר זיין איינזאַם אַזוי,
ווי דאָס האַרץ פון אַ מערדער — ניט ריין:
מיינע האָר — ניט צו ווערן שנעל גרוי
ווי פאַרפרוירענער גראָז בלייבן שטיין!

כ'בין מקנא די פי אויף דעם פעלד,
און דעם פאַסטוך דערנעבן — וואָס היט:
ס'האָט ניט איינמאָל אַ בליץ זיי באַהעלט,
און אַ האָגל דעם קאָפּ זיי באַשיט...

1915

דיין ברויט

ווען ס'גרינט דער שימל־סם,
און ס'ווערימט שוין דיין ברויט, —
ווערט פרייגעביק דיין האַנט,
און ביסט צעטיילן גרייט.

און ווער עס נעמט דיין גאָב, —
פון הונגער־פּלאָם פאַרבלענדט, —
דערשלינגט אין קעל אַראָפּ
דעם סם פון דיינע הענט.

און אויף זיין גסיסה־בעט
נאָך פון דיין גוטסקייט טראַכט;
ער ווייס נישט, אַז די זעט
דעם טויט האָט אים געבראַכט.

אַ הימן צום קינד

די קינדערשע הערצער דערפריי,
וועט פריידיק און יונג זיין די וועלט.
זאָל הילכן געזאַנג ביים פאַרזיי,
וועט כוואַליען זיך זאַנגיקע פעלד.

דעם פיינלעכן קינדער־געוויין —
פאַרמינדער, פאַרלינדער מיט פרייד.
פון קינד — לערנט וועלט צו זיין ריין,
אין קינדערשן זכות, — וואָס זי שטייט!

די יוגנט, דאָס בליאונג, דאָס גרין, —
באַוועגן די וועלט אין איר גאַנג.
דער אייביקער חלום צערינט
אָן קלאַנגען פון קינדער־געזאַנג.

אַ וואָלף

— אַ, פּאַפּ, אַ וואָלף אויף קאָלדרע
קריכט,
אַוועק פון מיר, אַוועק!
— שלאָף איין, מיין קינדעלע, ס'בין איך,
האָב וואַרעמער דיך צוגעדעקט.

— דער וואָלף — מיין האַנט
אַריינגעכאַפּט,
און שלעפּט מיך אין זיין הייל;
— שלאָף, קינדעלע, ס'בין איך,
דיין פּאַפּ,
וואָס האָב פון וואָלף דערציילט.

— מיך שטעכן זיינע האַרטע האָר,
ער פליקט מיך מיט די ציין! —
— אַ וואָלף נאָר בייסט זיך אויפן וואָר,
נישט חלום־וואָלף, — אַ, ניין!

— ווי נאָדלען שטעכן זיי מיין האַלדז,
וואָלף קריכט אין מיר אַריין! —
— ס'איז מיינע האָר אין חלום
האַלטסט,
דו לאָזט מיין קאָפּ נישט איין!

— אָט איז ער!... כאָטש איך
שלאָף נישט לאַנג,
פאַלט ווידער אויף מיר אָן;
— כ'האָב וואָלף גענומען אין געפאַנג,
ער קאָן מער גאָרנישט טאָן!

אַליין האָב איך אים אויסגעטראַכט,
און כ'בין זיין באַלעבאָס;
שלאָף רואיק... כ'האָב זיין שטייג
פאַרמאַכט
מיט גרויסן, שטאַרקן שלאָס!

מיין יידישע שפּראַך

נישטאָ אין מיין יידישער שפּראַך
קיין איין וואָרט קיין מיאוסער,
וואָס דאַרף פון מיר ווערן פאַרלאַכט,
כ׳זאָל מיין ליד פאַר אים פאַרשליסן.

נישטאָ אין מיין יידישער שפּראַך
קיין פאַרעלטערט וואָרט, אַ טויטער,
וואָס זאָל ווידער נישט ווערן דערוואַכט,
און מיין ליד דערנאָך באַגלייטן.

כ׳האָב ליב יעדן וואָרט אין מיין שפּראַך,
פון פּאַלאַצן און פון קעלער, —
פאַר יעדערן בוי איך זיין דאַך,
און לאָז אָפּן מיינע שוועלן.

אַמיינסט, — קומט דאָס הימלאָזע וואָרט
אויף דעם שוועל פון ליד צו ליגן,
פאַרשטויבט, — פון פאַרצווייפלונג
געהאַרבט, —
קומט זיין חלום דאָ פאַרוויגן.

אונדזער דאָן זשואַן

צו דעם, — וואָס קוקט אַרוף צו דאָן זשואַנען, —
אויף זיינע ליבעס וואָלט ער זיין אַ בעלן...
אים ווילט זיך זאָגן: זיי אים נישט מקנא,
דו וואָלסט נישט וועלן זיין ווי ער געפאַלן!...

ער טראָגט מיט שטאָלץ דעם גרויסן נאָמען זיגער, —
נאָר — בלינדער שקלאַף איז ער צו יעדער איינער;
צערייצטער באָק — פאַרקליידט אין פעל פון טיגער, —
ער בייסט זיין רויב, ווייל ס׳קריכט אים אין די ציינער...

געררויש פון קלייד וועט גרויסן העלד פאַרטשאַדען,
אויף פרויען־הערצער — נישט קיין איבערקלייבער...
ער איז געשלעכט אין אויפגערייצטער סטאַדיע, —
ער איז די פלוי וואָס לאָזט זיך נישט פאַרטרייבן...

די פרומע קאַץ

מיט גוטסקייט דיינע ליפּן טריפן,
ווי ס׳וואָלט קיין זינד דיין שוועל
באַטראָטן;
פאַראַנקערסט זיכער דיינע שיפן,
ביי דיר אין לאַנד — ניטאָ קיין שאָטן!

נאָר ס׳צאַנקט דיין פלעמלדיקער גלויבן
ווייל וואָר — לייכט טונקעלער פון חלום;
דיין הויכער ריידן, — ווי פאַר טויבע, —
מיט פאַרבן שרייאיקע באַמאָלן.

און ס׳קומט קיין טרייסטונג פון
דיין גומען
פאַר זעגלען ווינטיקע, וואָס בלאָנדזשען,
באַלעקסט זיך ווי אַ קאַץ אַ פרומע,
עס זאָל איר שאַדן זיך נישט אָנזען!

אַ רעגן־שטורעם אין שטאָט

מיטן־נאַכט. אַ לאַנגער בייטשנדיקער רעגן
אויף דעם נאַכגעלאָזטן גוף פון דער ערד,
איר פלאַך — ווי פון מורא פאַר די פייפנדיקע שמיץ, —
איז געוואָרן אַלץ נידעריקער, נידעריקער און פלאַכער,
אַזוי־אַרום אויסצומיידן וויטיק...
נאָר די רעגן־בייטשן יאָגן שטאַרקער אין דעם ווינט;
פריער גלייכע, און פלוצלונג — אין רויטן לאַמטערן־שיין —
ווי אויסגעבויגטע לאַנגע בליצן גאַרטלען ליכטיקע אַרום
די הויכע געביידעס, מויערן, און נידעריקע הייזלעך,
ווי די רוקנס פון נאַכגעביקע קערפּערס...
און פון דעכער, געזימסן און באַלקאָנען,
גיסן זיך פלוצלונג אַריבער פליייצנדיקע שטראָמען,
פון פענצטער־ברעגן, ווי פון בעקנס, —
ווי הויכער, פאַרצווייפלטער געיאָמער
פון פאַרלוירענע, געפּייניקטע לייבער.

ליידיקע גאַסן קוקן מיט פינצטערע,
נאַסע און צוגעמאַכטע פענצטער־אויגן.
הענגענדיקע שילדן לאָזן זיך מיט געשריי אויף גאַסן.
שטייגיקער געוואָי פון ווינטיקע רעגן־בייטשן
פאַרשרייט דאָס פאַרצווייפלט גערייד
פון די לויזע, צייַנקלאַפּיקע שויבן.
פאַרטויבט דעם אומרו־אָטעם פון די שלאָפנדיקע מענטשן
אין די טרוקענע פינצטערע קאַמערן.

יאָמערדיקער, פינצטערער קלאַנג — אויף האַרטע טראָטואַרן,
דאָרט, וואו עס הענגען די רויטע עלעקטריק־פייערן —
יאָגן זיך די רעגן־שטראָמען באַלויכטענע,
ווי דאָס אָפּגערונען וואַסער
פון אַ פריש־פאַרלאָשענער שריפה־חורבה,
וואו ס׳צינגלען זיך נאָך העלע פלאַמען אין די געהילצן...
דאָס רויטקייט פון די באַלויכטענע רעגן־שטראָמען —
ווערט אין דער קאַנאַלן־טיפקייט פאַרבלאָסטער,
ווי נאָר־וואָס פאַרגאָסן בלוט דורך וואַסערן געשווענקט.
אַפילו די היימלאָזסטע — געפינען טרוקענע נאָרעס
צו באַהאַלטן דערווייל זייערע פייכטע קערפּערס,
ביז דער רעגן־שטורעם וועט אַריבער.

אַ גוטע פריינטשאַפט

אַ גוטע פריינטשאַפט, אַ פאַרזייטע,
דאַרף אויך אויפגיין און צעבליִען, —
זיין איינגעשמידט אין ווינטערס קייטן,
ווי די מערב קאָרן־זריעה.

אַ גוטע פריינטשאַפט צו דערוואַכן, —
זון דאַרף האָבן, חושך, רעגן;

די פרייד פון רו, די זאָרג פון פּחד,
קריץ פון הונגעריקע נעגל.

אין דעם געמיש פון אַלע שטאָפן,
רירט, גייט אויף דער פריינטשאַפט־
צויבער;
ס'וועט דונערהילך פון קאַטאַסטראָפע
אַזאַ נאָנטקייט נישט פאַרטויבן! —

פאַרלויב נישט...

פאַרלויב נישט אַזוי דעם גערעכטן,
דורך לויב ווערט דער אמת פאַרשוועכט;
באַגלייט נישט מיט שטילן געלעכטער
דעם מענטש, אונטער לאַסט פון
פאַרברעך!

פאַרפייניקטן לייב זאָלסט נישט טרייסטן
דער שוימיקער כוואַליע פון ים;

מיט שענסטע געמעלן דער טויער —
נאָר נאַקעט — אויף יענער זייט צאַם.

און בלויז מוכאַמאָרן * פּילפּאַרביק,
פאַרבלענדן באַדאָרנטן פעלד;
אין האַרץ — פולע נעסטן פאַר־
דאַרבונג,
פאַרבאָרגן געבריט פאַר דער וועלט!

צו איינעם...

איך רוף דיך נישט ביים נאָמען אָן,
דו וועסט דערקאָנען זיך סיי־ווי;
עס וועט דיר דורך אַ ציטער־שטראָם
דערהערנדיק די ווערטער די.

אַפילו אויף פאַרשטעלטערהייד
וועל איך נישט מאָלן דיין געשטאַלט,
נאָר יעדער וואָרט פון מיינע רייד —
דיין לייב ווי קאַלטער שוויס באַפאַלט.

איך טראָג קיין האַס אויף דיר ניט אום,
נישט גוטס, ניט שלעכטס האָסט
מיר געבראַכט;

דיין ביטערקייט, ווי פון אַ מום,
האָט תמיד צווישן אונדז געוואַכט.

ווי מיט פאַרפוילטן זריעה־זאָם
אָן ליבשאַפט האָסט דיין וואָרט
פאַרזייט,
וואָס קומט ניט מיט קיין בשורות אָן, —
קאָמצאָנעסדיק פאַרלעבסט דיין פרייד.

איך רייד בכיוון מיינע רייד,
זיי זאָלן ווי דער האַרבער פראָסט
פאַרסאַרפּען דיין פאַרזייטן בייט,
וואו קיינער ווערט נישט צוגעלאָזט.

---

* אַ גיפטיקע בלומען־שוואומ און פליגן־נעסט.

ווי לייכט־טורעם

דאָס העלע ליכט אָן שטערן ברענגט אומהיימלעכקייט ביינאַכט...
די וואונד פון אָפּגעזעגטן צווייג — די גייערס בליקן וועקט;
עס שטייגט אַרויס, ווי אומגעריכטער באַרג אויף ברייטער פלאַך,
דיין יאָרצייט־טאָג — אַן אָפּגעצייכנטער פון אַלע טעג.

נאָר וואָסער מענטש קאָן אומשפּאַנען אָן זאָרג אין זיינע טריט?
און ווער קאָן פייערן זיין שעה אָן ביטערקייט? —
אויף אָפּגעזעגטן צווייג האָט אַנדערער שוין אויפגעבליט,
ווי לייכט־טורעם — דיין יאָרצייט־טאָג — ער מאָניעט מיך פון ווייט!

זיין וועג

זיין וועג — זיגזאַג און שווערער, —
דער וועג, וואָס ער מוז גיין;
געוויין — פאַרשטיקט, אָן טרערן, —
איז פיינלעכסטער געוויין.

זיין צונג פאַרדריקט צום גומען,
ווי צו אַ תפיסה־וואַנט. —

אים ציט געררייד פון שטומע,
דורך צייכנס פון דער האַנט...

באַוועג פון שפּיצן־פינגער,
ווי פיילן — אין דער ווייט;
אָן ווערטערדיקער זינגען —
ביים האַרצן מאָדנע שניידט!

צו לעבן לאַנג...

צו לעבן לאַנג בין איך געבוירן,
כאָטש אָפט געראַנגלט זיך מיט טויט;
און שטאַרב איך — גיי איך נישט
פאַרלוירן,
ווי טעם פון אויפגעגעסן ברויט.

איך וועל פאַרטייען זיך אין לעבן,
ווי טוי — אין בעכערל פון קווייט;

מיין וואָרט, פון ווידוי און פאַר־
געבונג,
וועט ניט פאַרשטומען נאָכן טויט.

עס וועט ווי גילגול וואָגלען תמיד,
צו יעדן ניי־געבוירן גוף;
און ס'וועט אַ גלי־טאָן מיין נשמה,
דערהערנדיק מיין אייגן רוף...

פון בוך „צייכנס“ 1934

דער שפיגל

מאָדנע בייגאַכט אין אַ שפּיגל צו קוקן,
ווי אין אַ שטייאיקן וואַסער אַנ'אַלטן;
אַלץ אַרום דיר נעמט זיך שאָטנדיק צוקן,
קאָנסט נישט דיין שטייגיקן אומרו באַהאַלטן.

ס'דוכט זיך, דו האָסט אַ נשמה גענומען,
זי אין פֿאַר'כשופֿ'טן זילבער פֿאַרזיגלט.
וועסט זי צוריק אַזוי ריין נישט באַקומען,
איידער זי האָט זיך אין שפּיגל געשפּיגלט.

נעמען די פינגער נישט ווילנדיק פייקלען
איבער דעם שפּיגל פֿאַרצויגן מיט שטויבן;
ווי פון אַ רעגן די טראָפּנס זיך קייקלען,
קלאַפּן און פּלאַצן אויף קלאָגיקע שויבן.

פינטלען די אויגן, עס שווינדן און איילן
פינצטערע פּאַסן פון בליצן צעשניטן, ——
ס'הויבן זיך במאַרעס אין בערג און אין זיילן
איבער דעם גלאָז, וואָס צעשפּאַלט זיך אינמיטן!

און אַ צעבראָכענער שפּיגל, — ווער ווייסט ניט, —
אומגליק פֿאַרמאָגט אין די שפּאַלטן באַהאַלטן;
אייגענער פּנים מיט אויגן פֿאַרגלייזטע
ווינקט דיר פון שטייאיקן וואַסער דעם אַלטן.

1916

IMAGO DEI

אַלץ, וואָס עס זעט דיין אויג, באַשאַפסטו עס אַליין,
דער בוים, נעבן דיר, — קאָן זיין, דו זעסט אים ניט;
און ווילסטו — זאָגסטו שטיל: דו זעסט דעם בוים דאָ שטיין,
און טויאיק לייכט אַרויס פֿאַר אונדז דער צוויט, וואָס בליט.

און אַלץ אַזוי מיין ליב. — דורך מאָדנער קראַפט און טרוים,
שפּראַצט אויס, וואַקסט אויף אַ וועלט מעשופּעדיק און פלאַך.
באַשאַפסט דיין גוטס און שלעכטס, דיין וואַלקן און דיין רוים,
דו רופסט ווי גאָט צום ערשטן מאָל אַן יעדע זאַך.

ווי גאָט? — צי טראָגט דען נישט דער מענטש זיין פורם־בילד?
פון אַ צעברענטער זון — אַנ׳אָפּגעפליקטער פלאַם;
די שטיינער אויף זיין וועג — ניט שרפים אָפּגעקילט?
דעם הימל ניט פאַרדינט, און ערדן־פרייד פאַרזאַמט.

אָ, גלויב, אַז שטאַרבן איז דאָך ניט דיין לעצטער הויך;
נישטאָ קיין וואָרער טויט! פאַרשריי דיין קינדיש שרעק. —
פאַרטיליק נישט דיין וועלט אין ווילדן שרפה־רויך, —
ווי גאָט לעבסט אויף אין אַלץ, און אייביק איז דיין וועג!

1927

מענטש

איז אמת, מיר חלומ׳ען איבער ביינאַכט
די אַלע וואונטשן דורכן טאָג?
אַ שרעק, וואָס דער מענטש אין דער ליכטיק צעטראַכט,
און סאַראַ געדאַנקען ער טראָגט!

אומזיסט האָבן מענטשן דעם טאָג אויסגעוויילט
פאַר קלאָרן, פאַר אָפענעם טאָט.
ס׳איז ריינער די טיפע, די פינצטערע הייל,
וואָס קיינמאָל האָט זון נישט געהאַט!

אין נאַכטיקן שאָטן, אין כווישעך געדיכט,
וואו מענטש האָט זיין אָפּרו געמאַכט, —
צעבליצט האָט אין האַרץ זיך דער אָפשיין פון ליכט,
אַן אייגענע זון אויסגעטראַכט!

אויף מיילן האָט טאָג אויסגעגאָסן זיין שיין,
נאָר מענטש האָט געבלאָנדזשעט סיוּוי;
אים האָט נישט געצויגן דער ליכטיקער ליין
אין פעלד פון זיין אייגענער מי.

ווען מענטש גייט געבויגענער אונטער זיין לאַסט,
איז אָפּרו זיין פריידיקע טרייסט;

פאַרוואָס גייט ער אום — אַ פאַרהוילענער גאַסט —
צערייצט, ווי פון זינד נישט דערלייזט ? —

און זעאונגען מאָדנע פאַרהילן אים אָפט,
ווי שאָטנס — אַ בלאַנדזשענדיק שטראַל ;
נאָך זינד נישט באַגאַנגען, און שוין קומט די שטראָף,
די שרעק — ווי אַ כמאַרע באַפאַלט.

אין פייערן זעט ער זיין הימנעסט צעשטערט,
פאַרבלייבט אַליין — ער קומט נישט אום ;
געשעען די טאַטן פון זיך אָן באַגער ? —
און אומגליק אומגערופן קומט ? — —

איז אפשר פאַרבאָרגן פון מענטש נאָך אַליין,
פאַרצווייפלטער בענקען נאָך בייז ? —
ס׳ליגט אָפענער וועג אויסגעשפרייט, ער זאָל גיין,
און אים — צום פאַרוואָקסענעם שטויסט !

צו ווערן באַפרייט פון פאַרברעכערשער לאַסט, —
רופט מענטש צו הילף אַ צווייטע זינד ;
ווילסט לעבן ? — גיב נאָך ווי דער בויגיקער מאַסט
אין מיטן יאַם דעם שטורמווינט !

ס׳שטילט שטורם זיך איין, ים שוין מער נישט צעברויזט,
באַטש תהום אויף מאַסט־האַרץ איז פאַרקריצט ;
ער טרינקט איצט די רו ווי פון חלום באַרוישט,
זיין בויגיקייט האָט אים באַשיצט.

1932

מיין הימל

ווייל כ׳וויל מיין הימל זאָל זיך לייטערן,
און וואָלקנריין זאָל ווערן,
שוין זע איך אים פאַר מיר אַ הייטערן,
מיט גליענדיקע שטערן.

די שווערע וואָלקנס מיינע אייגענע,
ווי רויבפויגל צעפליען,
מיין לייב, פון פיין אַנ׳אויפגעצויגענע,
הויבט ווידער אָן צו בליען.

נאָר כ׳וועל אויף אייביק אַ פאַרשלאָסענעם
דעם סוד אין מיר באַוואָרן :
ווי כ׳האָב מיט אייגן בלוט פאַרגאָסענעם
געצונדן רויט די שטערן.

1923

צייכנס

מיין האַרץ האָט גענומען היינט שטאַרקער צו שלאָגן,
און עפּעס דערוואַרט עס אין מורא און שרעק;
פאַרגאַנגענע צופאַלן שלייכן זיך, טראָגן,
פאַר מיר ווי די טריט פון אַ מחנה אין וועג.

זיי שלייכן אָן סדר, כ'געדענק זיי נישט אַלע, —
היינט נעמט זיי מיין האַרץ אָן פאַר צייכנס פון בייז:
ביים פענצטער — אַ פויגל אַ טויטער געפאַלן,
די פליגל צעבראָכן, די אויגן פאַרגלייזט.

די הענט האָבן מורא דעם פויגל צו רירן,
דער ווינט גיט די פעדערן זיינע קיין בלאָז; —
ווי ס'וואָלטן נישטגוטע היינט נאַכט דאָ שפּאַצירן,
אַזוי ליגט צעטראָטן אויף פעלדער דאָס גראָז...

און נעכטן איז פּלוצלונג אַ גאַסט דאָ געקומען,
גערעדט און גערעדט וואָס מיט טרויעריקער שטים.
באַדייט פון די ווערטער האָב איך נישט פאַרנומען:
— ווער ס'וואַרט נישט אויף קיינעם, וואַרט עמיץ אויף אים! —

האָב איינמאָל אין אָוונט אַנ'אַלטן באַגעגנט,
זיין גוף האָט אַ מאַסע אַ שווערע פאַרשטעלט;
— איך צו־העלפן, זיידע — געפרעגט אים פאַרלעגן;
האָט ער הויך צעלאַכט זיך, פאַרשוואונדן אין פעלד!

און ס'האָט זיין געלעכטער מיר לאַנג נאָכגעקלונגען,
די הענט אויסגעשטרעקטע געהאַנגען פאַרפרעמדט;
עס האָט זיך פאַרוואָלקנט מיין הימל מיין יונגער,
— פאַרוואָס האָט דער אַלטער פאַרשעמט מיינע הענט? — —

און לאַנג שוין, — איך גלויב נישט צי ס'איז גאָר פאַרלאָפן, —
האָט בלאָנדזשענדיק פלאַם מיר דורך נעפּל פאַרנאַרט;
און כ'קום... האָב איך ליידיקע הויז דאָרט געטראָפן,
בלויז שיכלעך מיט קינדערשע ביינדלעך פאַרדאַרט.

געברענט האָט דאָרט פייער ווי פון אַ נייר־טאָמיד,
און קינדערשע שמייכלען — געשוועכט אין דער לופט!

האָט עפּשער דאָס גאָר מיר געלויכט אַ נעשאָמע? —
— מײַן קינד, אָ, מײַן קינד! — הער איך פּלוצלונג אַ רוף. —

און זיצנדיק איינער אַליין קעגן שפּיגל,
דערזען האָב איך דאָרטן אַ פרעמדנס געזיכט;
געפּאַכט איבער אים האָבן צווײַ שוואַרצע פליגל, —
איך בליק גוט אַריין: דאָס בין איך, דאָס בין איך! —

מײַן האַרץ גליט הײַנט ווידער מיט צייכנס און טרעפונג,
ווי בליץ שרײַבט אויף וואָלקן פאַרבאָרגענע שפּראַך;
אַליין האָב איך טירן און פענצטער געעפנט,
און זאָל זיך אַנטפּלעקן דאָס שרעק הײַנט בײַנאַכט!

1910

בלומען

— זיידע, זאָג, וואָס זוכסטו דאָרטן,
און וואָס קושסטו ס׳געלע גראָז?
— אַזוי שיין איז, קינד, דײַן גאָרטן,
כ׳קלייב דאָ בלומען ווייס און ראָז!

— זיידע, הער פון מיר אויף לאַכן,
וואָקסן אָסיען בלומען דען?
— קינד, נאָר פּרואוו דײַן אויג
פאַרמאַכן,
וועסטו אויך די בלומען זען...

— כ׳שרעק זיך האַלטן צו די אויגן,
ס׳ווערט מיר מאָדנע פינצטער דאַן.
— פּרואוו! — און זע, ס׳איז דורכגעפלויגן
דורכגעפלויגן
פאַר דײַן בליק אַ ווייסער שוואַן!

— כ׳האָב געפּרואווט... און
כ׳שרעק זיך מער ניט,
פאַר מײַן בליק איז ליכטיק, ווייס.
— גוט, מײַן קינד; נו, איצטער שטער ניט,
לאָז מיך רייסן וואָס איך רייס!

1910

די מרידה

ווי איך, אַזוי מײַנע לידער, —
מיר ברענגען קיין שליחות מיט זיך:
איך האָב נישט געצונדן די מרידה,
בלויז צוגעהאַלטן דאָס ליכט.

דער קלאַנג פון צעשאָטענע קייטן
האָט האַסטיק מײַן האַרץ מיר צעוויגט;
איך וויל זײַן דער שטאַפּל פון לייטער,
אויף וועלכן ס׳וועט טרעטן דאָס גליק.

און זײַן בלויז דער וועכטער פון טויער
צו ווײַזן דורך וואַנען אַרײַן:
און ווען אויף פרימאָרגן וועט בלויען,
דו, זון, אויך אויף מיר זיך צעשײַן!

1931

מיר מוזן

מיר מוזן דעם אָפּגרונט באַבריקן,
דעם אָפּגרונט פון לעבן און טויט.
עס זאָל אויף אונדז אייביק ניט דריקן
דער שרעק, אַז מיט אונדז אַלץ
פאַרגייט!

דער קוואַל מיטן טייך ווערט פאַרבונדן,
דער טייך מיט דעם ים גיסט זיך אויף;
פאַרוואָס ווערט דער מענטש נאָר
פאַרשוואונדן,
און פליסט זיך מיט קיינעם צונויף?

אָ, גאָט, גיב אונדז ווילן און קרעפטן
מיט ליבע דערוואַרטן דעם טויט.
אין האַרצן זייביידן באַהעפטן,
און קיינמאָל ניט זיין אָפּגעשיידט. —

1916

דאָס לעבן

קאָנסט לעבן, לעבן לאַנג, און דאָך צום סוף ניט זיין
צום לעבן צוגעבונדן.
ביז וואַנען נעמסט אויף זיך זיין משא און זיין פּיין
מיט זיינע פרייד און וואונדן.

פאַראַן אַזאַ מינוט, ווען אַלץ ווערט אַזוי קלאָר,
אַלץ גיסט זיך אויף צוזאַמען:
דער לעבן און דער טויט — ווי חלום מיטן וואָר, —
ווי טייכן — מיט די ימען.

כ׳האָב אויסגעקליבן מיר זיין משא און זיין פּיין
מיט זיינע פרייד און וואונדן.
קאָנסט לעבן, לעבן לאַנג, און דאָך צום סוף ניט זיין
צום לעבן צוגעבונדן.

1915

אַ קינד

נאָך גאָר אַ קינד — האָב איך געטרוימט:
אַ העלד, אַ זיגער זיין!
די יוגנט האָט אין מיר געשוימט
ווי אויפגעברויזטער ווייַן.

ניט איינמאָל ווערט אַ טרוים
דערגרייכט, —
אין וואָר — זיי פיל געזען;
דאָך האָט עס ניט מיין האַרץ דערוויכט,
בין אומגליקלעך געווען!

כ׳פאַרשטיי אַזאַ געפיל שוין היינט:
ס׳איז מיאוס אַ העלד צו זיין!
באַטראַכטסטו דייך באַזיגטן פיינט —
ווערט גרעסער נאָך דיין פּיין!

1911

וואָס וועט זיין?

וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין, ווען די אַלטיטשקע צייט
וועט אַמאָל דאָך צום זיבעטן הימל דערגיין? —
און דער גאָט, וואָס מיר האָבן געררופן פון ווייט,
איז דאָרט קיינמאָל זיין רו נישט געווען, — זיין געביין!

ווי דער אַלטיטשקערס טראָט נאָר דערגרייכט יענעם אָרט,
גיט זיך עפּעס אַ ריס ווי אַ באַרגשפּיץ צו דרערד;
ס'הילכט דורך פייער און דונער אַ מוראדיק וואָרט:
— אייער גאָט האָט אין הימל אייך קיינמאָל געהערט! — —

און צעיאָמערן וועט זיך די אַלטיטשקע צייט,
דורך די דונערן וועט זיך צוקייקלען איר שרעק,
גאָר דאָס מענטשלעכע גלויבן וועט ליגן פאַרשפּייט,
און עס וועלן אין אומגליק זיך ציען די טעג!

אויפשטיין וועלן פון קבר די קדושים צערייצט,
מיט פאַרבראָכענע הענט צו דעם הימל צעשפּרייט:
— אונדזער בלוט צוליב דיר האָט אין שטראָמען געפּלייצט,
אויפן ליפּ מיט דיין נאָמען באַגעגנט דעם טויט! —

און די מענטשן אַרומלויפן וועלן אין גאַס
מיט די קריעה־צעריסענע קליידער אויף זיי;
נישט קיין געטלעכע ליבע און געטלעכער האַס,
קאָן זיי לינדערן איצט פון פאַרצווייפלטן וויי!

מיט אַ קללה אין אייגענעם האַרצן פאַרזייט
וועט אַרומגיין דער מענטש אויף דער וועלט אָן אַ זין;
ס'וועט זיין האַרץ מער נישט אָנפילן גלויביקע פרייד,
און זיין טאָג וועט פאַרוועלקן אין מיטן באַגין! — —

וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין, ווען די אַלטיטשקע צייט
וועט אַמאָל דאָך צום זיבעטן הימל דערגיין? — —
און דער גאָט, וואָס מיר האָבן גערופן פון ווייט,
איז דאָרט קיינמאָל זיין רו נישט געווען, — זיין געביין!

1915

ביים פרעמדן גאָרטן

כ'האָב פאַרקוקט זיך אין אַ פרעמדן
גאָרטן,
וואָס פאַר מיינעם שענער ניט געווען.
דאָך אַ רייץ אַזאַ צעשפּרייט איז
דאָרטן,
וואָס איז מיינעם האָב איך ניט געזען.

בין איך אפשר גלייך צו קליינע קינדער?
זיי פאַרלאַנגען וואָס עס איז נישטאָ. —
ס'לאַכט די וועלט: מען ליבט,
איז מען אַ בלינדער,
קלייבט מען אויס די דעמעריקע שעה.

איז אַ צאַם דאָך צווישן אונדז געלעגן,
צווישן מיר און גאָרטן־פרעמדן קינד,
וואָס האָט ווייטער נאָך געמאַכט די וועגן
צו די הערצער, וועלכע ליבן בלינד. —

דאָן פלעגט עמיץ זיך צו מיר באַווייזן,
האָב אין פּנים קיינמאָל אים געזען:
— קאָנסט דעם שווערן צאַם
אַריבערשפּרייזן,
ווערסט נישט זיין נאַר,
ווער דו ביסט געווען! —

ווער עס ליבט און האָט אַ האַרץ צום ליבן,
דער קאָן וויסן פון דעם גרויסן פּיין,
ווען מען איז פון זיך אַליין פאַרטריבן,
און מיט יענעם קאָן מען נאָענט ניט זיין!

און אַוועק בין איך פון פרעמדן גאָרטן,
כאָטש מיין האַרץ געוואָלט האָט
דאָרט אַריין;
כ'בין אַוועק אויף קיינמאָל קומען דאָרטן,
ווייל איך קאָן קיין אַנדערער ניט זיין!

1912

יודאַ

רעד נישט אַזוי שיין און קלינגענדיק, מיין ברודער,
שיינע ווערטער תמיד וואָס באַהאַלטן.
ס'האָבן זיך אין פלאַמעדיקן וואָרט פון יודאַ
געשפּילט מעפּיסטישע געשטאַלטן.

ס'וואָלט שוין יודאַ לאַנג געווען פאַרגעסן,
אָבער שפּילנדיקער וואָרט אַלץ וואָרנט. —
אונטער פראָסטיקן־שטאָלנשיין פון מעסער
ווערן אויסגעלאָשן יונגע יאָרן.

נישט קיין טרייסטונג, אַז געשיכטע צווייפלט:
יעזוס, יודאַ — אפשר אויסגעחלומט. —
ס'קאָן סיי־ווי אַ שיינער וואָרט פאַרקויפן,
און פאַר ווערטער מוזן דורות צאָלן.

1933

לאַנגווייל

נישט פון מידקייט היינט בין איך
פאַרמאַטערט,
נישט פון אַרבעט און וואַכיקע נעכט;
נאָר פון לאַנגווײלער רו אָן אַ פלאַטער,
מאָנאָטאָניק און קלעפּיק ווי פּעך.

ווי אַ שטייאיקער וואַסער אין נעפּל,
וואו דו קאָנסט זיך נישט שפּיגלען
אין אים; —
מײַנע אויגן זיך שליסן און קלעפּן,
ווי פון ערגעצן קלינגט אָפּ מײַן שטים.

אָט אָ באַלד וועל איך געבן אַ טרייסל
מײַן צעשויבערטן קאָפּ אַרום מיר,
און ס'וועט ווידער דאָס האַרץ מײַנס
אַ הייסע
זיך אַ צוק טאָן פון יעטווידן ריר.

און מײַן קול וועט זיך ווידער
צעקלינגען
מיט אַן עכאָ אין רוימיקער לופט,
זיך צעקלינגען אין שטאָלענע רינגען
מיט מײַן אייגענעם אָפּקלאַנג און רוף.

1928

ש נ י י

און דאָס שווײַגן האָט צעוואַקסן זיך אין דער הויך און אין דער טיף,
ווי געדיכטער רויך אַ זייל פון אַן אויליק פלאַם. —
וואָס קאָן שווערער זײַן, ווען מאָנענדיקער שווײַגן טריפט מיט גיפט,
און ווערטער האָבן שוין די לעצטע טרייסט פאַרזאַמט.

אין דער שווײַגנדיקער ווייך — דער קראַנקער טראָט ווי אין מאָך פאַרזינקט,
און אונטער דיר — דער קרעכץ פון ווייכן שטול פאַרשטומט;
אויפן פענצטער רוישט דער פאָרהאַנג, און דער ווינט מיט לויזע שויבן קלינגט,
נאָך שטאַרקער, שטאַרקער כאַפּסט דײַן האַרטע קני אַרום!

אויף מײַן ביינערדיקן פּנים — מײַן טאַטנס רויטע פאַרב נאָך שפּילט,
די לעצטע רויט אין מערב — ווען די זון פאַרגייט.
ס'איז די פאַרב מײַן פאַנצער, וואו כ'האַלט פון אַלעמען זיך אײַנגעהילט,
און איך פאַרפלאָנטער זיי מיט מײַנע פרעמדע רייד. —

ווי אַ תּפיסה־צאַם — דער שמאָלער צימער־רוים דײַן אויג פאַרהאַלט,
און ס'קלאַפּט אָן אים דײַן בליק, ווי דעם פאַרשפּאַרטנס פויסט;
נישט דערוואַרימען מיר און אויפלויכטן קאָן איצט אַן אײנציק שטראַל,
מײַן פרייד ליגט לאַנג שוין קאַלט, ווי ווײַסער שניי אַנטבלויזט.

1929

דער ליגן

בּרענג דעם טרייסטנדיקן ליגן,
האָב נישט מורא אים צוזאָגן.
ער קאָן קיינעם נישט באַטריגן,
אָפּטמאָל ברענגט ער פרייד צוטראָגן.

זע, די מאַמע, ווי זי צערטלט
אויף איר האַנט דעם קראַנקן קריפּל;
דיינע טרייסטנדיקע ווערטער
טרינקט זי דורשטיק פון די ליפּן.

ס'קינד איז בלאַס — זיין פאַרב
באַוואונדער,
הער נישט אויף זיין גוטסקייט לויבן,
מאַמעס האַרץ האָסט אָנגעצונדן,
מאַמעס האַרץ וועט פרום דיר גלויבן.

ריין, אָ, ריין מוז זיין דער גומען,
וואָס ברענגט לייטערונג דעם ליגן, —
ווערט דער זוימען צוגענומען,
ווערט פון דרערד נישט אויסגעשפּיגן.

היט זיך, נישט מיט שפּאָט פאַרשווערכן
ריינע, אויפגעבליטע פריידן.
ס'נעמט נקמה דאָס פאַרברעכן
אויסצולאַכן מאַמעס ליידן.

1933

צוועלף יאָר

כ'האָב געטראַכט און האָב געטאָן
אויף מיין אייגענעם באַראָט.
אויפגעבליצט האָט מיין שגעון,
און פאַרלאָקט מיין יונגן טראָט.

כ'בין אַוועק, אַוועק, אַוועק — — —
דאָרפיש שטויב נאָך זיך געלאָזט;
ליב געווען דער ערשטער שטעג
איינגעשניטן אין דעם גראָז.

קיינעמס וואָרט נישט אויסגעהערט,
(ליבע, ליבע, מאַמעס רייד; —)
און נישט קלאָר נאָך דער באַגער,
און פאַרפלאָנטערט דער באַשייד.

צוועלף יאָר! — און קליין געוויקס,
אַ געשריי אין האַרצן ברויזט;
ווי אַ הייסע קויל פון ביקס
האָט געריסן זיך אַרויס!

מאַמעס ווייַן האָט נאָכגעיאָגט,
טאַטעס בליק — דעם וועג פאַרשטעלט.
נאָר ס'האָט איינגעשפּאַרט געלאָקט
פרעמדער ריח, פרעמדע וועלט!

ווי אַ בויגן האָט מיין הויט
ביז צום פּלאַצן זיך פאַרשטייפט;
ס'לויפט מיין לייב דורך קאַלטער שרויט,
כ'האָב מיין אומעט צוגעפייפט.

וואָס דערוואַרט מיך אין פאָראויס?
וואָס זאָגט צו פאַר מיר די ווייט?
שוואַרצער רויך און באַן־גערויש
שטילע רואיקייט צעשניידט.

באַן כאַפּט צו מיך, און פאַרטראָגט
מיט אַ טעמפּן שטאָלן קלאַנג;
גאָרנישט, גאָרנישט צוגעזאָגט,
קיין איינאיינציקן פאַרלאַנג!

1931

דאָס קראַנקע קינד

אין די שלענגיקע, ענגיקע געסלעך,
פול מיט בייסיקע, כעסיקע רייד,
וואו דער טאָג ציט זיך מיד און דערעסלעך,
וואו די נאַכט קומט אַראָפּ ווי אַ פרייד.

וואו עס טרויערט פאַרמויערט אין ציגל
און אין שטיין דעם פאַרשעמטנס געוויין, —
וועט עס דאָרטן זיך וויגן אין וויגל,
דער וואָס דאַרף צו אונדז קומען צוגיין!

גאַנצע יאָרן פאַרשוואָרן פון וועמען,
וועט ער ליגן אַנטשוויגן אין וויג,
שטום און בלינד מיט פאַרבעלימטע ברעמען,
ווי פאַרגליווערטע מאַסע אַ שטיק.

טאַטע־מאַמע — פאַרפרעמדטע, פאַרקלעמטע,
פון דעם לעבן פאַרבייזטע און שטום.
אין דעם יאָך איינגעשפּאַנטע, פאַרשעמטע,
אויפן קינד קוקן קיינמאָל זיך אום!

און ער וועט צו געשפּעט יעדן דינען,
מענטשן וועלן פאַרשטעלן ס'געזיכט, —
ווי עס וואָלטן פאַרגיפטיקטע שפּינען
זיי באַפאַלן פון וואו אומגעריכט.

נאָר דאָס קינד, — וואָס פאַר זינד פון די מענטשן
ליגט און צערט איינגעשפּאַרט אין זיין פּיין, —
וועט מיט שטום־קראַנקע ליפּן זיי בענטשן,
זיי זאָל גרינגער און לינדערער זיין!

און אַ זינען געפינען וועט יעדער
אין דעם פּיין וואָס דאָס זיין האָט פאַרשאַפט;
דער צעמאָלענער אונטער די רעדער
ביז צום סוף וועט נאָך פּרוואוון זיין קראַפט!

ס'וועט דער גלויבן דערהויבן אונדז העכער —
ס'וועט זיין ליכטיק דורכזיכטיקער שיין
אויך אין איינזאַמען האַרץ פון פאַרברעכער
ווי אַ קינדערשער חלום אַריין!

1916

עלי און שמואל

און דו, מיין קינד, מיט קנאָפּן צענדליק פרילינגען,
ווי פון אַ זינדיקן — וואָס ווייכט דער שלאָף פון דיר. —
צי טרוימסטו איבער די בייטאָגע שפּילונגען,
צי עפּעס מער האַלט דיינע אויגן אָפענע? — —

צו פרי, צו פרי נאָך, אַז די נאַכט די יוניקע,
זאָל פון איר טיפן בלוי, צו דיר שוין לויערן!
וואָס ברענען אויף די אויגן דיינע זוניקע,
און סאַראַ רויש פאַרנעמען דיינע אויערן? — —

דאָס אַלטע מעשהלע פון קליינעם שמואלן,
צי לאָזט נישט רוען דיך אויף דעם געלעגער דיין? —
הערסט אויך דאָס פלאַטערן פון גאָטס נבואה־רייד,
נאָר דו אַליין האָסט מורא גאָט באַגעגענען?

אָט הערסטו אָנרופן אַ נאָמען עמיצנס,
דער קלאַנג צעדונערט זיך אין לייב אַנ׳אייגענער;
אַ בליץ צעשניידט די נאַכט אין רויטע פּעניצער,
און עלי׳ן זעסטו שטיין אַן איינגעבויגענעם — —

שלאָף איין, ניט שרעק זיך, קינד, מיין זונענליכטיקער,
ס׳קומט אומדערוואַרטערהייט, וואָס דאַרף אַנטפּלעקן זיך;
אַז ס׳וועט דיך אָנרירן דער פּיל־געזיכטיקער,
וועסט דעמאָלט וואָך שוין זיין, נישט דאַרפן וועקן זיך...

נאָר איך — וועל אין געדאַנקען אַ פאַרזונקענער,
אַ שלאָפלאָזער אויף מיין געלעגער וואַרפן זיך, —
פון עלי׳ס פּיין און וויטיק אַ פאַרטרונקענער,
וואָס וועט ווי גיפטיקע געטראַנקען סאַרפּענען...

1922

דאָס וואָרט

פאַרלאָרן די וואָג פון ווערטער, —
אַלץ רייד, און רייד, און רייד.
עס בליִען נישט מער די גערטנער
אָן מאַמעשער ליבע פאַרזייט.

די ווערטער, די אויסגערעדטע,
אין צווייפל אָדער פרייד;
זיי וועלן מאָנען שפּעטער
אַ זין און אַ באַשייד!

אַ וואָרט — ווי הייליקער נדר, —
אין קייטן דיך פאַרשמידט.
דו זעסט נישט ווי ער באַגלייט דיך,
און היט דיר דיינע טריט!

1931

לידער צו משה וואַרשע

1

די מוזיק פון הארצן,
ווי קאָן זיין ניט שיין?
און אַ האַרץ מוז האָבן
ווער עס וויל פאַרשטיין.

ס'שוועבן פאַר מיר טאָמיד
זיינע גוטע רייד,
טרייסטן, היילן, גלעטן,
ברענגען אַ באַשייד.

פאַר די רעטענישן
ווי די נעפּלען גרוי, —
און סע רירט ביז טרערן,
און סע ווערט גוט אַזוי!

2

איז געקומען גלייך ווי שטענדיק,
אַזאַ טרויעריקער — אַליין.
פייערדיק די אויגן בלענדן,
שוויינגנדיק געבליבן שטיין

אויף זיין אָרט דעם אָפּגעשטעלטן,
דעם באַליבטן — אָן אַ זייט;
ווי ביים לעבן, — פרעמדע וועלטן,
האָבן זיך אין בליק געווייט.

ס'וויט פון פנים קינדער גלויבן,
ווייך און גלעטנדיק ווי טרייסט.
פלוצלונג ריידן אָנגעהויבן,
ווי דער אמת שטיל און דרייסט! —

דער מיט מענטשן זיין צוזאַמען
איז אַ רעטעניש צי — זנות.
בלויז דער ים האָט נישט קיין צאַמען,
נאָר דער מענטש, — ער דאַרף, ער מוז!

ווי צו יענעם, וועמעס לעבן
ענדיקט גלייך זיך מיטן טויט.
לערנט מענטשן מיר פאַרגעבן,
צו פאַרגעבונג בין איך גרייט. —

און ווי פיינענדיק צו הערן
דעם וואָס לעבט — אַ טויטנס קול,
ווי דער קלאַנג פון האָגל שווערן,
אָדער פון פאַרראָסטן שטאָל.

1915

מיין בלאָנדער פריינט

איך האָב אַ לעבן־לאַנג אין שוואַרץ זיך פאָרגעשטעלט דעם טויט.
און שוואַרץ פלעגט שרעקן מיך — האָט מיך דער טויט געשראָקן;
ביינאַכט נאָך קייקלען זיך, ווי דונערס אויפן פעלד צעשפרייט,
די שוואַרצע לויה־טענער פון די קלויסטער־גלאָקן.

היינט שרעקט מיך מער קיין שוואַרץ — מיין האַרץ איז פינצטערער פון נאַכט, —
און ווי דער לויה־קלאַנג — מיין אייגן ליד באַגלייט מיך.
מיין פריינט, מיט בלאָנדע האָר, שטייט תמיד פאַר מיר וואַך,
מיט אויגן האַלב־פאַרגליווערטע ווי ביי אַ טויטן.

און קומען, קומט ער צו מיר אַלע ווייסע טעג צוגיין,
אַ שווייגיקער — נאָר ווערטער אויף די ליפּן שוועבן.
און רעדט ער — קלינגט פון ווייט אַזוי זיין קול, געלייטערט, ריין,
ווי ס'וואָלט אַ טויטער אויסדערציילט זיין אַלטן לעבן.

איצט שרעקט מיך מער קיין שוואַרץ... נאָר ווען איך זע אין פעלד, אַמאָל,
ווי העלע קאָרן־זאַנגען וויגן זיך אויף בייטן. —
דערשיינט פאַר מיר מיין חברס בלאָנדער קאָפּ, זיין שטילער קול,
די אויגן האַלב־פאַרגליווערטע, ווי ביי אַ טויטן.

1910

מזרח

אויף דעם מזרח קוק, ווען די זון פאַרגייט,
כאָטש אין מערב ווערט זי שטאַרבן;
וויל עס שפּיגלט דער מזרח אָפּ איר טויט,
דאָרטן גוססן די פאַרבן.

און דער מערב ווערט פאַרנאַכטיק, בלוי,
ער באַרואיקט זיך, ווערט ריינער;
ס'איז נישט שרעקלעך דאָך דער מת אַזוי,
ווי אַרום אים די באַוויינער!

1914

קינדער

איז נישט דאָס גרעסטע גליק
אַ קינד צו וואַקסן זען?
ווי פאַר דיין אויגן בליק
ווערט וואונדערלעכס געשען?

דו וויגסט דיין קינד, — פאַרוויגסט
אויך זיך אַליין אויף ס'ניי.
אַ טויב — ווי נח, — שיקסט
צום ערשטן מאָל דער פריי!

עס פעלט דיר אָטעם אויס,
און כוחות פאַר דער פרייד, —
דו הערסט ווי ס'שפּראָצט די רויז,
און ס'פורעמט זיך איר קווייט.

קינדס ערשטער טראָט קלינגט אָפּ
ווי וואונדערגאַנג פון ווייט,
דו ציטערסט אויף דעם גאָב,
דיין פרייד מיט וויטיק שרייט.

ווי באַרגמענטש, הערסט זיך איין,
ווען ס'ווערט זיין קוואַל דערוואַכט, —
זעסט אויפגלי פון דיין שיין,
הערסט עכאָ פון דיין שפּראַך.

1917

דאָס קינד

וואָס האָט אין העלן טאָג געטראָפן,
דאָס קאָן קיין זעאונג זיין; —
דאָס עופּל האַלט די אויגן אָפן,
אַרום — אַ בלינדער שיין.

זיין וויג פון זיך אַליין וויגט אום
זיך,
אָן רויש, אַהין, — צוריק.
אָט קוקט ער וואַכנדיק אַרום זיך —
אָט פאַלט אויף מיר זיין בליק!

עס איז זיין בליק פון שטראַלן,
קלערער,
אין רויטן זון פאַרגאַנג,
זיין מאָדנער פייער קאָן פאַרצערן,
אים אויסצוהאַלטן לאַנג.

עס האָט נאָך נישט קיין הונדערט זונען
דאָס עופעלע פאַרמאָגט,
האָט זיך פאַרבאָרגן וואָרט געשפּונען,
האָט אויף זיין ליפּ געטאָגט.

אָט האָט עס שוין אַרויסגעפּלאָפּלט,
צעשראָקן, — אומגעריכט. — — —
אַ קראַמף אַ הייליקער געצאַפּלט
אויף קינדערשן געזיכט.

דאָס וואָרט פאַר מיר איז
אומפאַרשטענדיק,
נישט מיר איז ער באַשערט;
זיין קלאַנג — וואָס הילכט מיר נאָך
באַשטענדיק,
איז נישט פון אָט דער ערד! — — —

1913

מאַמעס וויגן

צו אַ מאַמעס וויגן,
וואָס קאָן ענלעך זיין?
יענער ווייכער ניגן,
וועלכער שלעפּערט איין?

אַליע־לוליע, לוליע,
פייגעלע דו מיין!

טוליע זיך און טוליע,
דרעמל, קינד מיינס, איין! —

אַזוי זינגט זי איבער
טויזנט, טויזנט מאָל,
ביז דער שלאָף דער ליבער
קומט גלייך נאָך איר קול.

1917

קליין יינגעלע

אויף מיין ווייטיקדיקן שלייף
גיט מיט צערטלעניש אַ ווי, —
ס'לייגט ווייך הענטעלע אַרויף
מיין קליין יינגעלע אַזוי.

וויגן אום זיך מיינע האָר
פון די פינגערלעך־געיעג,
ווי פון ווינטל — ווייכער ראָר
ביי אַ טייכלס גרינעם ברעג.

און עס ברענט נישט מער מיין שלייף
אונטער יינגלס ווייכן גלעט,
וויקלט איין מיך ווי אַ רייף
אַרום גרינעם סנאָפּ טשערעט.

1916

צו דיינע דרייצן יאָר

איך ווייס ניט, מיין קינד, וואָס צו בעטן
פאַר דיר אין די שפּעטערע טעג,
ווען איינער אַליין וועסטו טרעטן
די טריט אין דיין ווייטפרעמדן וועג.

אין וואָסער געשטאַלט זאָל באַווייזן
אין לעבן צו דיר זיך דאָס גליק?
האָט ווער שוין געצייכנט די קרייזן
אַמאָל נאָך פאַר דיר אין דיין וויג? —

איז דאַמאָלסט אומזיסט שוין מיין בעטן,
ווען אַלץ איז פון פריער באַשטימט;
דאָך פּאָטער־פאַרלאַנג קאָן פאַרטרעטן
דעם צירקל געקרייזט אין דער קרים. —

דו זאָלסט זיך אַ ברודער באַטראַכטן
פון איטלעך באַשאַף אויף דער וועלט?
דו זאָלסט יעדן איינעם פאַראַכטן,
וואָס שטערט דיר צו בויען דיין צעלט?

דאָס ערשטע—וועט פליגלען דיר געבן
צו טראָגן דאָס לעבן אָן זינד;
דאָס צווייטע—וועט מאַכט אין דיר וועבן
צו הערשן אַ מאַכטיקער, — בלינד.

זאָג, דו, וועלכן וועג וועסטו קלייבן
ווען דו וועסט ביי שיידוועגן שטיין?
דעם וועג וואוהין אַלע זיך טרייבן, —
צי דאָרט וואו נאָר איינער קאָן גיין?

איך האָב דיר פון הילל געלערנט:
„טו קיינעם וואָס דיר נישט געפעלט!"
זאָל דאָס ווי אַ וואַנדערער־שטערן
דיך נאָכגיין און לייכטן דיר העל!

1927

ווינטער

מיר האָט זיך געחלומט היינט נאַכט
אַ ווייטער, אַ שניי־ווייסער רוים;
ווי גוט איז דעם מענטש, וואָס דערוואַכט
און זעט זיין באַהאַלטענעם טרוים!

עס ווייסט אויף מיין שויב זיך אַ
פעלד,
וואו ס׳וויגן זיך בוימער אַרום,
און ס׳יאָגט מיט אַ ווייך־ווייסער קעלט
פון יעטווידער פראָסטיקער בלום.

אין שניי־באַרג צום צווייטן פאַלט צו
אין שטילקייט אַזוי דרעמלען איין;
ווי גוט, און ווי ליב איז די רו
וואָס טונקט זיך אין העל־ווייסן שיין!

די זון צינדט זיך אָן אויף מיין שויב,
די לאַנדשאַפט ווערט ראָזיק צעגליט,
צו וועמען כ׳זאָל שיקן אַ לויב,
וואָס האָט מיינע שויבן צעבליט?

און ס׳בלענדט מיר די שנייאיקע וויט
וואָס ליגט פאַר מיין אויג
אויסגעשטרעקט.
דער הימל — געפרוירענער זייד,
די ערד — ווי אַ סוד ניט אַנטפּלעקט!

1916

דאָס פייער

עפּעס קלער איך אין דער שטיל,
אַז אַ ציל.

ס'שפּיצט מיין אויער שאַרף זיך אָן,
קומט ווער אָן?

כ'לאָז פריי בלאָנדזשען מיין געפיל,
וואו ער וויל.

אַטאַ כאַפּט מיך אָן אַ פריידּ,
און פאַרגייט.

ס'איז פאַרצויגן דיק מיין שויב
מיט אַ שטויב.

ס'איז אין גאַס איצט וואָס געשען, —
כ'קאָן נישט זען!

ס'ברעכט אַ פלאַקער לעם מיר אויס —
העליש גרויס!

ניט איך שריי, און ניט איך וויין,
נאָר איך שטוין.

ווי אַ קינד קוק איך זיך איין
אויף דעם שיין.

1915

אַליין

איך גיי אַליין אַרום אין צימער הין־צוריק, און טראַכט, —
איך טראַכט, און רעד צו זיך אַליין:
מיך האָט קיין זאַך צו שלעכטס נאָך קיינמאָל נישט געבראַכט,
נאָר פלאַמט עס אויף, — צי בלייב איך ריין?

איך וויס, איך טראָג אין דער מינוט קיין איין פאַרלאַנג,
אַז כ'זאָל דורך דעם אַ זינד באַגיין;
פאַרוואָס פאַרציען נעפּלען מיין געדאַנק,
און כ'קען נישט זאָגן: יאָ — צי ניין!

1914

מיין חבר

מיין חבר האָט צוויי שפּיגלען
אין צימער זיינעם שטיין.
אין איינעם בין איך טייוול,
אין צווייטן בין איך ריין.

ווען כ'קום צום חבר בלייב איך
צעמישט אין צימער שטיין;
איך טראַכט דורך וועלכן שפּיגל
ער קוקט אויף מיר אַליין.

1912

אַ שאָטן

אויפֿן האַרץ איז נישט באַנג, און נישט פֿריילעך,
ס׳מאַכט אַ ליבלעכער נאָגן נאָר מאַט;
כ׳זינג: „אַמאָל איז געווען אַ מלך,
האָט דער מלך אַ מלכּה געהאַט.״

איז די מלכּה פֿאַרכּישופֿט געוואָרן
פֿון איר אייגענעם צויבער און פּרכאַט — — —
וועבט אַליין זיך ביי מיר אין זכּרון,
כאַטש איך האָב שוין וואָס אַנדערש געטראַכט;

כ׳בויג זיך איין און רייס אויס אַ פּאָר בלומען,
גיב אַ וואָרף הינטער פּלייצע זיי גיך;
און כ׳דערמאָן מיך דעם מנהג דעם פֿרומען,
ווען מען וואַרפֿט הויפֿנס גראָז הינטער זיך.

עפּעס האָט אַזוי מאָדנע צעלאַכט מיר,
און איך פֿאַל אין אַ טרויער אַריין —
כ׳הער מען זאָגט: איך האָב פֿיין נאָר געבראַכט דיר,
דאָך פֿאַרלאַנג איך: מיט דיר לאָז מיך זיין!

כאַטש איך וויים, נישט צו מיר איז דאָס ריידן,
קער איך ריטעריש אום זיך און זאָג:
ס׳וועט אונדז קיינמאָל און קיינער צעשיידן,
ס׳וועט אַ ליכטיקער זיין אונדזער טאָג!

און אַ שאָטן טראָגט דורך אויף מיין וועג זיך,
ציט זיך אויס און בלייבט איינגעשפּאַרט שטיין:
קום אויף גיך, ווער איך בין, דאָס נישט פֿרעג מיך,
האָסט געזאָגט, און דו מוזט מיט מיר גיין!

1912

אַ מיידל

אין אַן אָרט, וואו ס׳צעשיידן זיך וועגן,
אומבאַקאַנטע פֿון וואו און פֿון וואַנען, —
איז אַ מיידל דאָרט קינדעריש־פֿאַרלעגן,
און אַן אומעטיק־שטילע געשטאַנען.

נאָר אויף וועלכן פון די אַלע וועגן
זאָל זי גיין און וואוהין וועט זי קומען? ———
איז ביי קיינעם געווען דאָרט צו פרעגן,
און זי האָט אויף איין וועג זיך פאַרנומען. —

נאָך צו פרי דאַן געווען פאַר שטערן,
נאָך די זון נישט אינגאַנצן פאַרגאַנגען, —
האָט לבנה אין הימל דעם לערן
שוין געלויכטן, איר שטיל נאָכגעגאַנגען.

איז זי איצט אויפן פעלד דעם באַשטראַלטן
מיט אַ זיכערער שטילקייט געטראָטן,
ס'וועט קיין שלעכטס איר אין וועג ניט פאַרהאַלטן,
ס'האָט דער הימל איר עלנט באַפּאָטערט.

1913

די בשורה פון גוטס

צו....

ווי אויף כוואַליעס געטראָגט, ווי דורך ווינטן געיאָגט,
אומגעוואָרט, אומגעגאַרט קומט די בשורה פון גוטס:
ס'גייט דער מענטש ווי אַ קינד, — דאַכט זיך, זוכנדיק בלינד,
ווען ער וואַרט נישט קיין הילף, ברענגט אים עמיצער שוץ!

גלייך אַזוי איז דיין וואָרט — אין פאַרוואָרפנסטן אָרט —
ווייט פאַרשטעלט פון דער וועלט אָנגעקומען צו מיר. —
אויף פאַרבאָרגענע רייד האָב געפונען באַשייד,
דאָס פאַרשלאָסענע האַרץ גיט זיך פלוצלונג אַ ריר.

זע, פון שלאָגיקן קוואַל, די ווייסשפּריציקע וואַל,
וואָס פאַרשווינדט און פאַררינט — איז פאַרטריבן מיט געוואַלד:
זע, דאָס בלעטל פון בוים, אָפּגעריסענער טרוים, —
אַזוי אומוויליק פאַלט, און דער פיין, ווען עס פאַלט!

וויפל שיידוועגן האָט — יעדער וועג מיט זיין סוד —
אויף צו גיין און פאַרגיין יעדער מענטש אויף זיין וועלט:
ס'איז פאַראַן אַזאַ בלום, וואָס אין יאָרן אַרום
אָפּגעריסן פון אָרט, ווערט עס קיינמאָל פאַרגעלט!

1913

אַ חלום

עס שרעקט מיך, ווי מאָדנע זי ליגט אויף איר בעטל,
די האָר אויפגעשויבערט, ווי גראָזן צעטראָטן, —
אויף ליפּן זיך לעשן געשרייען נאָך רעטונג,
אין צימער צעהילכט זיך דער רויש פון איר אָטעם!

און זע, ווי פאַרמאַכט אירע אויגן, פאַרשלאָסן!
ווי עמיץ אַ סוד וואָלט פון זיי וועלן שלעפּן;
די רונדיקע ברעמען — פאַרשאַרפטע ווי קאָסעס,
פאַרצווייפלונג צעאַקערט איר שטערן אין טרעפּן.

אַ פריש־ווייסער צלם איר גוף איז געלעגן,
פאַרחלשטע הענט אין דער ברייט אויסגעשטרעקטע!
אַ ליפּ אויף אַ ליפּ מיט די ציין איינגעזעגן,
געקרייציקטע גלידער אין אומרו גערעגט זיך;

אויף קינדערשע באַקן אַ רויטקייט צעגאָסן,
ווי ציַנישע רייד איר געהער וואָלט פאַרנומען;
אין מיידלשן נדר די גלידער פאַרשלאָסן, —
אַ שטעכיקע וואָנט פאַר דער זינדיקער טומאה!

אָט האָט איר מיין נייגעריק בליק אויפגעהייטערט,
פאַרוואונדערט געעפנט צעשראָקענע אויגן;
פון פיינלעכן חלום די גלידער באַפרייטע,
מיט צוטרויען האָבן צו מיר זיך געצויגן!

1910

צו איינער

תמיד בין איך צוגעבונדען,
תמיד — אָפּגעבונדן, פריי;
קומסטו — היילסטו אויס די וואונדן,
קומסט נישט — לייד איך סיוויסיי.

נאָר דיך רופן קאָן איך קיינמאָל,
כ׳צווינג דאָס האַרץ פאַרשוויגן שטיל;
ביזט אַליין געקומען איינמאָל,
ס׳פּנים — שרעק, און פאַרגעפיל!

האָסט געקוקט מיר אין די אויגן
מאָדנע טרויעריק און לאַנג,
כ׳האָב ווי טוי אַריינגעזויגן
דיין פאַרצווייפלטן געדאַנק.

קינד, הער אויף אַליין זיך פּייַנען, —
און פאַרטרייב פון זיך דיין שרעק;
ס׳וועט דיין ליבשאַפט אייביק שיינען,
צי דו קומסט, צי גייסט אַוועק.

1913

די שענסטע גאָב

פּאַראַן אַזאַ חיהלע ערגעץ,
אַן אָרעם באַשעפעניש, קליין, —
געבערט זי איר קינד, — פון יסורים
מוז שטאַרבן די מאַמע אַליין.

צי האָסטו געזען אַ פאַרליבטע,
דאָס קינד אין איר האַרץ נאָך
פאַרבאָרגט, —
פאַרטראַכט גייט זי אום, און צעשראָקן,
פאַרשלאָסן אין איינזאַמער זאָרג.

ס'פאַרשטייט זי נישט רעכט איר
געליבטער,
צי ער איז איר אומרו נישט ווערט;
די יונג־נישט־דערפאַרענע מוטער
טראָגט איינזיך דעם סוד פון דער ערד.

איר קינד וועט אַ לעבעדיקס קומען?
וועט איר עס באַשערט זיין צו זען? —
זי קוקט אין דעם אָפּגרונט פון
ברונעם,
דאָרט אייגענעם פּנים דערקענט.

פון פרייד האָט איר האַרץ זיך צעשלאָגן:
עס שפּיגלט דאָס וואַסער איר אָפּ! —
מיט ליבשאַפט וועט זי איצטער
טראָגן
דאָס שענסטע פון מענטשלעכער גאָב.

1916

ט ר י ט

מיר ווערן פרעמד און אָפּגעפרעמדטער,
אָ ליבע מיין, אָ ליבע מיין!
פאַר זיך און פרעמדע אַ פאַרשעמטער,
אַנטלויף איך אין דער גאַס אַריין.

די שטאָט, די מענטשן, די טראַם־
ווייען,
אויף טרעפּן שלעפּן זיי מיך אום;
זיי שרייען, שרייען, און פאַרשרייען
פאַרמישן מיך אין ווילדן ברום.

און די פּאָר דיר געהיטע ווערטער,
צעטייל איך אין מיין מידן גאַנג;
און ווי אַ גלאָק אַן אַלט צעשטערטער
פאַרנעם איך זייער וויטן קלאַנג.

און מיט די האַלב־פאַרשטומטע קלאַנגען
דערגליט, דערציט זיך אונדזער ליד;
איך טרייסט זיך: — ווער ס'איז
שווער געגאַנגען, —
וועט הערן רוישן זיינע טריט!

1922

נעכט...

די אויגוסט נעכט, ווי פיינענדיק, —
דאָס פרילינגספרייד און ווינטערוויי, —
די שטערן ציטעריק שיינענדיק,
פאַרשווינדן שטומע פון דער ריי.

אַ נעפּלדיק דעם רוים פאַרציט,
און ווייטער ווערט דאָס שטערנליכט;
עס הערן זיך צעמישטע טריט,
ווי ס'שטערט ווער־וועמען אומגעריכט.

דער ווינט אין גראָז ווייט שניידנדיק,
ווי צווישן פינגער פייפנדיק,
און עפּעס שעפּטשעט ליידנדיק,
ווי שרעק פאַראויס באַגרייפנדיק.

1914

אַמאָל

כ׳האָב אַמאָל אין פעלד צעשטאָכן זיך אָן בלומען,
ווייסע, ליכטיקע אַזוי.
ס׳האָט מיין האַרץ אַ שאַרפער וויטיק דורכגענומען,
ס׳שמעקט נאָך היינט, און ס׳טוט מיר ווי!

כ׳האָב אַמאָל ביים ים־ברעג שטיינדעלעך געקליבן,
און צעשניטן זיך אין גלאָז;
זיינען ראָזע פלעקן אויף דעם זאַמד פאַרבליבן,
און אין האַרץ — איז היינט נאָך ראָז!

איצטער זענט איר זיך צעפלויגן, קינדער יאָרן,
גלייך ווי פויגעלעך פון קעלט, —
כ׳זע איך אָונט שווימען אין אַ טייך אַ קלאָרן,
דורך אַ גרין צעבליטן פעלד.

1913

מוטערשאַפט

ביזט מיין מיידל, פרוי און קינד,
געטרייע מוטער, —
מיך מיט טויזנט פעדים בינדט
דיין בליק דער גוטער.

מיט דיר קוק איך דער געפאַר
גלייך אין די אויגן,
כ׳גיי מיין וועג דאָן איינגעשפּאַרט,
נישט אָפּצונויגן!

בלויז פאַר רגעס גרויסן פּיין
ווער איך פאַרלוירן,
ווען דו שטעלסט דיין לעבן איין
צו געבוירן!

1915

צו דיר...

1

ווייל כ׳רעד נישט אָפט, מיין ליב,
און שוויג פאַרטראַכטערהייט, —
אַנ׳אומעט דיך פאַרציט,
אַ שאָטן דיך באַגלייט.

ס׳איז נישט קיין פּיין־פאַרדראָס,
וואָס וואָלקנט מיין געשטאַלט,
ס׳איז ווי דעם דורשטיק גראָז
דער אָונט־טוי באַפאַלט.

2

וואָס כ׳האָב געזוכט אין וויַיט,
פון נאָענט, — אויסגעוויַיכט —
געוועזן איז ביי מיין זייט,
און איצטער מיך באַלייכט.

נאָר ס׳נעמט נקמה ניט,
וואָס כ׳האָב געזוכט אין פרעמד;
מיין וועג שטיל אָפּגעהיט
באַגלייטנדיק פאַרשעמט.

1917

אין לאַנד פון זינד

איך קום פון יענע ווייטע לענדער,
וואו ס'אָטעמט זינד אין יעדנס בליק,
וואו טרויער איז פאַר אונדז אַ פרעמדער,
און ליידן — רופן מיר אַן גליק.

די הימלען — שוואַרץ און שטרענגע
הענגען,
די טייכן — ווי מיט בלוט באַפאַרבט;
קיין ווידוי־קלאַנג — די ליפּן ברענגען
און קיינער וויינט ניט ווען מען שטאַרבט.

עס שאַלט נישט אויף דער רוים
מיט קלאַנגען,
ווען ס'גייט די זון אין פלאַמען אויף;
פאַר לבנה־שיין, אין שטיל געראַנגל,
לאָזט יעדער לייטערן זיין גוף.

צום מולד ווערן פול די שוועלן, —
מען וואַרט מיט פרייד די לבנה אָפּ;
ביז וואַנען ס'קומט דער רויטער
טעלער,
ווי דער — מיט יוחננס טויטן קאָפּ.

לבנה־שיין נעמט דורך די גלידער,
פאַר אונדז איז הייליקער די נאַכט! —
נישט אומריין איז דער בן־הנידה,
וואָס הייסע זינד האָט אים גע־
בראַכט.

1910

אַ גולם

דער הימל — אַזוי ווי אַ נעפּל
פאַרנאַכט, ביי אַ שווייגיקן ים,
די וואָלקן — ווי נידעריקע טרעפּן
פון פינצטערע כמאַרעס אַ צאַם!

דיר ווערט אַזוי ענג, אַזוי פינצטער,
די וועלט, — אַזאַ גרויע און קליין;
אויף וועלכן נאָר וועג דו געפינסט זיך —
איז ווייניק געבליבן צו גיין.

די ווינטן — פאַרוואונדיקטע פייגל,
אַ יאָג — און זיי פאַלן צוריק.
דער רוים הענגט אַריבער די אויגן,
אַז ס'שלאָגט זיך אין אים אָפּ דער
בליק.

אַ טויבקייט אין לופט אויסגעגאָסן,
אַ גרויע און שווערע ווי בליי;
און ווילסטו נישט זיין אָפּגעשלאָסן,
איז ווי צו די טויבע הויך שריי!

ניט מענטש־קול, און פויגל־קלאַנג
האָט נאָך
אַ הילכטאָן, אַ וועקטאָן געפּרופט;
נאָר זשאַבעס אין זומפּיקע בלאָטעס
צעלאָזן זיך הויך אין דער לופט!

וואָס וועט אַזאַ טאָג מיט אונדז טיילן
אין גרויער און אָרעמער וועלט? — —
צי ווערט אַן אומגליקלעכער גולם
געבוירן איצט וואו אויפן פעלד?

1911

דאָס מיידל־גליק

האָסט פרעמד אויף מיר אַ בליק געטאָן דאָס ערשטע מאָל,
האָב איך שוין באַלד פון דיר געקלערט;
האָסט נאָר אַ רוף געטאָן מיר מיט דיין רויען קול,
האָב איך שוין באַלד צו דיר געהערט!

נאָר לאַנג האָב איך צושטרייטערהייד פון דיר געטראַכט,
מיר האָט געשראָקן אומבאַוואוסט;
איך האָב געמוזט די אויגן האַלטן צוגעמאַכט,
ווען דו האָסט פיינלעך מיך געקושט.

איך טראַכט: עס שטייט אין מיטן פעלד אַן אַלטער בוים,
פון אים — אַ יונגער שפּראָצט אַרויס;
פאַרחלומט יונגע בוימל זיך אַן אייגן טרוים,
ביז ס'רייסט עס ווער פון וואָרצל אויס! — — —

איז נישט אַן ענלעכער דאָס שרעקיק מיידל־גליק
וואָס ווייסט דאָך אויך נישט פון איר סוף,
ווען ס'וועט איר צייכענען דעם אומבאַקאַנטנס בליק,
צעשטערן איר דעם מיידל־שלאָף!

און קומען מוז ער דאָך, און זי וועט מוזן גיין,
כאָטש ווייט און אומבאַקאַנט דער וועג; — — —
איך בין געגאַנגען מיט געלעכטער און געוויין,
פאַרלאָזנדיק די מיידל־טעג!

1913

זיין חבר

ער האָט דערציילט איר נאָר פון אים,
זיין וייטן חבר, ערגעץ־וואו;
און זי — שטיל קוקט פאַרקלערט
וואוהין —
זי הערט זיך צו זיין רייד נישט צו.

נאָר וואָס אַ טאָג אַלץ גייט אַוועק,
אַלץ בלאַסער ווערט זי, און פאַרטראַכט;
זי שרעקט זיך, ווען ס'איז נישט
קיין שרעק,
זי וויינט און ציטערט אויף ביינאַכט.

און ער — נאָך אַלץ פון אים דערציילט,
פון אים, זיין חבר ערגעץ־וואו;
אַ נייער סוד האָט איר פאַרהיילט,
זי האָט ביי־טאָג און נאַכט קיין רו! —

1919

טונקלקייט

עס שאַרט די טונקלקייט זיך שטיל ביי יענעם זייט פון לאָדן,
און אין די הויכע ווינקלען פון דיין צימער פינצטער ווערט;
צו וואָס לאָזטו אַראָפּ די פאַרהענגלעך פון פענצטער,
וואָס איז דיין בליק געוואָרן אַזוי, אומעטיק, פאַרקלערט? —

אַ טאָג אַ ליכטיקער נאָך איינער האָלט אין מיטן שטאַרבן,
אויף דיינע ליפּן אָטעמט ער זיין לעצטן ווידוי אויס;
צו וואָס נאָך אַזאַ קינד אַ יונגס זאָל טויטע שוין באַגלייטן,
און קברים זאָלן אָנפילן און אָפּטויטן דיין הויז?

אַזוי — רייס מיט אַ שמייכל אָפּ דעם טויט פון דיינע ליפּן,
און גלייך דיר מיט געלעכטער אויס די קנייטשן פון געזיכט;
און פּשיבישעווסקיס קלוגן בוך פאַרוואַרף פון דיינע אויגן,
ס'מאַכט שכל אַלט אַ מענטשן און פאַרלעשט זיין יוגנטליכט!

1912

רעד צו מיר יידיש

רעד צו מיר יידיש, דעם אויפריכטיק־פּראָסטן,
רעד מיר די שפּראַך פון'ם פלאַפּלענדיק קינד;
ס'ליגט אַזאַ חן דאָך אין נאָענט־פאַרלאָזטן, —
ס'צערטלט און וואַרימט, זאָגט צו, און פאַרבינדט!

ס'האָט שוין דערעסן דער אייביקער קאַלטער,
פוסטער און קלינגענדיק וואָרט פון דער פרעמד,
ווי אין אַ זון־טאָג אַ האָגל צעפאַלט ער
מאַכטלאָז אין סטעפּ פון די טרוקענע זעמד.

כאָטש מיר פאַרמאָגן קיין לאַנד נישט קיין אייגן,
ס'האָט דאָרט מיין שפּראַך ווי מיין פעלד נישט געבליט, —
כ'האָב פון מיין מאַמען זי טיף איינגעזויגן,
ס'האָט מיר איר טרער יעדן אות אויסגעבריט.

ס'הילכט אַ נשמה אין וואָרט, ווי ביי מענטשן,
ס'ווערט וואָס געבוירן פון איטלעכן קלאַנג;
כ'פּיל נאָך די ליפּן מיין מאַמעס מיך בענטשן,
בענטשן אויף יידיש, וואָס קלינגט ווי געזאַנג.

1916

מיין פעלד

און וואו נאָר איך קער זיך — גרייט שטייען די תבואות צום שניידן,
די קערנער — פון רייכקייט און שפע די זאַנג־העמדלעך שפּאַלטן;
און באַלד וועלן שניטערקעס קומען, זיך אין לידער צעקליינגען,
אין הערבסטיקע טעג וועלן זייערע קלאַנגען אין לופט זיך נאָך האַלטן!

און וואו נאָר איך קער זיך — שטיל ווינקען צו מיר פון דיביימער
די קאַרשן, אַזוי ווי די שניטערקעס בליאיקע אויגן.
און ס׳ווינקען אַראָפּ פון די ביימער די רויטקייט פון עפּל,
ווי מיידלשע באַקן מיט קינדערשן טוי נאָך פאַרצויגן.

און בחורים יונגע — מיט אויגן פון זומער צעפלאַמטע,
ווילד לויפן אין פעלד אום, און גיריקע רייסן די פרוכט אויף די צווייגן.
און ס׳רייסן די קינדער אָן ווערבעס אויף פּאַסטוכשע פייפלעך —
זיי וועקן אין פעלד אויף דאָס אַלטע, פון ווינטער פאַרשלאָפענעם שווייגן!

נאָר איך האָב מיין פעלד נישט פאַרזייט נאָך, און ס׳קוועלט דאָרט אַן עלנט,
ווי עגונה ווען ס׳האָט נאָך דער מאַן נישט קיין קינדער געלאָזן;
אין זומער־נעכט העלע, גייט איינזאַם דאָס פעלד אויס אין וואַרטן,
ווי קאָפּ אין צעלאָזענע האָר זינקט עס טיף אין די גראָזן.

אויף שפּיציקלעך פינגער ביינאַכט, קום איך שפּעט צו מיין שטיבל,
גיב פריער אַ קוק אין דעם שויב... גיי אַריין און וואַרט אָפּ, ביז ס׳נעמט טאָגן, —
אַ פרוכטבוים וועלקט ביים פענצטער, איך האָב נישט פאַרהיט אים אין ווינטער —
און ווי אַן עקרה טוט שטיל איצט דער בוים אויף מיר קלאָגן!

1910

מיין עלטער

עס שרעקט מיך דאָס האַרץ: עס קאָן עמיץ אין וועג זי פאַרהאַלטן,
צי אפשר — דעם טאָג וועט אַ נעפּל אַ גרויער פאַרציען;
און ס׳וועלן אין נעפּל זיך אומדרייען ווילדע געשטאַלטן,
וואָס וועלן מיט גליאיקע אויגן זי ערגעץ־וואו ציען.

און לאַנג קאָן נאָך נעמען, ביז וואַנען ס׳וועט לויטערער ווערן,
ביז זי וועט דעם ריכטיקן וועג צו מיין שטיבל געפינען.
איך קאָן נאָך ביז דעמאָלט די טריט פון מיין עלטער דערהערן,
דער טויט וועט דעם גרוי־שוואַרצן קלייד אויף מיר אָנהויבן שפּינען.

און איך וועל זיך זיצן אַליין און נאָך קיין זאַך נישט בענקען,
אַ ווייסער איינגאַנצן, מיט קנייטשן צעאַקערט דעם שטערן.
און אפשר — ווערט אירן אַ וואָרט נאָך מיין האַרץ שטיל געדענקען —
נאָר כ׳וועל פון איר קומען־צוריק שוין מער קיינמאָל ניט קלערן.

און פּלוצלונג — אָט קומט זי, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געטראָפן,
דער פּנים נאָך ייִנגער מיט קינדיש־צעשראָקענע אויגן.
אַזוי ווי זי וואָלט דורך חלומות אַ נאַכט נישט דערשלאָפן,
און ס׳וואָלט בלויז אַן אומעט אַ לייכטער איר פּנים פאַרצויגן.

און — „זיידעניו," פרעגט זי צעטומלט: — מיין חתן ווען ט׳קומען? —
צי איז ער אין ערגעץ אויף לאַנג פון שטוב אַוועקגעגאַנגען? — —
דאָ האָט ער אין צימער מיך תמיד צו גאַסט צוגענומען,
אָט זיינען נאָך דאָ אויף די ווענט מיינע בילדער צעהאַנגען!" —

און איינשרומפּן וועל איך פאַר שרעק, ווערן קלענער, אַלץ קלענער...
— ער איז וואו פאַרשוואונדן! — וועל איך איר אַן ווערטער קוים זאָגן.
איך וועל זיך פאַרקוקן, זי זאָל נישט דערקאָנען: כ׳בין יענער —
און איינהאַלטן וועל איך זיך שטאַרק, כ׳זאָל ניט אָנהויבן קלאָגן!

1910

בלוי

ביינאַכט איז דאָס געווען. אין דרויסן אומעטיק און לער.
און אפשר איז דאָרט יאָ געשטאַנען וואו באַהאַלטן ווער, —
ווער ווייס? — און ס׳שרעקט דאָס האַרץ זיך עס צו וויסן...
נאָר ס׳האָט אַ שטים צעצויגן אין דער לופט זיך שווער געגאָסן,
און האָט געקלאַפּט אין רוים ווי רעגן־טראָפּנס אויף אַ בלעכן דאַך;
ס׳האָט יעדער קלאַנג — אַ שטערן אין הימל אויסגעריסן,
די פייערלעך פון יעדן פענצטער אויסגעלאָשן,
האָט אָפּגעשטעלט פון ווייט וואו נאָר אַ קינדיש לאַך,
און האָט אַ מאָדנע פינצטערניש מיט יעדן טאָן צעגאָסן.
דערנאָך — האָב איך שוין אים אַליין דערזען;
און אפשר האָט זיך מיר דאָס אויסגעדאַכט: —
געווען איז דעמאָלט שוין נישט מער קיין נאַכט,
און ניט קיין טאָג... איך האָב אַזאַ קאָליר געזען
ביי משוגעים אין די אויגן!
פון בלוי האָט ער געגלעדט,
נאָר בלוי איז נישט געווען די פאַרב... צו שווער זי אויסצומאָלן! —

און זיינע ווערטער האָבן זיך געצויגן
ציטערדיק ווי אַ געבעט,
אין לופט זיך איינגעהאַלטן, ווי די פייגל־קלאַנגען האַלטן זיך אין טאָלן, —
און אַזוי האָט ער גערעדט און אפשר נישט אַזוי:
— „די אויגן בלוי, די קליידער בלוי,
ס׳גייט אומעטום מיר נאָך אַ בלויע פרוי.
וואו ביזטו? פאַרוואָס ווייזט זיך ניט?
איך הער דאָך דיינע טריט!
ביזט ערגעץ דאָ, נאָר שווייגסט וואו אין די גראָזן,
דו האָסט מיר פון דיין ליבשאַפט ניט געזאָגט,
און איך האָב אַלץ דיין אָנבליק נאָכגעיאָגט,
געמיינט דו האָסט מיך שוין פאַרלאָזן. — —
דיך שרעקט? — ווען כ׳רעד פון דיר, פאַרשווינדט מיין משוגעת,
און ווען זיי רופן מיך משוגע, — בין איך ביים פאַרשטאַנד!
אָט זע איך בולט דיין געזיכט, ווי ציטערדיק און בלאַס,
איך האָב דערפילט דעם אָנריר פון דיין האַנט!" — — —

און פלוצלונג — אומגעביטן האָט זיך זיין געזיכט,
אין זיינע טיף־פאַרגראָבטע אויגן האָט צעפלאַקערט זיך אַ פרעמדע ליכט,
אַזאַ — ווי דער קאָליר אַרום.
די באַקן — ביינערדיקע, הויכע, שטייען אָפּ,
אַ מערדערשער געדאַנק בייז לויערט אויף זיי אום.
די בליקן ווענדט ער אויף אַראָפּ,
און רעדט און רעדט וואָס אין דער שטום.
אָט האָט ער ווילד צעלאַכט זיך מיט אַמאָל, —
נאָר קיינער געהערט האָט זיין קול!

1910

טשילע*

דערפֿאַרונגען און עפּיזאָדן
הענגען נאָך פֿריש אויף די צווייגן פֿון מיין זכרון; —
ווי אַ צייטיקער בוים אויף אַ זאַפּטיקן באָדן
דערוואַרט איך דעם האַרבסט
אויפֿן פֿעלד פֿון מיינע פֿאַרגאַנגענע יאָרן.
איך וועל דיך ניט באַריידן
פֿאַלק דו טשילענער!
אויב עס זינדיקן דיינע מיידן,
איז אויך דאָס זינד פֿון דיינע יונגען ניט קלענער. —
עס איז פֿון דער זון אויף די שנייאיקע קאָרדילערן
נאָך אַ וואַרעמקייט אַ ליכטיקע פֿאַרבליבן.
עס גליט אין דיין אונטערערדס איינגעווייד
די ברומענדיקע שטים פֿון פֿאַרצערונג,
וואָס נעסט זיך זינט דורות פֿאַרטריבן. —
דעריבער איז באַנג מיר אַזוי צו הערן
ווי דער ערדס, —
אויף דעם מענטשנס ספּאַזמאַטישן רעדן; — — —
דו גיסט פֿון שלאָף זיך אַ צאַפּל און צי: Si!
— — — — — — — — — — —
אַזוי אָפּגעהאַקט גיך,
ווי פֿאַרשלונגען אין זיך,
דערשראָקן און קורץ, —
ווי אַ שלוכץ!

1924

די מולע

אַזוי ווי די פֿאַרע פֿון נאַר־וואָס פֿאַרגאָסענעם בלוט,
אַזוי ווי די אויגן דעם מערדערס — רעציכיש און ברוט —

ברענט אויף די פֿעלדער דער זונס לעצטע פֿונקען צעשפּרייט,
צינדן דעם טוי און די טייכן מיט קרענקלעכן רויט!

און ס'שרייט אין די שטאַלן דערשראָקן און הילפֿסלאָז דער שאָף,
די פֿערד בויגן טרויעריק די קעפּ ווי פֿאַר שטראָף,

* די מערסטע טשילער איינוואוינער זאָגן אַרויס דאָס וואָרט סי — וואָס באַדייט יאָ — כמעט ספּאַזמאַטיש. דאָס איז זייער אַן אייגנטימלעכער שטריך ביי די טשילענער, ווען זיי האַלטן אין לויף פֿון געשפּרעך.

פיינלעך — ווי פאַרן געבורט קלאָגט די מולע אין פעלד,
וועט זי געבוירן — מוז חרוב דאָך ווערן די וועלט! *

פאַרוואָס איז דער גאַנג פון דעם לעבן — אַ פינצטערע הייל? —
ווי מענטשן — די חיות אויך ווערן ביים לעבן פאַרטיילט;

עקרת־געוויין שטילט דער עלנטער מולעס באַגער, —
איר דור מוז זי ברענגען דורך אייזל און פערד.

עס פלאַטערט דאָס האַרץ ווי אַ שרעקעדיק קינד, און עס ליידט,
עס פילט וואָס דאָס בייטנדיק פאַרב פון די גראָזן באַדייט, —

דו פאַלקסמענטש, נאָר דו ביזט דאָס האַרץ און דער נביא אויף דר'ערד,
נאָר דו ווייסט די צייכנס ווען גוטס און ווען שלעכטס איז באַשערט!

1914

זיין שאָטן

אויפן שטערן די האַנט
פון דער זון צוגעדעקט;
און זיין נאַקעטער גוף
ווי צום שפרונג אויסגעשטרעקט.

זיינע אויגן — אין רוים
לוגן גאַנצענע טעג,
און זיין בלאַנדזשנדיק בליק
מעסט די ליכטיקע שטרעק.

זיך אַ שליידער געטאָן
מיטאַמאָל אויף דער ערד:
צי קומט אימיצער אָן? —
פאָרשט זיין אויער און הערט...

שטעלט ער ווידער זיך אויף,
און ווי פריער ער לוגט;
גלייך אַ הירש פאַרן לויף —
קוקט ער קינדיש און קוקט.

דער גערויש פונם ווינט,
און דאָס שאָרכן פון גראָז,
שאַרף דעם בליק זיינעם צינדט,
רייצט די פליגלען פון נאָז...

וואַרט ער אימיצן אָפּ,
צי פון וועמען אַנטרינט?
קאָן פאַרמאָגן אַ פיינט,
ווער ס'איז ריין ווי אַ קינד?

טאָ וואָס פאָרשט ער און פאָרשט
די דורכזיכטיקע ווייט?
און אין בליצן די לופט
מיט זיין פייפן צעשניידט?...

כ'ווייס דעם מאַן, וואָס ער זוכט, —
אייביק וואַכט נעבן אים;
האָט ער נאָך נישט געהערט
דעם געקלאַנג פון זיין שטים...

ס'איז זיין שווייגיקער פיינט,
וואָס אים אייביק באַגלייט;
וויל אים גרייכן זיין האַנט, —
איז ווי וואָלקן צעגייט...

* ווי באַוואוסט, ווערן געבאָרן די אייזלען דורך אַ בורדא און פערד. דעריבער גייט אין טשילע אַ שפּרוך: ווען אַן אייזל וועט שוין אַליין געבאָרן, וועט דאַן קומען משיח!...

מיר, די קליגערע לייט,
פון דעם קליגערן לאַנד,
רופן „שאָטן" דעם מענטש,
וואָס אונדז היט נאָכאַנאַנד.

אָבער אים, וואָס איז נאָך
פון זיין שטאָם נישט אַוועק, —
איז דער שאָטן אַ מענטש
מיט אומענדלעכן שרעק...

ווען ער פילט אים נישט נאָנט,
ברענט זיין אומרו נאָך מער;
און ס'צערייסט אים דאָס האַרץ
אומדערפילטער באַגער...

און צי וועט ער פאַרשטיין
כאָטש אין יענער מינוט — — —
דאָס זיין פייל, וואָס ער צילט,
דאַרשט זיין אייגענע בלוט?...

ניו־יאָרק, 1922

אויגוסט

דער פרילינג קומט אָן, און דער ווינטער פאַרגייט,
זיי ביידע אין וועג זיך באַגעגענען;
אַ ווינטעלע בלאָזט, און אַ גרויסער ווינט ווייט,
פון זוניקן הימל נעמט רעגענען.

די ביימער, די גראָזן, די בלומען אַזוי —
האַלב טויט און אַ האַלב איז אין בליען;
אין לייכטן, דורכזיכטיקן הימלישן בלוי,
נאָך יאָגן זיך שניי־ווייסע קריעס.

אַזוי איז דאָס פּנים פון שטיפיקן קינד,
וואָס לאַכט און צעוויינט זיך צוזאַמען;
אַ טרער אויף דאָס לאַכיקע בעקעלע רינט,
ווען ס'צערטלט זיך קינדיש פאַר מאַמען.

1914

מאָרגן

ס'וועט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג,
אַ פייער־טאָג, און פאַרבנרייך!
דאָס זאָגט מיר אָן דער ווינטל־יאָג,
האַלב־טרוקענער וואָס קומט פון טייך.

די שאַרפע לופט — דורכזיכטיקע,
די זון — אַ דרייסטע שטאַרבנדיק,
אַ ברענענדיקע, ליכטיקע,
די בוימער־שפּיצן פאַרבנדיק.

דאָס זאָגט מיר אָן דער העלער רויש
פון מורמלענדיקן וואַסער־לויף,
וואָס קומט פון די געבערג אַרויס,
און גיסט זיך אין דעם טייך צונויף!

דער בלאָס — פאַרשפּעטיקט שטערן־שפּיל,
וואָס וואַגט נאָך נישט צו ווייזן זיך;
דער צווישן־קוסטעס שיין אין ליל, —
ווי זון, וואָס גיסט אויף אייזן זיך.

דער וואַלד, וואָס דרעמלט וואַכיק איין,
פאַרצויבערט פון אַ ווייט געזאַנג — — —
דאָס זאָגט מיר: ס'וועט דער מאָרגן זיין
אַ שיינער, — ווי מיין האַרץ־פאַרלאַנג!

1914

שניט צייט

אַ שניט־צייט־טאָג, פול אַרבעט און גערויש
קלינגט אָפּ אין ווייטער שטרעק,
ציט צו די דורכגייער פון וועג, —
און אַלע הייזער ליידיקן זיך אויס, —
פון קליין ביז גרויס
איז אויפן פעלד פאַרנומען.
ווער ס׳האָט פאַרזייט איז שניידן איצט געקומען.

מיט קינדערישער זאָרג און פרייד
שטייט יעדער ביי זיין בייט,
דער — שניידט, דער — בינדט,
דער וואַרפט גלייך אויף די וועגן
אין שייערן צו פירן,
ווייל אָט דער קרומער דרום־ווינט,
ער וויזט אויף רעגן —
און דאָס פאַרהאָרעוועט פאַרמעגן
קען אין איין רגע זיך פאַרלירן.

עס ליגן פייערן צעלייגט,
און קעגן זון זעט בלויז זיך רויך,
דאָס פייער — אין דעם אַש באַהאַלטן,
וואַרעמענדיק אַ טאָפּ אַן אַלטן,
שפּייז פאַר דעם געזינד;
קאַרטאָפל נאָר־וואָס אָנגעגראָבן,
ניט געשאָבן,
אין וואַסער איינגעווייקט
און אָפּגעהיט פון אַ קליין קינד,
ווייל ס׳שטייט די מוטער אויך
גלייך מיט די מאַנסבילן פאַריאָגט,
פון פרי — ווי ס׳האָט נאָר־וואָס געטאָגט. —
נאָר באַלד וועט ס׳אָרעמע געריכט, שלעכט צוגעגרייט,
פאַרשלונגען ווערן אין דער מיטיק־שעה מיט פרייד,
פרום איבערקרייצנדיק זיך שטיל,
און מורמלענדיק אַ תפילה מיט געפיל.

1915

אַלאַסאַן *

1

אַלאַסאַן, אַלאַסאַן,
מיט דער גריווע פון לייב! —
ס'זינגט און קלינגט דיין געשפּאַן,
ווען דיין קאָפּ גיסט אַ הייב!

טראָגסט און יאָגסט אַזוי פלינק,
מיט דיין ריזיקער גרויס,
און די ערד רירסט אָן גרינג
מיט די קלאָאייזנס הייס.

זע, ווי זיכער איך זיץ
אויף דיין רונדיקן גוף
און דיין אויג גיט אַ בליץ,
ווען איך גיב דיך אַ רוף.

כ'האָב דיך ליב, ווען אין לויף
גריבער קונציק מיידסט אויס,
שטעלסט די אויערן אויף
פון אַ פלוצלונגן רויש.

האָלץ פאַרברענטע אַ שטיק
גיט אַ שוואַרץ זיך אין וועג...
און דו שפּרינגסט אָפּ צוריק,
ווי אין קינדערשן שרעק.

דעמאָלט ווערט דיין גאַלאָפּ
אַזוי ברויזיק און גוט,
שטאָלצער הייבסטו דיין קאָפּ,
דורך דיין פעל לייכט דיין בלוט!

און אַ זילבערנער שוים
דיינע דיכן באַציט;
רייסט דעם שלאָס פון דיין צוים
צו דעם קלאַנג פון די טריט.

2

דו ביסט געווען גערעכט, מיין פערד! —
דער גרויסער שוטה וואָס איך בין;
צוויי מאָל האָסטו זיך אומגעקערט,
נאָר מיך — געצויגן האָט אַהין.

דו האָסט זיך ביזן סוף געמיט,
אין וועג צוויי מאָל זיך
אויסגעגליטשט. —
איך האָב געמיינט, ביסט שלעכט
געשמידט,
צי נעכטן — אויסגעשפּאַנט פאַרשוויצט.

נאָר כ'האָב דאַן מיט מיין שפּאָרנדרוק
אין ביידע פּיס דיך איינגעקלעמט;
געגעבן האָסט אַ מאָדנעם צוק,
וואָס איז אין אָיר געווען מיר
פרעמד.

דו האָסט אַ יאָג געטאָן זיך שנעל —
דערזען אין וועג דריי פרעמדע
שטיין,
דיין אומרו רופט מיך דורך דיין
פעל,
צוריק — געווען שוין שפּעט צו גיין!

זיי האָבן אונז אַרומגעקרייזט,
ווי מענטשנפרעסער אין דער וויסט.
און איינער — אונדז אַ מעסער ווייזט,
אַ צווייטער — אין דער לופטן שיסט.

דו ביסט געפעלן זיי געווען,
דיין זאָטל האָט זיי אויך געלאָקט;
און איך — האָב רייך זיי אויסגעזען,
אַ גוטן רויב זיי צוגעזאָגט.

* אַ גאָלד־ברוינער פערד, קאַשטאַן קאָליר.

זיך ראַנגלען איז געווען אומזיסט,
כאָטש ס'האָט געטרייסט מיר מיין
געוואר;
אַ בלינדער צופאַל, אַ סורפּריז —
האָט אָנגעצונדן מיין געהער!

אָ, כ'קאָן די טשיליער רויבער גוט,
האָב איבעראַשן זיי געמוזט!
איך דאַרף אײנאײנציקע מינוט —
און איך צעקנאַק דעם שווערן נוס! —

און דו, מיין פערד, האָסט באַלד
דערפילט
מיין שפּאָרנדרוק ביז ווייטיק גרויס;
האָסט זיך אַרויסגעריסן ווילד
פון זייער קלעם — צום פעלד אַרויס!

אַ שאָס האָט זיך אין לופט דערהערט,
און אויסגעשריי מיט ווילדן קול: —
— אָ, טויזנט טייוולען פון דער ערד!
— דו וועסט אַריינפאַלן אַמאָל! —

האָסט, שווימענדיק ווי גרינגער האָז,
די בערגלעך היפּענדיק אין פעלד —
געבאָדן זיך אין הויכן גראָז,
קיין צאַם האָט דיך נישט אָפּגעשטעלט!

די נאָזלעכער צעעפנט ברייט,
האָסט ניסנדיק מיט שוים געשפּריצט
דיין גריווע ווי אַ פלאַקער רויט,
די אויערן — שאַרף אָנגעשפּיצט.

דיין קאָפּ געשליידערט הין און הער,
ס'האָט דיין געשפּאַן אויף דיר גע־
זשומט;
און אָטעמדיק צעהיצט און שווער,
האָסט ווי אַ לייב צערייצט געברומט.

דיין פעל פון ווייטיק אויפגעדרייט,
די אויגן — אויסגעשטאַרט, צעגליט, —
אַ פּאַרע האָט פון דיר געווייט,
ווי קעסל — האָט דיין לייב געזידט!

האָסט זיך אין הויף אַריינגעיאָגט,
מיט שוים אינגאַנצן איינגעדעקט,
און אימיצער האָט הויך געזאָגט:
— אַ מעסער אין זיין קערפּער שטעקט!

דעם מעסער, וואָס פאַר מיר געצילט,
געטריי דיין לייב האָסט צוגעשטעלט;
ביים שויב, וואו בליצלאָמפּ האָט
געשפּילט,
ביסטו געפאַלן ווי אַ העלד! — —

1917

אין פעלד

שוואַרץ און אויפגעשניטן פעלד,
ס'שמעקט מיט ערד,
נאָך מיט אַקער־גלאַנץ באַהעלט,
טוי־באַטרערט.

ס'האָט דער זייער ערשט ביט לאַנג
דאָס פאַרזייט,
מיט געבעט פאַר פולן זאַנג,
און פיל ברויט.

פייגל־שרעק אויף יעדן בייט
אויסגעשטעלט,
אַלטע קליידער — הענט צעשפּרייט
איבער פעלד.

ס'הילכט אַ וואַכט־קול אין דער שטרעק,
וויגט דעם גראָז;
פויגל, פויגל פליט אַוועק,
אויפגיין לאָזט!

1914

אין האַפן פון האַוואַנאַ

— האָסט געזאָלין געגוג, שאָפער ?
און איז דיין אויטאָ שטאַרק און גוט ?
ביז מיך האָב איך אין שיף געררוט, —
דערפילן ערד איז מיין באַגער !

— מיין הער, איך האָב פיל געזאָלין —
עס טראָגט מיין אויטאָ טויזנט טאָן !
און וועלכער פרעמדער מאַן קומט אָן
באַלד פרעגט אויף מיר, — נו,
זאָגט, וואוהין ?

— וואָס ווייס איך דען ? אַהין ? —
אַהער ? —
האַוואַנאַ ! — כ'בין אַ פרעמדער דאָ.
עס שטייט די שיף דאָך בלויז זעקס שעה,
טאָ ריר זיך שנעלער, העי, שאָפער !

— נו, וואויל, איין וואָרט, איין וואָרט
מיר בלויז,
איך ווייס צו גיין מיט רייכע לייט :
אַ ווּאונק פון זיי, — איז פיל באַדייט ! —
און רעדעריי — דאָס מאַכט זיי בייז...

אָט דאָס — דער קאַטעדראַל, מיין הער,
און אָט — ס'באַרימטע ביינער־פעלד ;
און דער — איז גאָמעז, קובאַס העלד,
וואָס האָט געקעמפט מיט שפּאַניען
שווער !

און אָט — די נייע באַן־סטאַנציאָן,
וואָס האָט אַן אונטערערד טונעל ;
די נעגערס רופן אים : דהי העל ! —
און איצטער קומען מיר שוין אָן...

כי — כי, — ווען ס'וואָלט דער הער
געוואוסט
פון דער ברונעטין מאַרגאַרעט,
וואָס יעדער גייט אין אַ געוועט,
אַז אים האָט זי צו ערשט געקושט ; —

בלויז רייכע פון דעם ווייטן וועג, —
איר איילט זיך, הער, נאָך צייט פאַראַן !
דאָ טרעפט איר אויך דעם קאַפּיטאַן,
די שיף אָן אים גייט נישט אַוועק !...

— ווער שטיל דו פלוידערזאַק, שאָפער !
איך וואַרף אַוועק דיך די מינוט ! — —
— אָ, כ'האָב פאַררעדט זיך...
— אין קאַיוט —
ווען איר האָט דאָרט אַזאַ, מיין הער !...

1917

שטיינער

מיינע ברידער, שטומע שטיינער,
מיט די רוקנס איינגעבויגן,
מיט די שאַרפע פעלדזן־ציינער,
אינזיך איינגעטיפטע אויגן.

אייער שווייגן שניידט ביז ווייטיק,
אייער קאַלטקייט שרעקט מיך איבער ;
איר דערמאָנט מיר קערפּערס טויטע,
נישט באַערדיקטע פאַרבליבן...

ווייסע לייבער — פונם רעגן
זיינען בלאָנדיק־גרוי געוואָרן, —
ס'וועלן זיך אויף פרעמדע וועגן
אויך פאַרלעשן מיינע יאָרן.

1911

טריט

(אַ טשיליער לעגענדע)

אין מיין פענצטער האָט גאַנצענע טעג
דער שניי פון די אַנדעס געבלענדט;
כאָטש געגליט האָט דער זאַמד אויפן וועג
און די טריט געברענט.
ס'איז דאָ אַלץ — סיי נאַטור — סיי דער מענטש — ווידערשפּרעכיק,
פון קאָנטראַסטן זיגזאַגיש געמישט.
דורך דער זון גרינען שטרעקן ווי שפּיציקע דעכער, —
ווי די האָרבן אויף קעמלשע רוקנס.
אָט־אָ צווינגט דיר די פּרוכטבאַרע פּלאַכלאַנד דיין אויג זיך פאַרקוקן,
און ווייטער — אַנטאָפאַרגאַסטאַ — די טרוקענע וויסט!

אַ קינד פון פעלד, פון וואַלד און סטעפּעס,
ווי ס'איז די ווילדע חיה אויסגעבריט אין היילן;
וואָס האָט די ערשטע יוגנט־טריט געטראָטן
אויף די אַנדעס שווינדלטרעפּן, —
אַ קינד אַזאַ דאַרף קען זיך נישט פון אייגן הויט צעשיילן,
וואָס איז מיט אַלץ אַרום אַנ'אָטעם פון אַנ'אָטעם! —
אַ קינד אַזאַ וועט נישט פאַרגאַפן זיך פון ווילדע וואונדער,
ווי ער וועט פון זיך אַליין נישט איבעראַשן זיך,
ווען ער זעט זיין פּנים שפּיגלען זיך אין וואַסערן, —
אַ קינד פון דער נאַטור — אַזוי ווי חיה — זעט זיך קיינמאָל נישט באַזונדער...
ער איז מיט דונער און בליץ צונויפגעבונדן;
ווי ס'קאָן אויף זיך אַליין אַ קינד נישט זאָגן:
— איך וועל איצט גיין מיין קינדהייט יאָגן! — —
אָ, ס'מוז שוין ווייט זיין, ווייט פון מיינע קינדער־יאָרן,
אַז כ'זע איך ווידער לעבעדיקע, קלאָרע! — — —

אַלע פרימאָרגנס זיינען וואונדערלעך און פּראַכטיק
אין אָנגעזיכט פון די כישופדיקע קאָרדילערן. —
נישט נאָר די מאָרגנס... נאָר יעדע שעה פון טאָג און די פאַרנאַכטן;
אויך האַלבע נאַכט, ווען ס'ברענען אויף אַמשטאַרקסטן די ציטערדיקע שטערן,
און דער הימל מיט די אַנדעס־בערג זיך גיסן אויף איינינעם —
אָ, ווער קאָןביישטיין יענע רגעס פול מיט בלענדונג און פאַרצערונג;
אַפילו דער, וואָס האָט אין אומגליק זיך אַליין פאַרשטיינערט, —
וועט אין אַזוינע רגעס זיך אָן אַ זין צעוויינען!

נאָר דער פּרימאָרגן, וואָס איצט באַגינט אין מיינע געדאַנקען,
ער איז אַנדערש פון די אַלע וואָס איך ווייס.
אָ, ניין! ס׳איז נישט קיין האַלוצינאַציעס קראַנקע,
און נישט געבוירן אין מינוטן פון בייז.
נישט קיין לאַדנס, און נישט קיין שווערע שטאָרן
קאָנען איינהאַלטן — ס׳זאָל נישט אַריין
דער שטראָם פון גליענדיקן שיין
פון דער ווילדער זון הויך אַריבער די אַנדעס, —
צעשאָטענע פונקען פון די באַרג־שפּיצן און שאַרפע ראַנדן,
ווערן ליכטיקע אין דער לופט פאַרלאָרן
ווי פאַלנדיקע מעטעאָרן.

איך בין אַרויס דער זון, דעם פעלד, דער ווילדערניש אַנטקעגן,
ווען ס׳האָט זיך טאָג און נאַכט צום שיידן זיך באַגעגנט.
זיך איינגעקוקט ווי בליצן טרעפן זיך צוזאַמען
נאָך איידער זיי דערטרינקען זיך אין פלאַמען.
איך בין געווען דאָס ערשטע באַשאַף אין געגנט,
וואָס איז אַזוי באַגינען אויפגעשטאַנען!
קיין טראָט האָט נישט באַרירט די טוי־באַשטראַלטע גראָזן
און דעם איינגעשטילטן שויב אַרום די שאָסייען־וועגן;
קיין חיה האָט איר הייל נאָך נישט פאַרלאָזן. —
אין ווייס־בלויע און רויטע פייערן האָבן זיך געצויגן שטרעקן;
געווען אַזוי מוראדיק שטיל און שיין אַרום,
ס׳האָט אָנגעשטרענגטע רו געזשומט;
און ווי ב׳האָב נאָר געוואָלט דעם ערשטן טראָט
אויף דעם שאָסיי־וועג געבן ———
האָט פּלוצלונג זיך פאַר מיר געטאָן אַ שאָט
מיט דראָבנע טריט, און טריט, און טריט, און טריט,
ניט קיין מענטשלעכע, און אויך פון חיות ניט;
צום ערשטן מאָל איך זע די מחנות טריט אַזוינע אין מיין לעבן!

די טריט — ווי גרויסע שפּיציק־שאַרפע סגלען
פון אומבאַקאַנטע פיס און נעגל,
וואָס מאַכן שרעקן מיין געמיט.
אפשר פון פאַרוואָגלטע שדים ביינאַכט אומגעטריבן,
און טויזנטער לעבנס אין שטויב אַזוי דראָבנע פאַרשריבן...
נאָר פּלוצלונג האָבן פייכטע ווינטן אָנגעהויבן יאָגן,
זיי האָבן ווי בעפלדיקע, לייכטע קליידער
מיט לעבעדיקן אָטעם ווי כוואַליעס געשלאָגן.

ווי כ'וואָלט געווען אַרומגעקרייזט מיט אומגעזעענע אַרמייען,
וואָס גייען און גייען, און גייען, — — —
קיין געשטאַלט, קיין שאָרך, נאָר אָטעמס אויף מיין פּנים ווייען,
און כ'ווער פאַרשטוינט פון אייגענע געשרייען...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
ס'האָט אַ דורכגייער פון דר'ערד מיך אויפגעהויבן
און מיט וואַסער פון דעם קאַלטן אַנדעס־שטראָם —
מיין פּנים אָפּגעוואַשן פון די שטויבן,
אויף דעם שאָסיי־וועג אַ צעשלאָגענער.
און כ'האָב דערנאָך געקאָנט די אַלטע מעשה פון די מענטשן הערן:
— ס'איז געווען היינט דער קראָען־יום־טוב לעם די קאָרדילערן;
יעדן יאָר, די ערשטע נאַכט אין פרילינג,
פאַרלאָזן די קראָען אין מחנות שווערע
די וואַרימע געגנטן פון טשילע,
אויפן וועג צו דער קאַלטער פּונטאַ־אַרענאַס. —
זיי צעשטעלן זיך אין מחנות ווי צו שווייגנדיקע תפילות
און דרייען זיך אַ גאַנצע נאַכט אין שטילע קאַראַהאָדן, —
נאָר מיטן באַגינען ווערן צעפלויגן און צעשאָטן, — —
דעריבער ווערן אַלע וועגן היינט מיט דראָבנע טריט פאַרטראָטן!
1927

אַ פליג

אַך, פון מיין האַנט און פון מיין
שטערן
אַ פליג, דערעסלעך, טרעט נישט אָפּ.
בין מיד פון איינזאַמקייט זיך ווערן,
זי קומט צוריק, ווי כ'טרייב אַראָפּ.

עס איז דאָך שפּעט אַזוי... די
פליגן,
פון תמיד שלאָפן זיי שוין איצט,
און אויף דער ווייסער סטעליע ליגן
ווי שוואַרצע פינטלעך אַנגעשפריצט.

צי לאָזט מיין ליכטשיין איר נישט
שלאָפן,
וואָס מיך באַגלייט דאָ שפּעט, אַליין? —
איך וואָלט דער פליג מיט וואָס
געטראָפן,
אינמיטן נאַכט אַ מאָרד באַגיין!

נאָר כ'וועל מיט דיר שוין גאָרנישט
מאַכן, —
קום, פליג, פאַרברענגעןביידע, קום!
און העלף מיר ביז באַגינען וואַכן,
פאַרויש מיין עלנט מיט דיין זשום. —

דער פליג־געריש מיט ליבשאַפט
האַמערט,
מיך טוט שוין באַנק ווען זי אַנטלויפט;
אַזוי פאַרברענגענדיק צוזאַמען,
גייט עפּעס ליכטיקס אין מיר אויף:

אין אונזדער צימער — ליב און
גרוימלעך,
אין ווייסן אַלצדינג אויסגעשפּרייט.
דער בלויער לאָמפּ באַשטראַלט
אַלץ היימלעך,
און אונדזער קינד שלאָפט שטילערהייט.

און פון צוויי הויכע בלומענגלעזער,
ווי שוואַנענהעלדזער, שלאַנק און דין —
צעטראָגט זיך דופט פון מיאַטע גרעזער,
פון כריזאַנטעמען און קלאַרין.

און ראָז אינגאַנצן! — שלאָפט אָן זאָרגן,
און שמייכלענדיק — אַ מורמל גיט;
אַזוי גייט אויף דער קינדער־מאָרגן
אין קינדער־הימל ראָז צעגליט!

אָט האָט עס אומרואיק באַוועגט זיך,
זיין ראָזע בעקל בייסט אַ פליג;
די פוכקע הענטלעך אויסגעשטרעקטע —
און איינגעשלאָפן שטיל צוריק — — —

איצט בין איך אין אַ לאַנד אַ וויטן
דורך ים און וויסט פון אייך צעשיידט,
פון קליינער פליג ביינאַכט דערהייטערט,
אין שפעטער איינזאַמקייט באַגלייט.

1915

ים און ים

ים און ים אין אַלע זייטן,
אויבן — כמאַרנער הימל בלויז;
און קיין מאַניענדיקע ווייטן
ערגעץ ווינקען נישט אַרויס.

ס'האָט דעם אויג שוין לאַנג דערעסן
בלויז די וויגנדיקע פלאַך —
ווי דעם זשאַווערס נודנעם פרעסן
אַ פאַרנעצטן בלעכן דאַך.

ס'קלאַפּט די שיף אַ מאָדנעם קלאַפּן,
גלייך די שרויפן אירע לויז —
ס'מוז מיין האַרץ פּאַר אומעט זאַפּן
אָט דעם שניידנדיקן רויש.

שפּיל

ס'טאָלט און באַרגט זיך נאָכאַנאַנד
די ים־פלאַך שטילערהייט,
מיט אַ קלאָרן הימל־ראַנד,
און הימל־דעק פאַרשפּרייט.

פאַסן שוים דורכזיכטיק, ווייס,
באַליכטיקן די שטרעק,
ווי אין פרילינג שטיקער אייז
אַנטלויפנדיק פון ברעג.

וואו ניט וואו אַ וואָלקנדל
אַ ווייס, דעם רוים פאַרהילט,
ווי עס וואָלט דעם זעלבן שפּיל
דער הימל אויך געשפּילט.

1916

די בליצן...

די לופט איז פול דערוואַרטונגען,
דער ים — אין איין זיך בייטן;
די בליצן שרייבן איילנדיק,
כ'פאַרשטיי נישט די באַדייטונג.

ווי ס'הויבט און שלאָגט דאָס האַרץ
אין מיר,
ס'צעשפּרייטן זיך די אויגן — — —
און קען דער ים מיך אומברענגען,
וואָלט מיך צו אים געצויגן!

פינצטערער ים

אין שטערן בלויז דערמאָנט אָן ליכט,
אַ מאַניענדיקער שיין — אָן לאַנד.
און ס'גראָבט פאַר אומעט דאָס געזיכט
אַריין זיך אין דער קאַלטער האַנט.

ווי פינצטער אין דיין אייגן האַנט,
נאָך פינצטערער ווי ים פאַר דיר!
דיין פנים פלאָמט פאַר פרעמדן שאַנד,
און ס'וויטיקט דיר דיין אייגן ריר.

וואָס טראַכט זיך דעמאָלט אַלץ
נישט אויס?
וואָס קומט נישט אויפן זין אַרויף! —
דו מאַכסט דיין זינד פאַרצענפאַכט גרויס,
און הערסט צו שטראָפן זיך ניט אויף!

נאָר אין דיין פיין גליט אויף אַ פרייד,
אין שטראָף — אַ גלעטנדיקע טרייסט,
ווי ס'קראַנקע קינד, וואָס פאַר דעם טויט,
אַ שפּילעכל זיך ברענגען הייסט!

אין פּאָרט

עס לויפן אָפּ, און לויפן צו
די כוואַליעס שוימענדיקביים ברעג,
אַזוי דערעסלעך לויפט אָן רו,
אין שטייג דער בער די גאַנצע טעג.

עס שווימען צו, און שווימען אָפּ
אַלץ נייע שיפן אין דעם פּאָרט.
מען גייט אַרויף, מען גייט אַראָפּ,

דאָרט ווייַנט און לאַכט דעם מענטשנס
וואָרט!

די קוימענס רעוועז הויך און ווילד,
ווען ס'קומט אַ שיף און גייט אַוועק;
דער ים מיט זיינע כוואַליעס שפּילט —
פאַריאָגט — דערטראָגט זיי צו דעם
ברעג.

דער קאַפּיטאַן

אַ זעגל קומט פון וויטן אָן,
ווי דויערדיק זיין גאַנג!
עס זעט זיך קוים אויף אים די פאָן,
וואָס וויגט זיך אויפן שטאַנג.

ווער איז ער און וואו שווימט ער איצט,
אין אומרואיקער צייט?

דער קאַפּיטאַן אַליין דאָרט זיצט — —
צי שוויגט ער, אָדער שרייט?

ווי צוגעשמידט דער זעגל שטייט,
און קומט נישט נענטער צו;
דער קאַפּיטאַן, ער מוז זיין טויט,
און האָט זיך דאָ זיין רו!

דער ים

דער ים ליגט רואיק אויסגעשפּרייט,
און פינטלט קעגן זונען־שיין.
אַזוי ווי זומער־רעגן גייט,
וואָס בלעזלט, קנייטשט
דעם וואַסער איין.

נאָר נאָנט ביים ברעג, ביים פעלזן־צאַם,
ים ברומט, — ווי לייבן־גריוועס שוימט;
דאָרט קען נישט איינרוען דער ים
פון טרוים, וואָס ער האָט טיף
פאַרטרוימט!

אין איינציק כוואַל...

ס'איז פינצטער. שוין די זון פאַרלאָשן
דער הימלראַנד — נאָך ערגעץ גליט;
אין איינציק כוואַל צונויפגעגאָסן
רוישט אומרואיק דער ים און זידט.

קיין שטערן וויל זיך נאָך נישט צינדן,
די לבנה וועט היינט נישט אַרויס, —
ס'וועט זיין אַ נאַכט פון שטורעמווינטן,
מיט מאַנאָטאָנעם ים־געריש.

אין שרעק

כ'הער זיך צו צום האַרצנשלאַג,
קוקנדיק אין ים פאַרטראַכט;
ס'איז צו פינצטער איצט פאַר טאָג,
און צו ליכטיק דאָך פאַר נאַכט!

און וואו זיינען מיר, ווער ווייס? —
און ווען זעען מיר שוין ברעג? — —
נאָר עס זאָגט דאָס האַרץ קיין בייז,
און עס שלאָגט דאָס האַרץ אַן שרעק.

רייד צום ים...

ווען איך קוק אין ים זיך איין,
רייד איך צו דעם ים און רייד.
ס'ווילט זיך מיר ווי ער אויך זיין —
אַזוי טיף און אַזוי ברייט.

רוישט דער ים, און קאָכט און זידט,
טראַכט איך: פיל ער שלינגט עס איין!
און עס ווילט זיך מער שוין ניט
ווי דער ים געגליכן זיין!

ביים שיף־ברעג

ביים שיף־ברעג שטיי איך אָנגעלענט,
מיך בלענדט דער כוואַליע־שפיל:
ס'דערגרייכט דער וואַסער מיינע הענט,
און גלעט מיך שטיל, און קיל.

ס'דערגרייכט דער וואַסער מיינע הענט,
קוקט אַן מיך גרינלעך־בייז;
דער אָפּגרונט־בליק מיך ציט און בלענדט,
אַרום — נישטאָ קיין טרייסט.

1912

„אַ שיף גייט..."

ווי עס ווערט דאָס האַרץ דערפרייט,
ווען אַ שיף אַנטקעגן קומט!
ס'ווילט זיך ריידן גוטע רייד,
נאָר מען ווערט פאַר פרייד פאַרשטומט.

און עס רייסט דאָס האַרץ פאַרבאַנגט,
ווען די שיף פון אויג פאַרשווינדט;
עפּעס טראַכט זיך דעמאָלסט לאַנג,
און עס וויינט זיך ווי אַ קינד.

צווישן בערג

שניידט זיגזאַגיש אַ טייך זיך אין טאָל,
אין אַ קייט צווישן ביימער און בערג,
און די וועגן צום טייך — אַזוי' שמאָל —
נישט פאַר אַלע באַקאַנט און באַמערקט.

און עס ברייט זיך און שפּרייט זיך דאָס אויג
אין געמיש פון קאָלירן און ליכט;
באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ — זיך געבויגט
איבער טייך ווי אַ וואָג מיט געוויכט.

ס'הויכט אַפּרילישער אָטעם אויף דר'ערד,
הערסט אַ וואַקסן און וואַרצלגעצי;
דאָ פאַר אונדז ווערט דער פרילינג געבערט,
ס'רייסט אין ווי זיך דאָס גרין און געבלי.

און דער טייך שפּיגלט אָפּ אין דער שטום
די געבוירענע וועלט אַזוי ביי, —
טייך איז האַרץ פאַר די וואונדער אַרום,
און פאַר זיי שלאָגט ער מאַמעדיק טריי.

1927

אָוונט

ס'טרעפט, דו גייסט אַזוי און גייסט, —
און פאַרגעסט דעם וועג צו היטן,
נאָר דיך אַרט נישט, אַז דו ווייסט:
אייגן הויז האָסט אויסגעמיטן.

דיין געהער ווערט גיריק, שאַרף,
פיינלעך אויסגעשפּרייט די אויגן,
און דיין האַרץ ווערט ווי אַ האַרף
שטייף ביז ווייטיק אָנגעצויגן.

שפּיצן פינגער פון די הענט
בריען, רייסן זיך ווי פויגל, —
גייסט, דער מערב — גלוט־צעברענט —
קוקט אַריין אין דיינע אויגן.

פלעמלעך הילן דיך אַרום,
שוועבסט — ווי לייכטנדיקער פאַקל! —
וואָס עס האָט געגליט פאַרשטומט,
ברעכט אַרויס אין העלן פלאַקער.

ס'ווערט דיין גאַנצע לייב צוגלעט
פון פאַרפייניקטער קדושה, —
פרייע האָבן זיך צערעדט
אין דיין בלוט די שטומע חושים! —

1911

אין וועג

ווער ס'פאַרלאָזט אַ היים אָן בענקשאַפט,
ווערט אַ היים שוין נישט פאַרמאָגן;
צו אַ מערדער איז געגליכן,
וועלכער וויל זיין זינד נישט טראָגן.

וואָלט דאָס לאַנד, דאָס פרעמדע, וויסט זיין,
נישט באַגראָזט, און נישט באַזעסן, —
גאָר־נישט וואָלט אין וועג באַגריסט מיר, —
וואָלט איך היימלאַנד מיינס פאַרגעסן!

און איך וואָלט דאָרט ווי אַ קין
פרעמד און איינזאַם אומגעגאַנגען,
און מיין בענקשאַפט וואָלט ניט שרייען,
און מיין האַרץ — זיך נישט געראַנגלט.

נאָר אַז ס'פליט פאַרביי אַ פויגל,
וועג שניידט דורך אַ שנעלער רייטער;
הויבט אָן טונקלען פאַר די אויגן,
גיט אַ בלענד מיט היימלאַנד וויטן!

היימלאַנד! — יאָגסט אַרויף אַנ'אומעט,
היימלאַנד! — קלינגסט מיט קייטן־קלאַנגען;
כ'הער אויף וואַנדערערס ליפּ דיר ברומען,
און דו ביסט זיין לעצט געראַנגל!

1912

דאָס ליד פון דעם פרייען

ווי די וואָלקנס טרייבן,
ווי די ווינטן יאָגן,
אַזוי האָט מיין לעבן
זיך פאַר מיר געטראָגן.

פון דעם ווינט — אַ שטורעם,
פון דעם וואָלקן — פייער,
אַזוי האָט מיין לעבן
אומגעשוועבט אַ פרייער! —

האָט אַ מאָל אַ פויגל
אויף מיין וועג געצויגן,
מיט זיין קינד צוזאַמען
איז ער וואו געפלויגן.

האָט פון זייט אַ יעגער
פויגלס קינד געשאָסן;
און דער מוטערס פליגל
מיט דעם בלוט פאַרגאָסן.

קאָן שוין מער דער פויגל
אַזוי פריי נישט ציען,
און פאַר זיינע אויגן
פעדערלעך נאָר פליען.

האָט אויך ווער מיין לעבן
אין דער מיט צעריסן,
וואָס פאַר מיינע אויגן
טראָפנס בלוט נאָר פליסן? — —

1924

ביים וועג

ס'פליסט דער קוואַל אין גראָז
באַהאַלטן,
רעדט און רוישט פון דאָרט אַרויס.
קוסט, — פון לבנה־שיין באַשטראַלטער,
וויגט אין טרוימענדיקע רויז.

פון דעם ריינעם, העלן טונקל
הערט זיך פויגל־זינגעריי.
גלי־ווערים צעשיטן פונקען
און פאַרלעשן זיך אויף ס'ניי.

ס'איז דער וועג מיט רו באַצויגן
און די וואונדן־טריט — פאַרהילט.
ס'איז אַ רייטער דורכגעפלויגן,
ווילד אַנטרונען און פאַרשטילט.

דורכגעפלויגן און פאַרשוואונדן,
שטיינדלעך האָבן זיך צעשיט;
ס'האָבן פונקען זיך געצונדן
פון דעם רייטערס שווערע טריט.

1915

מיין וועג

ווי לאַנג עס זאָל נישט זיין מיין וועג,
ווי אומבאַקאַנט,
שוין אָנגעצייכנט האָט זיין ברעג
אַ פרעמדנס האַנט.

ווי קלוג איך זאָל נישט זיין, און וויז,
איז דאָרט מיין ענד:
וואו ס'בלייכט זיך דער פאַרבאָרגענער
קרייז
טיף איינגעברענט.

פאַר יעדן איז לאַנג אָנגעגרייט
זיין קרייז געהיים;
און אויף איין אָרט אויך שוואַלב
זיך דרייט
אין וויטן רוים.

עס קומען נאָך... און אין איין קרייז
זיך דרייען לאַנג;
זיי פלאָנטערן זיך רייענווייז
אויף זיין פאַרלאַנג.

אַ זעענדיקער פאַלט אין וועג
אינמיטן טאָג;
עס קלאַפּט דעם בלינדן אויס זיין שטעג
דער טרייער שטאָק.

איז מיר באַשערט צעטראָטן זיין
פון זינד און שטויב, —
איז דאָך אַזוי דער גורל מיין
אין וואָס איך גלויב.

איז מיר באַשערט זיך לייטערן
אין פּיין און לייד, —
וועל איך פון זיך דערווייטערן
די פוסטע פרייד.

דער קרייז דער אומפאַרמיידטער מייך,
ער רעדט צו מיר;
ער היט אָפּ ווי אַ וויטער שיין
מיין יעדן ריר.

1915

אין רויש פון גאַסן

ווערטער, ווערטער, ווערטער;
ווי בוימער בליאונג פאַר דער צייט צעשאָטענע
אויף וועגן, פעלדער ברייטע,
אין שטורעם און פון ווינט פאַרווייטע,
און אָן אַ זין פון מענטשנפיס צעטראָטענע.

ניטאָ קיין מענטשלעך וואָרט.
און שווער איז שטומערהייט די לאַסט צו טראָגן.
אָ, שטעל זיך אָפּ אַ ווײַל, מיין אײַלנדיקער ברודער,
און פּרואוו אַ מענטשלעך וואָרט מיר זאָגן.
נאָר וואָס האָט אָפּגעקלונגען אַזוי טויב פאַר מיר דיין קול,
מיט דעם מאָדנעם אַמעריקאַנעם זונג,
ווי אין אַ צדקה־טעלער אַ נדבה־קלונג?...
צי אויף דעם האָב איך דיר אין געלאָף פאַרהאַלטן,
זאָלסט שיקן מיר אַ בליק אַ קאַלטן,
אַ „פּאַרדאָן" מיר זאָגן,
און ווידער זיך אין דעם געקרייץ פון גאַסן יאָגן?
אָ, ניין, וועסט זיך פון אָרט איצט מער ניט רירן,
כאָטש קאָנסט איצט טויזנטער אין דיין געשעפט פאַרלירן,
צי אַ ליבע־ראַנדעוואו פאַרשפּעטיקן; —
איך האָב אַ וואָרט, וואָס וועט דיך פון וועג פאַרפירן,
דיר אַלע אַפּעטיטן זעטיקן.
און מעג דאָס וואָרט אַ ליגן זיין,
וועט עס דיר ווי אַ נבואה קלינגען;
וועסט מער זיך פאַר אַ ביסל צייט ניט דינגען,
וועסט זיין אינגאַנצן מיין, אינגאַנצן מיין.

***

אָט האָט שוין דיין געשטאַלט זיך אומגעביטן, —
עס רינט שוין בלוט, כאָטש מ'האָט נאָך ניט געשניטן.
ווי פריער, שטומער נאָך ביסטו געוואָרן,
אָנמעכטיקער אין ווילדן צאָרן.
וואָלסט לייכט זיך פון מיין האַנט אַרויסגעריסן,
דאָך דעם וואָרט ביסט נייגעריק צו וויסן!

ווי ביי אַ חיה שפּיצן זיך ביי דיר די אויערן, —
נאָר איינגעשרומפּן שטייסטו, — איינגעבויגן,
פון די שרעקן, וואָס דו זעסט שוין אויף זיך לויערן,
און ווי שווערע שאָטנס זיך צעלייגן...

***

אַ, ברודער מיינער! ווי נאָנט ביסט איצטער מיר געוואָרן.
דער זעלבער אומגליק ביידן האָט געטראָפן;
האָסט אַלעמען, ווי איך, אין זעלבן טאָג פאַרלאָרן —
האָסטו געוואוסט, אַז גאָט וועט אַזוי שטראָפן? —
עס האָט אַזוי די מוטער חנה אירע זיבן קינדער
אין איין טאָג דעם טויט אַוועקגעגעבן,
דערנאָך אַליין פון העכסטן מויער זיך אַראָפּגעוואָרפן,
צו בלייבן מיט די קינדער ווי ביים לעבן...
און מיר?... צי וועלן מיר עס קענען?...
צי ווידער מיט דער גאַס משוגענע זיך יאָגן,
צי ווי די ניט־דערברענטע פייערן דערברענען? —
מיר ביידע מוזן אונדזער אָרון טראָגן;
מיר וועלן אים אין ערגעץ ניט באַגראָבן.
אויף אונדזערע פּלייצעס אים דאָס גאַנצע לעבן האַלט,
ביז מיר וועלן שוין קיין כוחות מער ניט האָבן;
און צווישן זיי, וואָס איילן זיך אין רייען,
וועלן מיר זיך וואַקלענדיקע דרייען,
ביז עס וועט די זון פאַר אונדז פאַרשטראַלן,
ביז די ערד צו אונדזער בליק וועט פאַלן...

***

דו פּראָטעסטירסט, מיין ברודער? —
דער געדויש אָרום האָט אויפגעוואַכט דיר?
דיינע אויגן ווי פון חלום אויפגעמאַכט דיר?
נישט דיינע האָט מען עס דערהרגעט...
דיינע, ביסטו זיכער, זיצן אַלע אין די היימען;
האָסט נעכטן, היינט, — אַ רגע פריער זיי געזען נאָך,
געזונטע, זאַטע, און פון אַלע מאָל שענער...
דאָך הערסט ניט אויף די אויגן דיינע רייבן,
און ציטסט און טרייסלסט זיך, ווילסט זיך אַליין דערפילן; —
נאָר האָסט שוין ניט דיין פריערדיקן ווילן.
דו וועסט מיט מיר דעם אָרון מער ניט טראָגן,
נאָר ס'וועט דער מת נאָך דיר זיך אייביק יאָגן;

האָסטו אַ רגע נאָר דעם שטומען צער פאַרנומען, —
וועט ער שוין ווי די פליג פון טיטוס אין דיין מוח ברומען;
און יענעמס צער וועט דיינער ווערן,
ווייל צער איז אַלעמענס, איז יעדנס;
צער, דאָס איז דער צייכן פון דעם מענטשן אויפן שטערן. —
ווּעסט אפשר זיין אַ שונא מיר דאָס גאַנצע לעבן,
נאָר איך האָב דיר די שענסטע גאָב געגעבן:
דעם צער פון גאָר דער וועלט! — — —

1924

הו־הו!

דאָס גאָלדן גרין פון זונבאַשטראַלטן פעלד
דערפרישט מיין בליק פון שטאָט־רויש אויסגעמידט.
אַ לייכטער ווינט הויבט אויף, צוריק צעשטעלט
דאָס אויסגעלייגטע גראָז פון מיינע טריט. —

דאָס שווערקייט אין מיין קאָפּ צעגאַנגען ווערט,
ווי נעפּלרויך אין אַ פרימאָרגן ריין;
איך צי אין זיך אַריין דעם אָטעם פון דער ערד,
וואָס נעמט ווי שיכרות־ווין אין האַרץ צעגיין.

פון יעדן בוים וואָס קומט מיר אָן אין וועג, —
איך דריי פון גרינעם צווייג אַ בויגן אויס;
שפּרינגט צווייג צוריק... און אין דער לערער שטרעק
אַ פריילעכער הילכט אָפּ דאָס גרין־געדויש!

דאָס האַרץ אין מיר זינגט אויף, זיך פריי צעשפּרייט,
ווי צו אַ בלום אַ זונשטראַל רירט זיך צו;
רעדט ווער צו מיר? — צי איך צו וועמען רייד?
רוף איך אַליין? — צי ס׳ענטפערט ווער: הו־הו?!

1917

פאַרנאַכט

דער פאַרנאַכטיק זונען־שמייכל
אויף די מויערן און שויבן, —
ווי דעם גוסס לעצטער צייכן,
לעצטער פנים־גלי און צויבער!

אָט דאָס וואונדערבאַרע שטראַלן,
ווי פאַרשטאַרבנדיקע קלאַנגען —
איז אויף מויערן געפאַלן,
אויף די שויבן אויסגעגאַנגען.

1916

לידער פון אַרבעט

1

עס דרייען און עס יאָגן זיך
די רעדער אין אַ ווילד געיעג,
און איינגעשפּאַרטע טראָגן זיך
אין טעמפּן, אומפאַרמיידטן וועג.

די פּייל און האַמער, מענטש און צוואַנג,
און קוילן, וואַסער, אייזן, שטאָל, —
אַלץ מישן זיך אין איין געקלאַנג,
זיי ברומען אַלע מיט איין קול.

עס שטראַלט די זון פון שויב אַריין, —
דער שוואַרצער אייזן צינדט זיך אָן;
נאָר שטאַרקער איז דער שטאָלן־שיין,
וואָס קוקט דיך ווי אַ מענטש־בליק אָן.

דער שטאָלן־שיין, — ווי לבנה־ליכט, —
פאַררעטעריש און מילד איז ער;
ער קוקט אַריין דיר אין געזיכט,
פאַרלירסטו זיך, און אָטעמסט שווער.

דו ווילסט אַוועק, און ס'האַלט דיך איין;
דער רויש, די קלאַפּערייַ באַפאַלט.
דיך הילט אַרום אַ וואַנזין־שיין
ווי שטאָלן־גלאַנץ פאַרביסן שטראַלט.

2

אַרבעט מיינע, אומפאַרמיידטע,
קייט — וואָס כ'שמיד אַליין זיך איין:
שטיי נישט אָפּ פון מיר אַ וויטע,
און ניט לאָז אַליין מיך זיין!

קלאַפּט, אַ, קלאַפּט, איר האַמערס, שנעלער,
יאָגט אָן, רעדער, אייער יאָג,
שטאָלן־פרענטן, גלאַנצט מיר העלער, —
איר באַלייכט מיין נאַכט און טאָג!

כ'קאָן אַליין אין רו נישט בלייבן,
ווי אַ מערדער — אין דער נאַכט;
שאָטנס שווערע טרייבן, קלייבן
אַרום מיר זיך ווען איך וואַך.

שאָטנס שווערע ווי אין קלאַמערס
מיך צודריקן מיט געשפּעט;
כ'הער זיי רעדן... איינער שטאַמלט,
ער פון אַלע העכער רעדט!

אַרבעט מיינע, אומפאַרמיידטע,
ווי אַ מאַמע וויג שטיל איין
די געדאַנקען די צעשטרייטע, —
און ניט לאָז אַליין מיך זיין!

3

מעסער קאַלטער, בלאַנקער,
מיט דיין קלונג דעם שווערן;
דריקט זיך צו מיין שטערן —
דעם צעברענטן, קראַנקן!

ס'ציט און בריט די אויגן
מיר דיין גלאַנץ דיין קאַלטער;
דריק זיך צו מיין שטערן —
ווי ס'וואָלט אומגעפלויגן.

פאַל אַרויס פון הויפן,
מעסער, מיין דערלייזער! —
זאָלסט אין שעה אין בייזער
מיך צום שטן נישט פאַרקויפן!

4

זאָלסט מיין פייל, נישט קלאָגן
אויף מיין קאַלטן שטאָל.
ס'האַרץ קען נישט פאַרטראָגן
דיין צענומען קול.

אַלע פֿיילן זינגען
אין די הענט ביי זיי;
און די האַמערס קלינגען
לידער אַלערליי.

זילבערשטויבן פֿאַלן
פֿון דעם שטאָלן־פּרענט,
ווי די וואָלקן שטראַלן
פֿון דער זון געברענט.

בלויז פֿון מיינע פֿיילן
שטויבט זיך גרויער אַש,
ס'איז מיר לאַנג די ווילע,
ווי אין פֿרעמד — אַ גאַסט!

1918

שטאָט

און ס'טרעפֿט, ווען אויך אין שטאָט,
אין מיטן רויש און קאָך —
ווערט פֿלוצלונג גרינג דער טראָט,
ווי גייענדיק אויף מאָך.

עס איז פֿון הימל־מיט
די הייסע זון אַראָפּ,
און הייזער — אָנגעגליט,
אין קילקייט גייען אָפּ.

נאָר מיט אַ וויטן שיין —
ווי בלאַסער לבנה ליכט, —
די זון — דער גאַס הילט איין
פֿאַרטראַכט און אומגעריכט.

די מענטשן — לויפֿנדיק,
פֿאַרוואונדערט בלייבן שטיין,
אַ וויל ווערט זייער בליק
אויף אַנדערשדיק און ריין.

1916

טעג...

אַוועק זיינען טעג, וואָכן און מאָנאַטן.
יאָ, אַוועק, נאָר זיי קומען צוריק צוגיין מידע,
אויף די ליפּן די זעלביקע בשורה;
אַזוי ווי אַ שטייאיקער וואַסער, אַ גלאַטער,
באַרגט זיך אויף פֿון אַ פֿלוצלונגן שטורעם,
דערנאָך צעציט ער זיך אין די טייך־ברעגן ווידער,
אָן באַוועג אין די גלידער.

אָ, די טעג, וואָכן און מאָנאַטן, —
זיי וועלן זיך אייביק אַזוי פֿאַר מיר שלייכן,
ווי פֿייגל איבער פֿאַרנעפּלטע טייכן —
זיי וועלן קיין פֿרייד מיר שוין קיינמאָל נישט ברענגען;
ווי אין אַ האַרבסטיקן הימל אַ מאַטן
וועלן מיינע טעג, וואָכן, מאָנאַטן —
ווי שטערן פֿאַרלאָשענע הענגען.

1928

דער רוף

יענער רוף פון די לייבלעכע ברידער,
יענער רוף פון די לייבלעכע שוועסטער,
בייגט דעם קאָפּ צו דער ערד אונדז אַנידער,
אַט דערהויבט ער, און בינדט צונויף פעסטער!

אין דער וועלט פון פאַרצעריקע פלאַמען,
וועלכע לעקן ווי הינטישע צונגען
אונדזער מאַרך מיט די בלוטן צוזאַמען ——
יענער רוף האָט זיך פלוצלונג צעקלונגען!

כאָטש מיר אַלע פאַרגייען אין ווייען,
פאַר אַ וועלט, וואָס עס וועט באַלד געבאָרן —
ווער קאָן וואָגן אַרויס פון די רייען,
און נישט נאָכגיין דאָס שאַלן פון האָרן?

יענער רוף פון די ברידער און שוועסטער,
גליט ווי פייער פון וועלפישע אויגן, —
אי ער שרעקט, אי ער בינדט אונדז אויף פעסטער,
און מיר ווערן צום פלאַם צוגעצויגן!

1919

דער פלאַמען־יום־טוב

איך רוף צו אַלעמען, ביי וועמען ס'איז דאָס לעבן טייער,
ביי וועמען ס'שטאַרבט דאָס לעבן אָפּ צוזאַמען מיטן טויט,
איר זאָלט זיך ווי פון פעסט פון שלאָף פון קלעפּיקן באַפרייען,
און לעבט נישט אָפּ אַ האַלבן לעבן שלאָפנדיקערהייט!

די מענטשן, מיט די קעפּ געבויגן אונטער סטעליע —
די רוקנס אייערע צום הויכן הימל־רוים גלייכט אויס!
צום אָוונט נישט פאַרשקלאַפט, — היט אָפּ דעם טאָגס באַפעלן,
דער היינט — נישט אויסגעלעבט, און שנעל אַזוי פאַרווישט!

ביינאַכט מאַכט פייערן פון אָפּגעדאַרטע צווייגן,
פּעך און טאַרפּעטין דריקט אויס פון יעדן סאָסנע־שטאַם;
אין באַרג פון יאָלקע־נאָדלען באַגראָבט דעם מאָרגנס דאגות,
צינדט אונטער — זאָל אַלץ ברענען אין רעגנבויגן־פלאַם!

אַ צווייג, אַן אָנגעצונדענעם, אין האַנט זאָל יעדער האַלטן,
עס זאָל די וועלט זיך איינטונקען אין הייסער פֿלאַמען־פּראַכט.
אַזוי ווי העלער זונען־טאָג — די פֿנימער צעשטראַלטע,
און וואַכנדיק, אין פֿייער־גליק זאָל אונדז אַוועק די נאַכט!

עס זאָל זיך לענגער, ליכטיקער, דאָס לעבן אונדזערס שפּרייטן,
מיר וועלן אונדזערע נעכט פֿאַרטרייבן מיט געזאַנג און פֿרייד,
די יאָרן אונדזערע מיט פֿלאַמען וואַך באַגלייטן,
און ס'וועט דער פֿלאַמען־יום־טוב אונדז באַשטראַלן פֿאַרן טויט!

1918

אָן אַ האַנט

קאָנסט אַרומגיין יאָרן־לאַנג
אין דעם טעמפּן מענטשן־לויף;
אַלץ דערזעלבער שטאָט־געקלאַנג,
נייס האַלט זעלטן־ווען דיך אויף.

פֿון געוואוינהייט קוקסט זיך אום,
פֿון געוואוינהייט גאַרסטו זען;
אַלץ באַקאַנט איז דיר אַרום,
דאָרט אויך, וואו ביסט נישט געווען.

האָסט געזען אי שטויב, אי גאָלד,
האָסט אי פֿרייד, געוויין געהערט.
בעטלער האָסט דיין צינז געצאָלט,
אומגליק האָט דיין אויג געטרערט.

מענער האָסט אָן הענט געזען,
פֿרויען — אָפּט אויף קוליעס גיין!
ווייסט אויך: ס'קאָן נאָך פֿיל געשען,
פֿיל קאָן טרעפֿן דיך אַליין.

דאָס געוויינלעכסטע, אַמאָל,
אָבער פֿאַלט דיר גאָרנישט איין;
ווי ס'מוז נידעריק זיין אין טאָל,
ווי אַ קינד קאָן גרוי נישט זיין. —

איינמאָל, — גייענדיק אין גאַס, —
אין געוויינלעכן גערויש,
אין דעם מאָנאָטאָנעם רעש,
וועלכער גיט דיין אויג קיין טויש, —

האָט אַ מיידל דורכגעטאַנצט,
אויטאָ, טראַמוויי דורכגעקרייצט;
נאַכט־שיין האָט אויף איר געגלאַנצט,
און די ברעמען איר געקנייטשט.

קראַנקער רייץ האָט איר באַשטראַלט,
קראַנקער גליק האָט איר פֿאַרהילט,
און אַ קליינטשיק פּנים־פֿאַלד
האָט זיך אומרואיק געשפּילט.

ס'האָט איין האַנט ביי איר געפֿעלט,
ס'האָט איין אַרבל זיך געוויגט — —
דאָך האָט זי די טריט געשטעלט
מאָדנע זיכער און אַנציקט.

כ'קאָן פֿיל אומגליק אויף דער וועלט
כ'שטיי אַליין ביים אומגליק ראַנד; —
נאָר כ'האָב זיך נישט פֿאַרגעשטעלט
ווען אַ מיידל אָן אַ האַנט.

1911

סאַקאָ־וואַנזעטי [1]

זייער לעבן — אויסגעלאָשן,
זייער אַש — לאַנג אויסגעשאָטן, —
ווי דעם נביאס בלוט פאַרגאָסן, —
האָט אויך זייערס — לאַנג געזאָטן!...

און עס קאָן גאָר שטיל נישט ווערן,
בלוט ווערט קיינמאָל ניט אַנטשוויגן;
ביז די גאַנצע וועלט וועט הערן,
אַז ס'איז זייער שולד אַ ליגן!

נאָר דאָס בלוט וועט אַלץ נאָך שרייען,
זיך אין מערדערס האַרץ פאַרקלייבן;
עס וועט שרייען: קין! — קין! —
נע ונד ווי ער זאָלסט בלייבן.

סאַקאָ, וואַנזעטי און סעלעסטינאָ מאַדעראָס [2]

... ס'איז איינער נאָך מיט זיי
געשטאָרבן אין איין ריי.
נאָר ס'ווערט זיין נאָמען נישט
ווי זייער באַגריסט.

ס'האָט זייער ביידנס טויט
די גאַנצע וועלט באַגלייט.
דער אמת פון דער וועלט
מיט זיי האָט דורכגעהעלט.

און וואו נאָר דו וועסט גיין
וועסט זען אַ דענקמאָלשטיין,
און לוחות אויסגעקריצט,
פאַר אמת אומבאַשיצט.

וועסט גלייך מיט אַלעמען
אויך מיך ביים דענקמאָל זען,
שטיל טרויערן נאָך זיי
אין אויפגעצוקטן ווײ.

נאָר זען וועל איך אַליין
אַן'אַנדער דענקמאָלשטיין,
אַ ניט־געשטעלטן נאָך,
זיך גרויען וואו אין מאָך...

פאַר אים... וועם ס'האָט די וועלט
פאַר מערדער אויסגעשטעלט. —
אַ דרייפאַך מערדעריונג
פאַרלאָזט ער לעצטן פונק...

דאָך האָט ער פאַרן טויט
פון שלעכטס זיך אָפגעשיידט.
האָט דרייענס שולד געבאַרגט
אויף זיין נאָך יונגן קאַרק.

ער האָט די טויטן דריי
פאַרדינט דאָך סיי ווי סיי. —
נאָר זיי, וואָס ער מאַכט ריין,
בלייבט ריין אויך ער אַליין.

און ווען איך וועל נאָר גיין
צו זייער דענקמאָלשטיין,
וועל איך מאַדעראָס טויט
דערמאָנען שטילערהייט.

---

1) סאַקאָ, וואַנזעטי און סעלעסטינאָ מאַדעראָס געטויט אויפן עלעקטריק־טשער, 1927.
2) מאַדעראָס איז געמשפּט געוואָרן פאַר רויבעריי; און פאַר זיין טויט האָט ער גענומען זייער ביידנס שולד אויף זיך.

1927

טריט פון גאַס

איך זיץ ביים פענצטער האַלבע
נאַכט, —
די אויגן — צו, נאָר איך בין וואַך.
נישט גאַס, נישט הימל שפּרייטן שיין,
ווי ס'וואָלט פון האַלב־נאַכט
שפּעטער זיין!

איז גוט צו קוקן אויגן — צו,
און זען און הערן רו, בלויז רו.
פון וויטן — טריט פון צוויי:
טראַט־טראַט, —
דאָס וועקט זיך שלאָפנדיקע שטאָט.

טראַט־טראַט, טראַט־טראַט, אַהין —
צוריק, —
הילכט אָפּ אַ שטומע פרייד אַנציקט.

— טראַט־טראַט, אַט רופט אונדז שוין
די היים!
— טראַט־טראַט, איך וויל נאָך גיין
און גיין!

און ווידער אויפגעגליטער גאַנג,
ווי טריט פאַרפלאָנטערט אין געפאַנג, —
טראַט־טראַט, אַ יונגער האַרץ־געשלאָג,
ווי ראָד נאָך ראָד וועז אויטאָ יאָגט, —

געיעג, אַנטרינונג, אָן צעשייד, —
טראַט־טראַט, — אַ קינדערשער געררייד
און פּלוצלונג, מאָדנע שטילקייט וועקט,
איך הער נישט מער דעם טריט־געיעג.

אַלץ שלאָפט פאַרהילט אין טיפער נאַכט,
נאָר איך אַליין בין וואַך, בין וואַך!

אַ גאַסן־מיידל

כ'וועל מיין צימער קליינשטעטיש פאַראַמען,
קיין איין זאַך — פון מיין פריערדיק לעבן;
ס'וועט זיך הענגען דאָס בילד פון מיין מאַמען,
דער פאַרשטאָרבענער טאַטע — דערנעבן.

און די האָר אין אַ וועגל פאַרקעמען,
וועל זיך אָנטאָן אַנ'איינפאַכע קליידל;
ער וועט קומען...וועל איך זיך פאַרשעמען,
ווי פאַרצויגענע, צנועדיק מיידל!

און די טיר היינט פון אַלע פאַרשליסן,
קיינעם לאָזן מיין שוועל איבערטרעטן;
כ'וועל דערקענען זיין גאַנג... כ'וועל שוין וויסן,
ווי אַ מלאך צו זיך אים פאַרבעטן!

כ'וועל היינט מאַכן אַ יום־טוב אַ גרויסן,
פאַר מיין ליבן, וואָס איז נישט ווי אַלע;
נעבן אים פיל איך זיך נישט פאַרשטויסן,
נעבן אים בין איך ריין ווי אַ כלה!

1912

דער ערשטער שניי

ס'האָט זיך דער הימל — געפרוירענער זייד אַ שטייפער —
ביז צום פּלאַצן אָנגעצויגן.
דער זונס בלוטיקע שטרייפן,
ווי אַ רעגנבויגן,
האָבן זיך אין הימל איינגעביסן.
און פּלוצלונג האָט געגומען שטורעמען און פייפן;
ווי קריעה־לייוונטן זיך מיט אַ שאַרף געוויין געריסן.
און פון אויבן — שטיקער הימל ווייסער —
האָבן זיך געשאָטן פון דעם קריעה־רייסן. — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי מאָדנע און אַנדערש איז דער ערשטער שניי
געקומען צו מיר היינטיקס יאָר;
כ'האָב זיין אָנקום פאַראויסגעזען, פאַראויסגעפילט,
נאָך איידער ס'האָט זיין ווייס די וועלט פאַרהילט!
אין מיין האַרצן איז דער ערשטער שניי געבאָרן,
ער האָט אין האַרץ געוואַשן זיך אַזוי קאַלט און אַזוי קלאָר;
ווייסע בליטן פון מיינע יוגנטיאָרן
האָב איך מיט מיינע פינגער ווייטיקדיק צעריסן,
און אויף מיין וועג אַ שניי אַזאַ צעשאָטן —
שטיקער פון מיין ווייסן לייב, —
האָב ביז די קני אין אים אַליין געטראָטן. —
אָ, שטורעם־ווינט, נישט יאָג אַזוי, נישט טרייב!
איך הער, דאַכט זיך, אַ מענטשלעכן געשריי
פאַרשטיקט אַרויסשרייען פון שניי — — —
— ס'טוט וויי! — — — — — — — — — — — — —

1929

די באַלאַדע פון פיר טעג

צו מיין קינד חיהלע

פיר טעג ווי פיר זיילן צעשטעלט אין אַ פירעק,
איינגעגראָבן אין דר'ערד — אַ יסוד פאַר אַ בנין;
פיר טעג, ווי פיר ווענט פון אַ קאַסטן אַ פאַרמאַכטן
האָבן מיך אַרומגעצאַמט און האַלטן מיך פאַרשלאָסן.
פיר טעג אין איין ריי; איינער גלייך נאָכן צווייטן; —
אַ צופאַל, וואָס האָסטו פיר טעג ווי פיר לייבלעכע ברידער,
זיי צוזאַמען געבוירן, קיינמאָל נישט צעשיידטע.

טאָג פון געבוירן; — טאָג פון טויט און געבוירן צוזאַמען; —
טאָג פון קבורה; — און טאָג פון מצבה דיר שטעלן.

עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן;
ווי קלאַנגען פון טורעמגלעקער צעשאָטענע
אין אַ מיטן נאַכט, אַ פינצטערער! — — —
טאָג עלף איז געווען דער שענסטער,
דער אויסדערוויילטסטער, דער גליקלעכסטער פון אַלע פיר!

טאָג עלף, טאָג עלף! — ביסט געבוירן אין פעברואַר!
די זון האָט געגאָסן איר גאָלדן־גרין
אויף דיין פראָסטיקער, אומענדלעכער ווייסקייט.
האָסט געגליט ווי דער אָנגעצונדענער באַגין,
וואָס באָדט זיך אין קאָלירנדיקע פאַרבן,
מיטן פרייד פון לעבן, און פאַרבאָרגענער מורא פאַר שטאַרבן,
וואָס יעדער ברענגט מיט פון געבורט.
אָבער מיר האָט נאָר דאָס פרייד געברענט,
און כ'האָב מיין פרייד געזען אַ הייסע, אַ ליכטיקע,
ווי עס טוליעט זיך אין מאַמעס ציטערדיקע הענט,
ווי אַ זון, אַנ'אויפגייענדיקע זון!

טאָג פון געבוירן:

טאָג עלף, טאָג עלף! האָסט קונציק די ווינטערדיקע טעג
אין בלויע פרילינגען אונדז פאַרביטן.
פון די ווינטערס זיינען פרילינגען געוואָרן;
פערצן פרילינגען זיך געבאָדן אין זון אין צעגליטן;
פערצן פרילינגען אין זיבן געחלומטע יאָרן!

ווי אַ שאָף איז אין האַרצן געשלאָפן דאָס שרעק,
און האָט אונדז פון גוטן חלום נישט געוועקט.
געלאָזט זיך שפּינען די גאָלדענע קינדערשע מעשה
מיט דער ליכטיקער מחנה טויבן דער ווייסער,
וואָס האָט געשוועבט און געדרייט זיך ווי אַ קרייז אין דער לופטן,
און אַ שפּאַרבער האָט געוואָלט דעם קרייז צערייסן,
האָט די מאַמע־טויב אַן אָדלער צו הילף גערופן, —
האָט אָדלער דעם שפּאַרבער פון קרייז פאַרטריבן,
און די טויבן זיינען לעבעדיק געבליבן! — — —

טאָג פון טויט און געבוירן צוזאַמען:
טאָג צוועלף!
דו לייבלעכער ברודער פון עלף! —
מען טאָר זיך פון טרוימען און מעשיות נישט לאָזן פאַרבלענדן,
די לייד קומט אינגאַנצן, די פרייד — זי קומט שטענדיק
אַ העלפט;
די גאָלדענע מעשה האָט זיך אַנדערש געענדיקט.
ניט מיט קיין שפּאַרבער און טויבן איז די מעשה געווען,
נאָר מיט אַ מלאָך און קינדער איז דער חלום געשען:
צוויי נשמות האָבן אין הימל געוואַרט אויף דער שעה,
ווען דער מלאָך וועט זיי נעמען מיט זיך אויף דער ערד!
די נשמות זיינען שוועסטער און ברודער געווען;
פולע יאָרן איז אין הימל פאַרביידן נישטאָ,
איז איין לעבן זיי ביידן געוועזן באַשערט;
ס'איז פאַר איינער נאָר דאָ לאַנגע יאָר,
די אַנדערע — איין טאָג בלויז די וועלט קאָן זען,
איין טאָג... נישט קיין פרייד, נישט קיין דור! —
האָט דער מלאָך צו דער עלטסטער נשמה געזאָגט:
— טייער קינד! דו קלייב אויס: וועסט לעבן גליקלעך און לאַנג,
דיין ברודער, — ער האָט בלויז צו לעבן איין טאָג! — — —
קלינגט אַ קינדערשער קול ווי אַ געזאַנג:
— איין טאָג נעם איך זיך; מיין ברודער — די לאַנגע יאָר! —

שטיל איז פּלוצלונג אין הימל געוואָרן,
ווי אַ שרעק האָט איר גוטסקייט די מלאָכים דערשטוינט,
גאָט אַליין האָט געהאַלדזט איר, און שטיל זיך צעוויינט,
און ער האָט זי פאַר איר גוטסקייט באַלוינט:
זיין שמייכל האָט איר פּנים באַהנט. —

און אין די אוצרות פון טעג האָט גאָט דעם שענסטן אויסגעקליבן,
אים אויף פערצן פרילינגען זוניקע פאַרלענגערט,
גאָר דאָס פרייד און נישט ערדישע ליבע
האָט גאָט אַליין אַרייגעגעבן
אין איר קורצן, זוניקן לעבן! ———————

טאָג צוועלף, טאָג צוועלף!
ברודער פון ליכטיקער עלף! —
ביסט געקומען אין אַ שעה אַ שווערער,
וואָס האָט געשלאָגן ווי אַ באַפעל.
דו האָסט געמאַכט אונדזער הימל קלערער,
אָבער נישט אינגאַנצן העל!
ביסט טויט!
ביסט געבורט און פרייד,
ביסט לעבן און טויט צוזאַמען;
עס ווערט אויסגעלאָשן איין שטערן
און איינער — גייט אויף אין פלאַמען;
ביסט צער און פרייד דער מאַמעס; ———
דיר איז אַ וואונדערלעכער נס באַשערט, —
דורך דיר וועט נישט אָפּגעמעקט ווערן
דאָס שענסטע לעבן אויף דער ערד! —
ביסט געקומען שוועסטערס פרילינג צו דערוועבן
מיט דיין אייגענעם לעבן!

טאָג פון קבורה:
און דו דרייצן?! טאָג פון מיין יאָמער און געוויין!
ביסט ביי מענטשן און פעלקער פאַרהאַסט.
דער טאָג פון אומגליק ביסטו! אין דיין טראָט נישט צו שטיין!
דו ביסט די אייבוויגנדיקע לאַסט!
ביסט געבוירן נישט טויט, נישט לעבעדיק,
טרויעריק, פינצטער איז דיין צורה;
ביסט טאָג פון קבורה!
ביסט דער העלפער פון טויט, טראָגסט באַהאַלטן מיין גליק,
ביסט די הייל, וואו דער טויט האַלט זיך אויף,
אין דיין הייל שלאָפט מיין איינציקערס גוף!
ניין, אויך דיך וועל איך נישט פאַרשילטן,
דו האַלטסט דאָך מיין גליק אַ פאַרהילטן
אין דער קאַלטער ערד באַרוט.
זיי צו אים גוט!

טאָג פון מצבה שטעלן:
טאָג פערצן! — מיסטעריע פון מיין גאַנצן זיין,
אָנדענק פון מיינע פערצן ליכטיקסטע פרילינגען.
געהיימער ספינקס, דו שטומער מצבה־שטיין; —
דו האַלטסט אין זיך איין
אַלע מענטשנס געבעט און געוויין
פאַר דורות לאַנג, אין דער אייביקייט אַריין.
דו טראָגסט די שטומע אייביקייט אַליין אין זיך;
דער קול פון מיין קינד שרייט אַראָפּ פון דיין קאַלטן גראַניט:
— אָ, פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, דאָס בין איך!
דערקענסט מיך ניט? — — — — — —

1929

די סטאַטוע

(באַלאַדע)

אַ מוטער מיט אַ ווייכן בליק
האָב איך געקענט.
פאַר איר איינאיינציק קינד האָט גליק
אין אים געברענט.

אין אַלע קנייטשן פון געשטאַלט,
אין שטילן גאַנג —
האָט וויך איר קינד אַרויסגעשטראַלט,
ווי אַ געזאַנג.

נאָר ס'האָט אַנ'אומבאַוואוסטע קראַפט
דאָס קינד געצערט;
אַ בלום, אַ זאַמדיקע, אָן זאַפט,
אויף פרישער ערד.

ביז טליענדיק האָט שנעל פאַרטליט
דער מוטערס פרייד.
אָן אַ מצבה — פריש פאַרשיט,
אַ בערגל שטייט.

און אויף דעם בערגל, טאָג און
נאַכט,
אַ מוטער ליגט;

אַ לעסטערדיק געלעכטער לאַכט,
די קליידער פליקט.

האָט אַלע ווערטער אויסגערעדט
און אויסגעוויינט; —
גראָבט אויס דעם קינד פון גרוב
און גלעט

אין פעלד אַליין!

נאָר פלוצלונג האַלדזט זי אים און קושט
מיט אַזאַ פרייד; — — —
און בלייבט אַזוי מיט אים ביים ברוסט
פאַרשטיינטערהייט.

און ווער עס פאָרט דעם וועג פאַרביי,
וויגט מיטן קאָפּ:
מען טאָר ניט זיין צופיל געטריי,
דאָס פירט אַראָפּ.

טוריסטן זאַמלען זיך פון ווייט
און בלייבן שטיין:
— אַ סטאַטוע פון אַלטער צייט,
ווי וואונדערשיין!

1915

ווער ביסטו?

האָט איר געהערט פון אַזאַ שפּיל,
אַ שפּיל אַזאַ — „ווער ביסטו?"...
אָ, ניין, איר האָט עס קיינמאָל ניט געהערט;
דאָס איז אַ מאָדנע, מאָדנע שפּיל,
וואָס זי אַליין האָט אויסגעקלערט,
און האָט אַליין געמוזט עס שפּילן.
בלויז זי האָט אין דעם שפּיל געקענט פאַרהילן
דעם שנעלן יאָג פון פרייד און לייד,
וואָס האָט איר פּנים העל פאַרשפּרייט,
און ס'איז מיר איצטער אַ באַשייד; —
פאַרוואָס האָב איך עס פריער נישט געקאָנט דערפילן
אַז רגעדיק איז מיר מיין גרויסע פרייד?
דאָס האָט זי זיך און אונדז שטאַרק אָנגעפרייט
אין אירע זיבן זומערן פאַרפלויגענע.
האָט ווי אַ פלאַם און פלאַקער אויסגעלעבט
די פרייד פאַר אונדז, די פרייד איר אייגענע...

אַ יום־טוב־טאָג. אויף אַ שפּאַציר
אַ פולע גאַס מיט מענטשן, און ס'קאַכט אויף דעם אַספאַלט!
די אייגעלעך מיין קינדס צעשטראַלט,
און ס'זינגט און קלינגט איר יעדער ריר.
ווי ליב זי פלעגט, אַ קליינינקע, אַרויפקוקן צו מיר
אויף די שפּיצפינגערלעך, — אַזוי־אַ הויך!
ווי צו דער זון אַ בליענדיקער קוסט זיך ציט,
קענסט זען און הערן וואַקסן יעדן גליד...

און פּלוצלונג שטעלט מיין מיידעלע זיך אָפּ
מיט קינדערשן קאַפּריז־געבעט אין בליק:
— אָ, לאָמיר, פּאַפּאַ, שפּילן אונדזער שפּיל
„ווער ביסטו?" —
איך האָב ווי זי אויך ליב געהאַט דאָס מאָדנע שפּיל,
נאָר ס'האַרץ פלעגט תמיד דריקן מיר אַזוי
ביים נאָכטאָן וואָס זי וויל!

מיר מישן זיך אין גאַס מיט אַלע אויס.
איך קוק מיר אָן אַ זייט אַ שטרענגער, פרעמד.

מײַן מײדעלע קומט צו, רירט אָן מײַן האַנט,
און איך, — איך האָב איר נישט דערקענט...

— װער ביסטו ? !
— דײַן קינד, דײַן מײדעלע.
— אַװעק ! איך קאָן דיר נישט !
איך װײס נישט װער דו ביסט !
— אָ, פּאַפּאַ, דאָס בין איך !
דערקענסט מיך ניט ?
— ביסט נישט, מײַן קינד איז אינדערהײם ? —
מיט טרער אין קול און הײזעריק,
און אַזאַ שרעק בײַ איר אין בליק !
— אָ, פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, דאָס בין איך !
— אַװעק ! — און כ'רײַס מײַן האַנט אַרױס,
נאָר ס'האַלט מײַן קינד שױן מער נישט אױס,
און פֿאַלט אַ כליפּענדיקע צו מיר צו :
— מײַן פּאַפּאַ, פּאַפּאַ דו ! — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און לאַנג האָט זי געקלאַמערט זיך אין מיר,
געכליפּעט און געװײנט :
— זאָג, פּאַפּאַ, האָסט אױף אמת דאָס געמײנט ;
דו האָסט מיך נישט דערקענט ? —

מיד און אױסגעשעפּט װי שרײַען הילף
אומזיסטערהײט אַ גאַנצע נאַכט,
אַזױ איז זי געװוען צעשראָקן און פֿאַרטראַכט.
ס'פֿלעגט נעמען לאַנג ביז זי האָט װידער אױפֿגעלאַכט,
מײַן שטענדיק לאַכנדיקעס קינד !

װי אין קאָשמאַר נאָך קלינגען פֿאַר מיר אירע טריט — — — —
— אָ, פּאַ, דערקענסט מיך ניט ?

1928

די טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעפּראַלט,
און מיטן קרומען ריס פון דרויסנדיקן ווינט —
האָט זיך דאָס מיידעלע אַ פריידיקע אַריינגעיאָגט.
אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז דער מאַמעס
און אַן אָטעם אַרויסגעזאָגט:
— אַ, מאַמע, כ׳ווייס עפּעס, איך ווייס!
פּאַפּאַ מיר אַליין אינדרויסן איצט דערציילט.
אים האָט זיך געחלומט היינטיקע נאַכט,
אַז ער איז ווי אַ מלאך געפלויגן זייער הויך,
אין אַלע לענדער אויסגעוועזן,
און אין רוסלאַנד מיין באַבען געזען;
ער איז געלאָפן אַזוי הויך, אַזוי גרינג,
פון אַ פויגל מער פלינק,
שנעלער פון אַן עראָפּלאַן;
ער גיט אַ מאַך מיט די הענט — און ער פליט —
און פאַר ווילדע חיות האָט ער קיין מורא ניט,
ווי אַ מלאך אין הימל — ער פליט.

אָטאָ לאָזט ער זיך אַביסעלע אַראָפּ;
אַז אונטן דערזעט מען אַ מענטשישן קאָפּ,
קלייבן זיך אַלע מענטשן פאַר וואונדער צונויף,
קוקן צום פּאַפּע אויבן אַרויף.
זיי רעדן צו אים, און ער רעדט צו זיי,
אַז אַמאָל וועלן אַלע מענטשן פליען אַזוי;
נישט נאָר אַ מלאך וועט אין הימל קאָנען זיין,
נאָר אַלע וועלן אין גאָטס פּאַלאַץ אַריין.
און ווי פּאַפּאַ מיט די מענטשן אַזוי רעדט,
האָט ער פּלוצלונג פון ערגעץ אַ געשריי דערהערט,
און אַ קינדעריש געוויין; —
האָט זיך פּאַפּאַ פאַר שרעק אין לופט געטאָן אַ דריי,
זען פון וואַנען ס׳קומט דעם קינדס געשריי — —
און איז אַראָפּגעפאַלן צוריק אויף דר׳ערד! — — —
אויף אַ רגע בלויז איז ס׳מיידעלע געבליבן שטיל,
נאָר יעדעס גליד אין איר האָט נאָך געצאַפּלט זיך — געערדט,
אויף איר פּנים שפּילט די וואונדערלעכע שפּיל.
אין אירע אויגן ברענט דער חלום און געשעט! — — —

— און איך זאָג דיר, מאַמע, מאַמעלע,
כ'האָב עס פּאַפּאַן אויך געזאָגט.
ס'איז נישט אַ חלום ווי אין פעירי־טעילס,
ווי אין מעשהלעך פאַרציילט,
פון ליטל רעד ראַידינג הוד,
און פאַרכישופטער הייל — — —
זאָל דער פּאַפּאַ טראַכטן, טראַכטן פון דעם גוט! —
זאָל ער טראַכטן, קלערן נאָר פון דעם;
איך ווייס, איך ווייס, עס קאָן געשען!
ווי ס'איז מיט יוספס חלום אויך געווען. — — —
ביסט אַ שלעכטע, מאַמע, וואָס דו לאַכסט פון מיר,
וואָס אַזוי מאָדנע דו קוקסט אויף מיר.
פון יוספן די ברידער האָבן אויך געלאַכט,
אָבער יוסף האָט פון זיין חלום נאָר געטראַכט.
און דערנאָך, דערנאָך געדענקסטו וואָס עס איז געשען? —
יוספס חלום איז אַן אמתער געווען!

1929

דער נס איז ניט געשען...

צו מיין ברודער משה

דער נס איז ניט געשען, דער נס איז ניט געקומען.
באַזיגטע האָבן מיר דעם טויט דיך אָפּגעגעבן.
עס האָט דאָס כישוף־וואָרט געביסן אונדז דעם גומען,
דאָך ניט געהאָט די קראַפט דיך ווידער מאַכן לעבן!

די אויגן ווי ביי וועלף אין פאַספאַר אָנגעצונדן,
אַ ווירויך שאַרף און דין — פאַרוועבט אונדז ווי אַ נעפל;
די ווייט האָט זיך געקרייזט פאַר אונדז אין מאָדנע רונדן
און מחנות נידערן פון בערג אויף שווינדל־טרעפּן.

האָסט ביז צום סאַמע ענד אונדז צוויבערן געבעטן,
פאַרגאַפּטערהייט געקוקט אויף אונדזערע הוועיות.
ס'איז טאָפּלט שווער די לאַסט, וואָס טראָגט אין זיך קיין רעטונג,
און די פאַרצווייפלונג וואַקסט, ווען שטומקייט לאָזט ניט שרייען.

1927

אַ גוטע נאַכט

— אַ גוטע נאַכט דיר, פּאַפּאַ,
— אַ גוטע נאַכט דיר, מאַמאַ! —
— שלאָפט איין געזונטערהייט!
— שלאָפט איין געזונטערהייט!

ס'האָט געגעבן אַ שלייף,
ווי אַ לבנהדיק טייך,

פונם קינדערשן צימער —
אַ שטראַלנדיק שיין

פון פאַרלאָשענעם ליכט; —
ווי אין טונקעלער גאַס
שניידט אַ ליכטיקער פּאַס
זיך אַדורך אומגעריכט.

און אין די צימערן איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן.
נאָר ס'האָבן לייכט זיך אומגעוויגט די פענצטער־שטאָרן.
פון פריערדיקן רויש?...
צי ווייל די פינצטערניש האָט זיך באַהאַלטן
אַן איילנדיקע אין די שטאָרן פאַלדן,
און זיי באַוועגט אומפאַרזיכטיקערהייט,
ווי דאָס שאָרכן פון אַ קלייד?

אין לעצטן צימער, ביים גרויסן טיש, שוין נאָכן עסן, —
ווי פּלוצלונג איינגעשוויגענע איז שטיל געזעסן —
די טאַטע־מאַמע; נאָר זייער בליק האָט בלויז דערוועבט
די ענדע פון דעם טאָג, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט.

די שטולן איבערגעקערטע ליגן אויפן דיל,
די שפּילצייג צעוואָרפענע אין מיטן שפּיל, —
דער „טעדי־בער" ליגט אויף דער „פּוסי" אָנגעשפּאַרט;
פּאַפּירן, ביכער, צעוואַלגערט און אויפגעשאַרט, —
און ס'איז אויף אַלץ נאָך ווי אַ טוי פאַרשפּרייט:
געשריי, געלעכטער און קינדערשער גערייד.

אַ שמאָלער ליכטפּאַס זיגזאַגט זיך פון דרויסן אויפן דיל,
און טאַטע־מאַמע רעדןביידע אין דער שטיל:
— אַז זיי ווערט אומעטיק, — זיי זאָלן לעבן, —
און וויפיל צרות זיי זאָלן דורכן טאָג נישט געבן —
דאָך זיינען רגעס מיט זיי אַ סך פאַראַן,
וואָס איז טייערער פון אַלץ, מיין ליבער מאַן! —

— אָ, ניט קיין צרות רוף עס אָן, מיין קינד,
ס'איז ווי דער זונבלענד מאַכט אַ רגע בלינד,
און ס'גאַנצע לייב פאַרגייט אין מאָדנעם צוקן;

און נאָכדעם נעמען שאַרפער נאָך די אויגן קוקן,
מיט זיי לעבסט ווידער דורך דיין יוגנט־פרייד,
וואָס דו האָסט אין דיין קינדהייט שטיפעריש צעזייט.

ניו־יאָרק, אויגוסט, 1925

קדיש

דו ווייסט, מיין פאָטער, מיר פאַרגעבן
פאַר מיינע לעסטערדיקע רייד.
כ'נעם אָפּ פון גאָטס רשות מיין לעבן
פאַר דיין אכזריותדיקן טויט.

אָ, כ'ווייס, ניט דאָס איז דיין פאַרלאַנגען,
געווען אין גוססדיקן פּיין;
— נאָר אים כ'זאָל זינגען לויבגעזאַנגען,
„ווער ס'איז געווען, איז דאָ, וועט זיין!" —

אויב ס'מוז מיט בלוט און מענטשן־ביינער
זיך פלאַסטערן משיחס וועג,
דאַן וויל איך קיינמאָל זיין דער איינער,
וואָס וועט באַטרעטן יענעם ברעג!

אויב גאָט און מערדער,ביידע דאַרפן
נאָר בלוט, — זיי זאָלן זיגער זיין,
וועל איך די לוחות גאָטס פאַרוואַרפן,
פאַרגיין אַליין אין וואַנזין־פּיין!

כ'וועל בעסער היינטער פאַרקאָן פוילן
און זיין פון הייך און ווינט פאַרצערט,
און שענדן זאָלן מיך אַ הוילן
די הינט און קראָען אומגעשטערט!

ניין, כ'וועל נישט לויבן גאָט אַצונדער
פאַר דיין אכזריותדיקן טויט.
נאָר כ'וועל פאַרשוועכן זיינע וואונדער
מיט מיינע לעסטערדיקע רייד.

1919

זאָרג

מיט טאָרבעס זאָרג פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען,
ווי אַ קעמל מיט די האָרבן אָנגעלאָדט, —
אַ זאָרג, אַ נישטגעזעענע, צעוואַקסט זיך,
וואָס מאַכט אומעטיקער, וואָגיקער מיין טראָט.

איך גיי אַרויס דעם רויש פון שטאָט אַנטקעגן
מיט די משאס צו דעם טעגלעכן יאַריד,
עס טרעפט, כ'פאַרליר אַ טאָרבע אויף די וועגן,
די פאַרבאָרגענע — איר טראָג איך שטענדיק מיט.

און אָט די משא וועל איך אייביק טראָגן,
ווי אַ לייבלעך קינד פון גאָר אַנ'אַנדער וועלט.
צו וואָס, צו וואָס דאַרף איך די מענטשן זאָגן,
ווען כ'טראָג אויף זיך פון אַלעמען פאַרשטעלט.

1929

פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

האָב איך, מיין גאָט, קעגן דיר ווען געשטעלט זיך,
האָב איך אַליין נישט דערציילט דיר מיין זינד?
האָב איך פאַרצווייפלטערהייט ווען געשעלט דיך? — — —
זאָג, גאָט, פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

ס'זיינען די מענטשן אין טאָג־רויש פאַרנומען,
ווער האָט דען צייט צו באַמערקן זיין זינד?
כ'הער פון אַ פענצטער אַ כליפּען אַ שטומען — — —
זאָג, גאָט, פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

אַלע שוין רוען... די זינדער אַפילו,
ס'רוט נאָר מיין האַרץ ניט, כ'פאַרגיי אין מיין זינד;
ס'פלאָטערט אַ קינדערש געוויין ווי אַ תפילה — — —
זאָג, גאָט, פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

וויל איך פון שטאָט און פון מענטשן אַוועקגיין,
ערגעץ צו וויינען אַליין אויף מיין זינד!
יאָגט מיך אַ קינדערש געוויין אויף די שטעגן, — — —
זאָג, גאָט, פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

וועלט האָט שוין וויטאָג פאַרקנייטשט אויף דיין שטערן...
קינד, זאָג אָן ווערטער, אין וואָס איז דיין זינד?
מענטשלעכן פיין קלאָגן אויס דיינע טרערן? — — — —
זאָג, גאָט, פאַרוואָס וויינט דאָס קינד?

1914

שוואַנען און זשיראַפן

דאָס גרין אויף די פעלדער און דאָס בלוי אויפן הימל,
די גרויליקע, בלוילעכע רויכן באַגינען;
פיגורן פאַנטאַסטישע אין רוים מיינעם שווימען —
אַ פרעג־צייכן שטרעקט־אויס דער שוואַנהאַלדז, דער דינער.

קאָן זיין, כ'האָב געלערנט פון די שוואַנען זיך פרעגן
אין גרין פון מיין יוגנט באַשייד און באַדייטונג:
פאַרוואָס, — ווען דו גייסט מער, — ווערן וויטער די וועגן,
און קוקן־אויס נאָענט — ווען דו זעסט זיי פון וויטן?

אַ, בלוי, מיין פֿאַרטרויטע, ווי דו האָסט מיך פֿאַרשפּונען!
מיין יוגנט האָט בלוי פֿאַר איר פֿאַרב אויסגעקליבן;
און בלוי האָט פֿון עמער געטריפֿט אין מיין ברונעם
אַמאָל נאָך, ביים היימישן, דאָרפֿישן שטיבל.

איצט זיינען די וואַסערן שוין מער נישט קיין בלויע,
דער גרונט פֿון דעם טייך איז צעגראָבן, צעריעט;
איך זע ניט זיין טיף מער — כ׳קאָן מיין לייב אים ניט טרויען, —
צום טונקעלן גרונט מיינע גלידער דאָך ציען.

און ס׳רוישן די יאָרן ווי די כוואַליעס ביים האָפֿן,
דיין טראָט זיך צעשיט אויף טשוגון און צעמענטן;
דיין פֿרעג־צייכן איצטער טראָגן טעמפּע זשיראָפֿן,
צעווילדטע אין מדברשן זאַמד, דעם צעברענטן.

1929

דריי מאָל...

דריי מאָל האָט זי אָנגעקלאַפּט שטיל אין מיין טיר,
און איך — בין אַ קראַנקער געלעגן.
דריי מאָל האָט זי אָנגעקלאַפּט העכער אין טיר,
און כ׳האָב נישט געקענט זיך באַוועגן.

דאָס פֿייער, וואָס האָט זיך פֿון טיר־שפּאַלט געבלענדט,
האָט מאָדנע צו איר צוגעוואונקען;
נאָר גרעסערער פֿייער איר האַרץ האָט פֿאַרברענט,
און ביטערער גאַל — איר דערטרונקען.

אַ וויינענדיק קול האָט זיך פּלוצלונג אין נאַכט
אַזוי ווי אַ קריע צעריסן;
און איך בין געלעגן האַלב־טויט און האַלב־וואַך
אין אָרעמס פֿון פּיינלעכער גסיסה.

דריי מאָל האָט זי אָנגעקלאַפּט לעצטע אין טיר,
און איך בין אַ קראַנקער געלעגן.
די טריט אויף די טרעפּ אָפּגעשטאָרבן פֿון איר, —
און כ׳האָב נישט געקענט זיך באַוועגן.

1909

דער פּאַטער

(טאָג־בוך פון אַ זעלבסטמערדער)

משה וואַרשען

1

דער וועג פון איינזאַמען איז פון געבאָרן
געווען שוין אָנגעגרייט זיגזאַגיש; —
ווי נאַכטוואַנדלער אין צויבער־חלום פאָרן
אין הימל־שפּרונגען וואונדערלעך און מאַגיש, —

האָב איך זיך אין מיין אייגן ווייט פאַרלאָרן,
און מיט אַ שמייכל קאַלט, און טראַגיש,
געטראָגן ווי אַ פאַנצער מיין באַשערטן דאָרן,
שטאָט בלומען, וואָס באַקראַנצן קינדער־יאָרן.

2

ס'איז דאָ אַן אָנהויב, אַ מיטן און אַ סוף.
אַזוי איז די וועלט: געבורט, לעבן און טויט.
דער וועלטס אַ קינד בין איך, — אַ שפּרונג און אַ לאָף,
און האָב דעם האַרמאָנישן דריילינג צעשיידט.

דעם גאָלדענעם מיטן, אים לאָז איך פאַר אייך.
דעם בריק מייד איך אויס, און איך שפּרינג ראַנד צו ראַנד;
מיין וואונש, ער איז פולער פון דעם טייך,
פאַרגינט מיר, פאַרגינט מיין אויסגעטרוימטן לאַנד.

3

ניין, איך האָב אויך אויף האַרטער ערד געטראָטן,
און אָפּגעקלונגען האָבן מיינע טריט.
ווי יעדערן — איז אויך מיין טרייער שאָטן
דעם וועג מיר פאַרלאָפן און געהיט.

נאָר כ'בין זיך מודה, ווי איך פלעג אָפט לאַכן
פון שאָטנס טריישאַפט הינטישער צו מיר.
פלעגט שעהן וואַרטן, ווען איך פלעג פאַרמאַכן
אַהינטער אים פון מויער־הויז די טיר.

און ס'פלעגט נאָך ווילדער מיין געלעכטער ווערן,
ווען ער ביי וואַנט פלעגט האַסטיק בלייבן שטיין;

דאָן פּלעגט ער קאָפּ אַראָפּ זיך איבערקערן,
אויף אַ באַלקאָן זיך הענגען איינאַליין.

4

אַ שלייפנברענעניש, אַ שנעלער האַרצנשלאָג,
אין לייב — אַ פּיבער־גלוט, דער אויער — אָנגעשפּיצט; —
ס'רייסט אויף די אויגן מיר דער אויפגעשטראַלטער טאָג,
ס'לייכט אויף אין האַרץ ביי מיר אַ יונגער פרילינג־בליץ! י

און ס'הויבט אָן וויגן מיך אַ לייכטקייט פליגלדיק,
איך שוועב אַרויף, אַרויף צום בלויען קינדער־לאַנד,
וואו כ'האָב אַמאָל געלעבט, און איצטער — שפּיגלדיק
שיינט ווידער אָפּ פאַר מיר זיין רעגנבויגן ראַנד.

אַ גרין־באַוואַקסענע אַ זון־באַשפּונענע,
מיט יונגע קינדערלעך פליט אום מיין יוגנט־פרייד;
נישט אַ פאַרלאָרענע, נישט אַן אַנטרונענע —
זי האָט זיך קיינמאָל נאָך פון מיר ניט אָפּגעשיידט.

זי איז זיך טריט ביי טריט נאָך מיר אַלץ נאָכגעגאַן,
און אין פאַרצווייפלונגס־שעה איז זי מיין טרייסט געווען;
זי האָט פון בלויען טייך פאַריאָגט די שוואַרצע שוואַן,
און האָט ניט צוגעלאָזט, אַז ס'זאָל מיר ביין געשען.

אַזוי רעדט זינגענדיק די ליבע יוגנט מיין
אין שאַרפן אויער מיר, וואָס קלינגט פון זיך אַליין;
און העלער צינדט זיך אָן אין האַרץ דער בלויער שיין,
ס'ווערט גרינגער, ליכטיקער פאַר מיר דער וועג צו גיין.

5

— וויין ניט, מאַמע מיינע, טייערע,
און דו, מיין פאָטער, דו האַלטסט אויך ניט אויס. —
וואַרעמען וועלן מיך פרעמדע פייערן,
וויט פון אייער רשות אַרויס.

— קוים דערלעבט דאָס ערשטע וואָרט פון דיר,
מיט וויפיל שרעק געלערנט דיך צו גיין.
ביסט דער ערשטער פויגל, וואָס אַנטלויפט פון מיר,
וואָס בלייבט פאַר מיר אַ חוץ געוויין? — —

— מסתמא איז גאָטס ווילן אַזוי,
מאַמע, טייערע, הער אויף, הער אויף! —
אומעטום וועגן און באַנען געשריי,
און שיפן לאָקערן: קום אַרויף!

6

אַפילו די וואַסער־פייגל האָבן ניט
געקענט דערגרייכן מער די ברעגן שיף,
האָט אייער בליק מיך אַלץ נאָך אָפּגעהיט,
געמאָסטן די פאַרשלינגנדיקע טיף.

איך האָב אין טאַטע־מאַמעס טרייען בליק
די אומרו פון אַ פאָרגעפיל דערשפּירט;
ס'איז יאָ און נישט געווען דער מאַמעס וויג, —
די שיף, — וואָס האָט מיך וויגנדיק געפירט.

7

ווייט — האָט איר ווייטקייט פאַרלאָרן,
געפאַר — ווייט שוין מער ניט מיט
שרעק;
דאַרפסט וועלן נאָר גיין אָדער פאָרן,
און עס שניידט זיך פאַר דיר אויס
אַ וועג.

וועגן, אָנצאָליקע וועגן, —
פאַרגייסט זיך, פאַרדרייסט זיך אין זיי.
אין מיט פון אַ וועג איז געלעגן
מיין מזל פאַרצערט פון געשריי.

פון אַלע פאַרלאָזט און פאַרטריבן —
האָב איך אים גענומען מיט מיר.
אויף שטויב אונדזער שלוסבאַנד
פאַרשריבן,
וואָס מעקט זיך פון מינדסטן באַריר.

ווי זייטיקע וועלן מיר שליכן,
מיר ביידע, — די גליקלעכע פאָר;
זיך שפיגלען אין גרונט פון די טייכן
ווי וויגנדיקער ראָר.

8

די ערד, — די בייכיקע, —
די מוטער פון דער גאַנצער וועלט;
די ערד — שוואַרצלייביקע,
אויף וועלכער ס'שטייט ניו־יאָרק, —
האָט זיך פאַר מיר אַ ריר געטאָן,
ווען כ'האָב אויף איר מיין ערשטן
טראָט געשטעלט,
מיין יונגן טראָט פול זאָרג.

דורכגעבליצט האָט אַ באַשייד
אין דער טיף פון מיין זעל:
דער ריז, פאַר וועמען ס'ציטערט
אויף די וועלט, —
ער אַליין אויף די קניען שטייט
פאַר אימיצנס אַ פרעמדן שוועל.

9

פרעמדע ערד האָב איך באַטראָטן,
פרעמדע ערד.
און האָב אַלע לאַנדגעבאָטן
באַלד צעשטערט.

פאַר אַ פרעמדן איז נישט פּאַסיק
פרעך צו זיין.
זייער לעבן — בונט און רעשיק.
איז ניט מיין.

ניט אין ריכטיק פּלאַץ געטראָפן,
קוק איך אויס.
מיינע אויגן מאָדנע אָפן —
גיבן אַרויס.

פון דעם ערשטן טאָג ביז יאָרן —
אַלץ אַזוי ;
גוט, וואָס ס'קוקט פון אויג קיין צאָרן
גרינלעך גרוי.

10

פון דיין אייגענעם האַרבסט
די געלע בלעטער, —
וועלכע דו אַליין גאַרבסט
פאַר זיך אויף שפּעטער.

ווען דיין לעבן אַן טויש
שטילט אײן פאַרלעגן,
וועט דער בלעטער־געררויש
אויף דיר באַוועגן.

ווען באַגינזון אויף זיי
וועט פאַרבן צינדן,
וועט דיין גורל אויף צוויי
מיט זיי זיך בינדן.

ווען דיין קאָפּ מיד און באַנג,
אויף זיי וועסט לענען ;
וועסט ביים זונענפאַרגאַנג
מיט זיי דערברענען.

11

מיטנטאָג.
עס געלן זיך שטרויענע בענקלעך אין „סאָב"
פון קיינעם באַזעצטע,
ווי בייטן אָפּגעשניטענע פון ווייץ־פעלד,
פון פי און פון חיות צעטראָטן.

עס זיצן די מענטשן צעוואָרפן
און בייטן פאַר לאַנגוויל די ערטער.
דער עקספּרעס, ער יאָגט זיך ווי שטענדיק ;
די פאָרער — זיי איילן זיך מער ניט,
פון וויטלעכע שטרעקן אַוודאי ;
ווי מענטשן אין די העכערע יאָרן.
פון באַגינען — שוין ווייט. צו נאַכט — נאָך אַ סך.
ווי ניט איז — זיי וועלן דערפאָרן...
און אפשר ? — —

קאַנסט ניט אָפּמעסטן אַלע אינאיינעם.
ווי ווייניק דאָ זיצן — דאָך זיינען זיי מחנות.
גאַסן, שטעט, פאַרשידענע לענדער,
און פאַרשטייסט זיי ניט קיינעם.

דער באַן האָט זיך האַסטיק צעוויגט,
אויף אַ ווייל אַלע מענטשן אין איינס אויפגעגאָסן.
זיי ווידער צעשיידט,
ווי דער אָפּפלוס און צופלוס פון ים.
זיך אָפּגעשטעלט.
שווערע קלעפּ פון אויפגעעפנטע און פאַרמאַכטע טירן.
עטלעכע זיינען אַראָפּ.
אַרויף — זיינען מער. זיך אַריינגעיאָגט.
פון געוווינהייט געזוכט פאַר זיך פּלעצער,
כאָטש עס האָבן גענוג נאָך געגעלט זיך
שטיקער ליידיקע שטרויענע בענק.

12

אָפּגעהאַקט ביים סאַמע אויג
ווי אַ פרעמדנס טיר —
שטאַרצן פּלייצעס טונקעלע
אויסגעגלייכט פאַר דיר.

פּלוצלונג — ווי ס'וואָלט אימיצן
דורכגענאָלט דיין קוק, —
גיבן יענעמס אַקסלען זיך
צאַפּלענדיק אַ צוק.

און דער מענטש פאַרשווינדט אויף גיך
ווי די באַן בלייבט שטיין, —
נאָר דאָס שטומע רייד פון בליק
בלייבט ביי דיר אַליין.

13

וויגנדיק זיך טאָג נאָך טאָג
אין „סאָב“ און „על“,
זאַפּ איך זייער רויש און יאָג
אַריין אין זעל.

וואו איך גיי, אַלץ זינגט מיר צו
דעם באַנען־קלאַנג;
ס'רוישט אין שטילער שעה פון רו
מיר זייער גאַנג.

ס'לעבט פאַר מיר אויף גאַנץ ניו־יאָרק
אין מיין וואַגאָן,
גאָר מיין פרייד און גאָר מיין זאָרג
ווערט דאָ פאַרטאָן.

פינצטערניש — אין טיפן „סאָב,“
די זון — אין „על,“
דאָס איז דער געשאַנק און גאָב,
וואָס ס'קריגט מיין זעל.

14

פון אַ טראַט ביז אַ טראַט
גייען וועלטן פאַרביי —
בלויז דער דרעמלענדער סוד
אין דיין האַרצן איז פריי.

און אַ לעבן — פאַרשווינט,
און אַ רגע — זיך ציט.
גאָט אַליין ברענגט די זינד,
גאָט אַליין זי פאַרגיט.

און פאַר דיר וואָס פאַרבלייבט,
מיט דיין בייז, מיט דיין גוטס?
יענע קראַפט, וואָס אַלץ טרייבט —
דיין איינאיינציקע שוץ!

דאָרט אויף יענער זייט ראַנד,
פון קיין איינעם פאַרטרויט,
האָט מיין אייגענע האַנט
אַן אַנטרינונג געבויט.

15

איך האָב דיך פאַרבעטן צו גאַסט
און קיין היים ניט געהאַט, —
דער, וואָס האָט מיר געצאָלט מיין וועכנטלעכן לוין
האָט איינאיינציקן צימער און קיך נאָר באַוואוינט,
וואו ס'האָט זיך געראַנגלט אַ גרויסע משפחה
ווי אין רייזינס — „געזינד זאַלבע אַכט,
און בעטן נאָר צוויי.״ — —
אַ שפּאַנישע ווענטל ביינאַכט
האָט אַביסל פאַרשטעלט מיך פון זיי.
אַן אָרעמע פרוי „אויף דער צייט,״
פיר קינדערלעך, אויף לאַנגע יאָר, ביי דער זייט,
האָט זי שוין מוטערלעך ביז איצט געפירט.
דאָס נייע לעבן האָט זיך שוין אין לופט געשפּירט. — —
מיין באַלעבאָס און איך — דער אַרבעטער —
די צוויי פיינטלעכסטע קלאַסן אויף דער וועלט,
האָבן פון מיטן נאַכט ביז ניין אין דער פרי,
פאַר ניו־יאָרק פרישע צייטונגען צוגעשטעלט.
מע האָט אונדז קוים אַרויסגעעזן פון אונטער די פּעק, —
פּעק זיינען געגאַנגען אין דער פינצטער אַליין,
אַזוי ביזן שפּעטן באַגינען.

ווען דו ביסט געקומען, איז קיינער נישט געווען.
דער באַלעבאָס — געדרעמלט האָט ביים „סטענד.״
זיין פרוי — געגעבן לופט די קינדערלעך און זיך
אויף אַ „סטופּ״ אין ריווינגטאָן סטריט.
איך בין געזעסן אַליין אין שטוב,
מיין קאָפּ — געהאַנגען אויף מיינע הענט.

ווי אַ ברודער, אַ מוטער, און אַ פֿאָטער,
וואָס זייַנען איצט ווייט, אַזוי ווייט געווען פֿון מיר —
אַזוי האָסטו ביי מיר מיט טרייסטנדיקע רייד
אויף אַלץ זיך נאָכגעפֿרעגט,
ביז אַ פֿרייד אַזאַ, אַ ליכטיקע,
האָט זיך אין הויז פֿאַרשפּרייט.
דו האָסט מיין חלום צוריק מיר אויפֿגעוועקט.
דיין בליק האָט זיך אין ענגשאַפֿט אָפּגעשלאָגן
פֿון איין געגנשטאַנד אויף אַ צווייטן,
ווי דו וואָלסט אין זיי לעבעדיקע וועזנס געזוכט;
ביז וואַן פֿון מויל האָט זיך דערטראָגן
אַ שטראָם פֿון אָפּגעריסענע ווערטער. — — —
האָסט געקוקט אויף די אויסגעבייכטע, אָפּגעטראָגענע,
לאַנגע פֿרויען־קליידער אויף דער וואַנט,
וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי שלאָפֿנדיקע לונאַטיקער,
וואָס וועלן באַלד, באַלד אָנהויבן גיין — — —
און ווי מענטשן זיך באַוועגן...

דערנאָך האָסטו צו מיר געזאָגט:
אַ פֿולע שטוב מיט מענטשן איז ביי דיר...
וויפֿיל קינדער האָט דיין באַלעבאָס?
און כ'פֿיל אַ נייעם לעבן קומען...
לעבן! לעבן! — — — —

מיר האָבן זיך ברידערלעך געקוקט אין די אויגן,
און איינער דעם צווייטן האָט אָפּן דערזען.

פּלוצלונג איז אַריין די באַלעבאָסטע,
מיט איר — די פֿריילעכע פֿיר קינדערלעך;
און דאָס פֿינפֿטע — וואָס דאַרף באַלד קומען,
האָט זיך געזען נאָך מער פֿון אַלע...
די טיר איז לאַנג געבליבן אָפֿן,
דער ווינט איז ווי אַן אייגענער אין הויז אַרומגעלאָפֿן,
און די הענגענדיקע בייכיקע קליידער
האָבן זיך נאָך בייכיקער אַ הויב געטאָן פֿון די ווענט;
און ווי צו אַ שמחה, אָדער אַן אומגליק,
איז פֿול געוואָרן דאָס ענגע הויז
מיט מענטשן און באַוועגונג...

16

צייכנס און סימנים
פֿאַר די אויגן שוועבן,
און אין יעדנס פּנים
שפּיגלט זיך זיין לעבן.

כ'וואַרט שוין אויף דיין צייכן
זיך אין וועג צו לאָזן,
וועל איך דאָרט דערגרייכן? —
כ'וועל סיי ווי זיך לאָזן.

17

אויף די וועגן ליגן
אויסגעשפּרייטע שאָטנס,
האָט זיך ווער צעשריגן
ווען כ'האָב זיי באַטראָטן.

עס האָט מיך מיין שאָטן
שטאַרק אַרומגענומען: —
— וואָלסט דיין וועג געטראָטן,
וואָלסטו אומגעקומען.

האָב זיך איינגעבויגן
וועמען אויפֿצוהויבן,
האָט ווער מיינע אויגן
אָנגעשיט מיט שטויבן.

דאָס האָב איך מיט שטויבן
דיר פֿאַרשיט די אויגן, —
דיך צו מאַכן גלויבן,
זאָלסט דיין וועג פֿאַרנייגן!

18

אַן יאָרן בין איך אַלט,
אַן לעבן בין איך מיד,
וועל איך נאָך זען ס'געשטאַלט,
וואָס אייביק ציט מיך, ציט?

עס פֿליט אַ צוג אַוועק,
אַ שיף גייט אָפּ פֿון ברעג,
האָב איך דען וועם באַגלייט,
מיט וועמען זיך צעשיידט?

עס רוישט די גאַנצע שטאָט
אין איין צערייצטן רויש,
אַלץ דרייט זיך אין איין ראָד,
און פֿלאָנטערט זיך ניט אויס!...

אַט האָט מיך ווער באַרירט, —
אַ פֿריינט געוויס — צו מיר;
איך גיב זיך פֿלינק אַ קער ————
— קויפֿט עפּעס, יונגער הער!

און ס'פֿאַלט אַן אומעט אַן,
אַן עלנט און אַ שרעק;
כאָטש נעם אַ פֿרעמדן אַן,
און גיי מיט אים אַוועק!

אַן אַלטער מאַן אַט גייט,
אין דרייען איינגעדרייט;
אַ שווערע משא ליגט
אויף זיין געניק און דריקט.

איך נעם זיין משא צו
און גיי נאָך אים און גיי, —
כאָטש כ'וויס אַליין ניט וואו, —
נאָר ס'ווערט מיר גוט אַזוי!

19

שטויב, אונטער די פיס געטראָטענער,
פאַרגיב מיר דעם דרוק פון די טריט.
דער מענטש פון דעם שטויב אַ
באַשאַפענער,
אין זעלביקן שטויב ווערט צעשיט.

לעבעדיקע נערוון און אָדערן,
ווי נעצן אומעטום צעשפּרייט.
זיי קוקן ווי אויגן און פאָדערן
דעם חשבון פאַר אַלעמענס טויט.

וואָס מער דיינע אויגן זיך ברייטערן,
און זאַפּן די וועלט אַריין,
צעברענען דיך ווילדע ווייטיקן
פון פרעמדן און אייגענעם פּיין.

דו ווערסט ווי אַ הייל אַ פאַרכישופטע,
פול ווייטזען, עמפּפינדונג, געהער;
ווי דניאלן דער נס אין לייבנגרוב —
עס צויבערט, און ס'איז אַזוי שווער!

20

די חלומות און זעאונגען
פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט,
זיי זע איך שוין מער ניט ביינאַכט.
אין וואָכיקן טאָג איצט גייען זיי מיט מיר אַרום.
פון אָנפאַנג איז געווען מיר שווער אַזוי.
אין וואָכיקן וואָכיקן טאָג מיט חלומות צו גיין!
ווי שווער די וואָר איז ניט געווען,
האָט זי דאָך מיר אין חלום גרינגער אויסגעזען,
ביז וואַן כ'האָב מער אַליין שוין ניט געוואוסט
דעם אונטערשייד פון טרוים און וואָר,
וואו אַלצדינג צעטיילט זיך אין צוויי;
צי לעב איך נאָך אַלץ מיין לעבן דעם ערשטן,
צי שוין אַ צווייטן גאָר? — — —
צי וועט נאָך מיר אויך ווי נאָך זיי,
זיך נאָכציען אַ לאַנגער דור? — — —

21

דער וועלקער בוים רעדט אַזוי צום ווינט:
ברעך אַראָפּ פון מיר, וואו נאָר אַ גרינענדיקע צווייג.
ווען דער גוף איז טויט, זיינען די אָדערן פאַרגיפט,
און פאַרסמט ווערט זיין זייער לעבן.
וואָס גרעסער דער צווייג אויף מיין וועלקן גוף
וועט אויסוואַקסן און זיך ברייטערן,
אַלץ פּיינענדיקער וועט זיין קורצער לעבן זיין;
ווייל קיין בוים וועט ער שוין ניט ווערן,
און מיינע יאָרן זיינען געציילטע;

זאָלן די צווייגן ניט האָבן קיין צווייאיקן טויט:
שטאַרבן צוזאַמען מיט מיין גוף,
און שטאַרבן ווי אַן אויסגעשטרעקטע צווייג...

22
גליק און אומגליק.
מיט דעם שפּילן זיך שוין קינדער.
עס קלינגען מטבעות אויפן קאַלטן גראַניט:
קאָפּ צי אָדלער? אָדלער געווינט.
קאָפּ — פאַרלוירן.
דאָס זעלבע שפּיל.

23
מיט אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, אַז די זון זאָל ניט אַריין,
בין איך איינער אַליין אין מיין אייגענעם טונקל,
אַ גאַנצן טאָג פון פריען באַגינען געזעסן;
ווי אַ גרויער קאָפּ אַן אָפּגעגאָלטער ביי אַ טויטן
האָט זיך געגרויט דער דינער אַש
פון מיינע אויסגעברענטע יאָרן.
און פּלוצלונג האָט אַ מאָדנער געדאַנק
אין מיין מאַרך זיך איינגעגעסן,
און געריסן מיין בליק אויף יענער זייט שטאָרן,
אין דער פאַרצוקנדיקער ראַשיקער גאַס. — — —
ניין, איך וועל ניט זיין ווי דער אומגליקלעכער אייזל־עקר,
וואָס ווערט געבראַכט אויף דער וועלט דורך אַ פערד און אַ בורא,
און קאָן אַליין זיין מין ניט פאָרן!
איך וויל ניט, אַז זיין קלאָגעדיק עלנט געוויין
אין די פינצטערע נעכט אַן שטערן,
צי אין נעכט מיט לבנה באַגאָסן,
זאָל פאַר מיר אויך מיין שוואַנענליד ווערן! —
ניין! — — — — — —
איך האָב זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט,
און בין אַרויס.

24
געוועזן שוין נאַכט, רויטלעכער, שפּריציקער נעפּל;
ווי האַרעפּאַשנע טרעגער איינגעוואַקסן מיט זייער משא,
זיינען די מענטשן געגאַנגען געבויגענע
מיט די שוואַרצע שירעמס אויף די קעפּ,

כאָטש קיין רעגן איז שוין ניט געווען;
נאָר שווערע וואָלקן בלויז געהאַנגען פון אויבן;
אין פּראָצעסיעס האָבן זיך מענטשלעכע כוואַליעס געצויגן
איבער דער רוישיקער דעלענסי סטריט,
און די שוואַרצע שירעמס האָבן זיך ווי קראָען געהויבן
אַרויף און אַראָפּ.
די נאַסע מויער־שילדן און ווענט
האָבן אַרויסגעגלאַנצט אין רויטלעכן לאַמטערן־שיין,
ווי נאָר וואָס פון אַ שרפה אויסגעלאָשן.
אָבער מיין אייגענער פייער האָט נאָך געהאַלטן
אין סאַמע אָנהויב.
וואָס שטאַרקער ס'האָט געברענט אין מיין האַרץ,
אַלץ קלאָרער, רואיקער האָב איך געזען
דעם פרעמדן אין מיין אייגענעם אַרום,
אַלץ נענטער בין איך צו מיין אַנטרינונג געווען. ———
און פּלוצלונג — אַ הייזעריקער מאָדנער קלאַנג,
ווי פון דעם נאַכטיקן נעפּל אַרויסגעגאָסן,
וואָס האָט ווי דעם אַלבאַטראָס געזאַנג
מענטשלעכע הערצער פון דער ווייטן אויסגעלאָשן.
אָט האָט ער זיך צונויפגעמישט מיט געוויין פון אַ קינד,
און ס'איז געוואָרן אַלץ פינצטערער,
און דער לאַמטערנפייער — אַלץ נעפּלדיקער, רויטער...
אַ בלינדע מוטער מיט אַ קינד אויפן שויס
און אַ קאַטערינקע ביים זייט
האָט זיך אין נעפּל פאַר מיר אַרויסגעשיילט.
איין האַנט — צו די מענטשן אויסגעשטעלט,
די צווייטע — אָן אויפהער כישופדיק געדרייט, און געדרייט,
ווי זי וואָלט דעם רייסנדיקן קלאַנג באַוואוסטערהייט
געוואָלט אַריינגיסן פּיינענדיק אין מענטשנס האַרץ.
פאַר אַלעמענס שלעכטס אויף דער וועלט.
ווי פון אימיצן צוגעשמידט, האָב איך לאַנג, זייער לאַנג,
געקוקט אויף דער בעטלערין, דעם קינד, און די קאַטערינקע, —
אַלע דריי היימלאָזע אין דער נאַסער נעפּלדיקער נאַכט!
כ'האָב מיין גאַנצן פאַרמעגן אין מיין הויפן
אויף איר שויס אַרויפגעוואָרפן,
און זייער אָרעמקייט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט מיינער;
זיי האָבן דערפילט מיין נאָענטקייט.
כ'האָב באַרירט מיט מיינע בליקן דער בעטלערינס בלינדע אויגן.
זי האָט אויף מיר געקוקט מיט איר בלינדקייט

מיט איר הימלאָזן און שמאַטעס־פֿאַרוויקלטן קערפּער ·
כ'האָב צעמישטערהייט אַ גלעט געטאָן,
דאָס קעפּל פֿון דעם כליפּנדיקן קינד, —
און עס האָט ווי פֿון שרעק גענומען זינקען
אונטער מיינע פֿיבערדיקע פֿינגער,
ווי עס וואָלט שוין מער קיין פֿאָטער־צאַרטקייט
נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן...
מיטאַמאָל האָט עס נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן קלאָגן,
און זיך פֿאַרגייענדיק צעשריִען:
— פֿאָטער! פֿאָטער! — — —

דער קאָטערינקע קלאַנג איז געוואָרן שטום;
די בלינדע מוטער האָט מיך מיטביידע הענט
אַ ווילדן כאַפּ געטאָן,
און שטרענג געקוקט אויף מיר מיט אירע בלינדע אויגן,
און באַפֿוילן מיך: קום! — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אַ מחנה מענטשן ווי צו אַ לוויה
האָט זיך נאָך מיר געצויגן,
און די ווערטער: פֿאָטער! פֿאָטער! — זיי זיינען
ווי ברענענדיקע פֿיילן איבער מיין קאָפּ געפֿלויגן,
און נישט־ערדישע משאס — ווי שכר פֿאַר לעצטע זינד, —
האָבן מיר נאָך טיפֿער איינגעבויגן!

1921־25

דאָס זיידן העמד

(באַלאַדע)

אַנ'אַלטער מאַן איז דורכגעגאַנגען
פֿאַרביי אַ רוישנדיקן פֿעלד.
צוזאַמענקלייבן פֿאַרלאָרענע זאַנגען,
זיך יעדע רגע אָפּגעשטעלט.

ס'האָט קיינער אים געשטערט צו קלייבן,
ס'איז שיכחה פֿאַר די אָרימע לייט;
אים נעבעכדיקן געבעטן, בלייבן,
ס'איז שפּעט זיך שוין צו לאָזן ווייט!

אַ יינגעלע איז צוגעקומען,
פֿאַמעלעך, און פֿאַרשעמטערהייט;
ער האָט דעם קינד אַרומגענומען —
פֿאַרבאָרגן זיך מיט אים געפֿרייט.

דאָס קינד — געהאָלפֿן האָט דעם אַלטן,
דעם שווערן פּאַק פֿון אים באַפֿרייט,
מיט אויגן פֿייערדיק־צעשטראַלטע,
נישט אָפּגעקערט זיך פֿון זיין זייט. —

צו נאַכט איז ווייניק שוין פֿאַרבליבן,
דאָס שניט מוז ענדיקן זיך היינט!
אַ ווינט — דעם אָוונט־שוואַרץ פֿאַרטריבן,
די זון האָט ווידער זיך צעשיינט.

און ווידער אָנהויב טאָג געוואָרן,
פֿאַרשוואונדן איז דאָס מידיקייט;
אַ ברכה איז אַריין אין קאָרן —
ס'ווערט מערער אַלץ, וואָס מער מען שניידט.

אין פעלד — גערוישט און זיך באַוואויגן,
פאַרבלענדט האָט אַלעמען אַ פרייד;
דאָס קינד — ער רייסט נישט אָפּ
די אויגן
פון אַלטן צוגעשמיטערהייט

נאָר פלוצלונג — שנעלער
פייל פון בויגן,
דער גרייז — זיין שווערן פאַק צעבינדט;
אַ זיידן העמד אַרויסגעצויגן,
און ס'אָנגעטאָן דעם יונגן קינד;

עס האָט געברענט אין גלוטע שטראַלן,
מיד איינגעדרעמלט אויף אַ קוסט; —
דער אַלטער מאַן איז באַלד פאַרפאַלן,
ס'האָט קיינער מער פון אים געוואוסט!

דאָס קינד אַ גרויסער שוין געוואָרן
נאָר איז פון אַלעמען פאַרפרעמדט;
ס'איז איינגעוואַקסן, איינגעבאָרן
אויף אים דעם אַלטנס זיידן העמד.

ער ווייסט נישט פון קיין יאָך און
זאָרגן,
ער איז צו ערד ניט צוגעשמידט,
נאָר גייט אַרום אין זיך פאַרבאָרגן,
און וואונדער אין זיין האַרצן גליט!

דאָך טראַכט ער, אַז עס האָט דער
אַלטער
מיט גאָב זיינס אים פאַרשאָלטן גאָר,
ווער קען עס אומגיין אַ צעשטראַלטער
אין האַרטן קלאַמער פון דער וואָר?

1915

האָב ווי אברהם אָפגעוואַרט...

— וואו שפעט אַ וואַנדערער, ביי נאַכט
זיין רו געפינט, —
פון גאָט איז יענע הויז באַוואַכט,
און ריין פון זינד. — —

דאָס האָב איך אין אַ הייליק בוך
אַמאָל געזען, —
און האָב געהאָפט: אַזאַ באַזוך
זאָל מיר געשען!

האָב ווי אַברהם אָפגעוואַרט
די גוטע געסט;
און ווען אַ האַרץ גלויבט איינגעשפאַרט,
געשעט דער נס!

נאָר ס'שטייט מיין שטיבל איינאַליין,
אין וואַלד, געדיכט.
צום וואַנדערער קאָן נישט דערגייין
דאָס בלייכע ליכט.

נאָר כ'האָב זיך איינמאָל זייער שפעט
ראַש אויפגעכאַפּט.
ס'האָט ווער אין טיר ווי מיט געבעט
שטיל אָנגעקלאַפּט!

דעם גוטן גאַסט אַנטקעגן, שנעל,
לויף איך אַרויס, —
און כ'זע, ס'שטייט איינזאַם אַלץ מיין שוועל,
מיין שוועל פון הויז!

דאָך הערט דאָס קלאַפּן אַלץ נישט אויף,
וואָס קאָן דאָס זיין?
אַ פויגל־רויש, אַ פויגל־לויף, —
עס וויל אַריין.

דער פויגל האָט פאַרבלאָנדזשעט וואו,
פון נעסט פאַרווענדט.
פאַרשיכורט פאַלט צום פענצטער צו,
פון ליכט פאַרבלענדט.

— אַ פויגל, כ'שרעק זיך גלייך ווי דו
פאַר פרעמדן ליכט,
ווען ס'פאַלט די נאַכט אין וועג מיר צו
אויף אומגעריכט. —

און כ'האָב אים אין מיין הויז געבראַכט
פון בלאָנדזשען מיד.

ס'האָט האָפענונג אין מיר דערוואַכט
און אויפגעבליט:

ס'וועט איצטער זיין מיין הויז באַוואַכט
פון גאָט אַליין,
און פרייד וועט אויפגיין אויף מיין שליאַך
ווי ראָסע ריין.

1914

רויט

(אַ בריוו פון שלאַכט)

מאַמע האַרציקע, געטרייע,
מאַמע איינציקע דו מיין,
האָב איך אַ מינוט אַ פרייע,
מוז זי דיינע, דיינע זיין.

ס'איז ביי מיר אין האַרץ פאַרבליבן
ניט אומזיסט דיין מי פאַרזייט;
ס'גאַנצע לעבן דיך צו ליבן,
פאַרן לאַנד צו שטאַרבן גרייט.

אין די פינגער מיינע ציטערט
ס'קליינע בייגעלע פאַפיר,
דאָך מיין האַרץ פון פיין פאַרביטערט,
קאָן איך ניט פאַרטרויען דיר.

טויזנט אויגן האָט דער שונא,
טויזנט אויערן האָט ער;
מאַמע! — און דאָס וואָרט דאָס איינע,
קאָן אַ ברי־טאָן זיין געהער.

דורך דעם רויך און דורך טומאַנען
אין דער בלינדער שוואַרצער נאַכט,
וועט ער לאַקערן ביז וואַנען
ער וועט גרייבן אונדזער וואַכט.

און פאַרגעסן וועלן ווערן
אַלע דיינע גוטע רייד,
אויסגעלייטערטע אין טרערן,
אויסגעצערטלטע אין פרייד.

און איין ברודער וועט אַ צווייטן
צילן מיט זיין שאַרפן שווערד,
און ניט גלויבנדיק דעם טויטן —
אים אַ טראַט־טאָן צו דער ערד...

דורות מענטשלעכע פאַרלאָרן
אין איין רגע וועלן גיין, —
ניט די שולד וועט זיין גאָטס צאָרן,
ניט די שולד פון מענטש אַליין.

בלויז, אַז ס'וויזן זיך אויף שאַרפן
בלוט, ווי זון־ליכט אויף אַ שויב, —
ווי די חיות ווילדע וואַרפן
מיר זיך גרויזאַם אויפן רויב.

און ס'צעפאַלן אַלע קייטן
פון דעם אָפגעשפעטן זיין,
פאַר דעם בלוטיק רויטן, רויטן,
ווילד־צעגליטן וואַנזין־שיין.

1917

אַ באַלאַדע וועגן איינעמס טויט

אַ, כ'ווייס נישט ווי אַזוי דערציילן דיר דאָס אַלץ,
דו זאָלסט מיין האַרץ דערזען ווי דורך אַ ליכטיק שויב;
מען האָט דאָך מיך געכאַפּט ביי זיין געקוילעטע האַלדז,
בין אומשולדיק אין מאָרד, דאָך אין מיין שולד איך גלויב.

ווען אַלע זאָגן יאָ, און צווישן זיי — אויך דו —
ווי קאָן איך זאָגן ניין? — און כ'בין ניט זיכער מער,
פון איצטער נעם איך שוין מיין שולד צוריק נישט צו,
אַפילו ער אַליין קומט זאָגן, אַז נישט דער...

דאָך וויל איך רעדן לאַנג, מיין האַרץ איז איבערפולט —
אַזוי ווי פון אַ קנויל זאָל וויקלען זיך דער ברעג;
וועט אפשר דאַן אַליין אַרויסגיין קלאָר מיין שולד,
צו וועלכן ס'איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט איצט דער וועג! —

דער ערשטער טרעפונגס־טאָג — געדענק נאָך אים ווי היינט:
געווען בין איך ווי טויט — אַ מיאוסער אָרעמאַן!
צוליב אַ שטיקל ברויט געוואָרן ביידע פריינט,
מיט דאַנקבאַרקייט האָב איך פאַרקויפט זיך אים פון דאַן! —

ער איז געווען גוט, ער האָט עס שטאַרק געוואוסט,
אַ זעלבסטגעפיל דערפאַר זיין פּנים האָט באַשטראַלט;
די האַנט איין מאָל געשטרעקט — אַ צווייטן מאָל — געמוזט,
דערנאָך — ווער פילט דען מער ווי נידעריק מען פאַלט?

קיין פריינט חוץ מיך, פאַרמאָגט, געליבטע, פרוי און קינד, —
האָט אין דער בחורשאַפט זיין ווייטן ציל געזען;
זיין גרויסע הויז — פאַרפולט מיט טויבן, קעץ און הינט, —
אַ פריינט פון אומבאַשיצטע איז מיין פריינט געווען!

אַ, ניין, פאַר דיר איז פרעמד דאָס צווייענדיקע שפּיל;
אַ פילאַנטראָפּ — אַ פריינט זאָל איינעם קענען זיין!
כאָטש ס'פלעגט מיין פרוש־פריינט אַלץ טאָן באַשיידן, שטיל,
נאָר דאָס פלעגט מאַכן מיר נאָך טאָפּלטער מיין פּיין!

אָן אים וואָלט איך געוויס געשטאָרבן שוין פון לאַנג,
צי כ'וואָלט דער גאַנצער וועלט מיין אָרעמקייט אַנטפּלעקט;
פון אַלע מיינע רייד געוואָרן וואָלט איין דאַנק
פאַר די, צו וועמען כ'וואָלט מיין אָרעמע האַנט געשטרעקט.

צי דען איז ניט אַלץ איינס, אַז ער האָט אַלץ דערפילט,
אַלץ, וואָס איך קום דער וועלט, געהער צו אים אַליין?
ער האָט ווי מיט אַ פויגל אין דעם שטייג געשפּילט,
ער לאָזט עס ניט אָן שפּייז, דאָך אויף דער פריי נישט גיין!

איינמאָל, — פון דאַן, קען זיין, האָט דאָס געמוזט געשען, —
פאַרבאָרגן האָס צו אים האָב איך אין האַרץ דערפילט;
די חיות פון זיין הויז, אויך ער — דערשפּירט, דערזען...
אַ קריג האָט צווישן אונדז זיך אין געהיים צעשפּילט.

אָ, מאָדנע צוויאיקייט! — געליבט אים, און געהאַסט,
צעשיידן זיך מיט אים — זיך אָפּהאַקן אַ גליד!
בין צו דעם קעמל גלייך — געוואוינט צו שווערער לאַסט, —
די פּוסטע שווערקייט מאַכט פאַרברעכעריש און מיד.

ב'הער רעדן אומעטום פון סודות אומאַנטפּלעקט,
וואָס מענטשן זוכן אום, און שטאַרבן ניט געזען;
זיי פילן נישט דעם סוד אין אייגן האַרץ פאַרדעקט,
זיי ווייסן נישט אַצינד, וואָס שפּעטער וועט געשען!

פאַרדאַרבנדיקער גיפט, ווי קומט צום קליינעם פליג?
ווי קומט צום יונגן האַרץ אַ מערדערשער געדאַנק? —
פאַרוואָס איז אומגליקלעך דער זעטיקער מיט זיג?
וואָס בויט דער פרייער מאַן אַליין זיך זיין געפאַנג? — —

ווי פאַאוטינגעוועב, וואָס וועבט די בייזע שפּין,
אַזוי ווי ס'גנבעט זיך אין האַרץ די משוגעת,
האָט שטיל געוועבט זיין טויט ביי מיר אין קראַנקן זין
דער אומדערקלערלעכער און אויפגערעגטער האַס.

אַ חיה איז פאַראַן — ווען ס'גייט פאַרצוק איר שלעכט,
דער קרבן האָט פון איר זיך קלוג אַרויסגעדרייט, —

זי פליקט פאַר שאַנד איר לייב, אַליין די פיס צעברעכט,
און וואָיעט, וואָיעט שטיל, אין איינזאַמקייט פאַרגייט. —

מיין פריינט האָט זיך געפּיינט, און אומגעיאָגט זיך ווילד,
ווי פון אַ שלאַנגנביס, ווי פון אַ וואַנזינשלאַג;
האָט אומעטום געזען פאַר זיך זיין טויטע בילד,
וואָס אַ צעבלוטיקטע אין האַרץ ביי מיר איך טראָג...

אַ קראַפּט האָב איך דערפילט וואָס האָט מיך איבערשטאַרקט,
ווי ס׳פאַלט אַ טייכל־פיש אין ברויזן ים אַריין;
און ווי די חיה ווילדע, מיט איר פאַרצוק זיך וואָרגט,
האָט מיך געברענט, געשטויִנט מיין אייגן ווילדער שיין!

מען טאָר, מען טאָר דער שרעק נישט קוקן אויף צוריק,
די האַנט ניט אָפּשטויסן, וואָס בעט נאָך הילף צו דיר,
ווי פלאַם פאַרנאַרט דער פליג, האָט אים געפירט מיין בליק, —
פאַרכישופט נאָכגעקוקט האָט ער מיין יעדן ריר...

האָב שטאָלן־גלאַנץ דערזען אין פולן אויג ביי אים,
אַ מעסערשאַרפעריי — אין זיינע טריט דערהערט.
שוין ניט פון דער וועלט מער געקלונגען האָט זיין שטים,
פון זעלבסטבאַשווערונג איז מיין פריינט געווען באַשווערט!...

ווען כ׳האָב נאָך הילף געזוכט, איז שוין געווען צו שפּעט...
האָב פאַר דעם טויטאַנבליק פאַרציטערט אים געזען;
מיין פריינטס געזיכט האָט איצט שוין פרעמדער שיין געגלעט,
דאָס אומפאַרמיידלעכע איז אומגעריכט געשען!

זיין אייגן מעסערפלאַך — געווען מיט בלוט באַשפּריצט,
ווי פאַר אַ שטורעמנאַכט — דער רויטער זונפאַרגיין;
דער בייזער לעבנס־סוף האָט פאַר מיר דורכגעבליצט,
בין פלוצלונג צוגעשמידט פאַר אים געבליבן שטיין!...

1917

די טויטע שיף*

1

ניט אַלץ געדענק איך פון מיין קינדהייט,
און ס׳וויל ניִשט אַלץ מיין האַרץ
געדענקען;
איך בין צום ברעג פון ים געגליכן
ווען ווילדע כוואַליעס אים פאַרשווענקען.

דאָס לעבן האָט מיר פרייד געגעבן,
און פאַר דער צייט — ער צוגענומען. —
עס האָבן כוואַליעס מיך געטראָגן,
און כ׳האָב נאָך זייער שטראָם
געשוואומען.

2

איך ווייס נישט, ווי ס׳איז צוגעגאַנגען,
איך ווייס ניט, ווי ס׳האָט אַלץ געטראָפן;
דער ים האָט מיר בייטאָג געזונגען,
ביינאַכט — מיך איינגעוויגט צום שלאָפן.

ס׳האָט שיף זיך גרינג און שנעל
געטראָגן
אויף ימס צעשוימטע, ווייסע פליגל;
און קינדערש האָט מיין האַרץ
געפלאַטערט,
האָב אויפגעטאַנצט פון שטאַרקן וויגן.

נאָר עפּעס פון דער ווייטער קינדהייט
גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון זינען
ווי ס׳טרעפט, דו זעסט אויף
אַסיען־פעלדער
פון וויטן נאָך אַ בערגל גרינען.

אַזוי־ווי אַלץ וואָלט רויך פאַרצויגן,
איין זאַך נאָר קען ער נישט פאַרדעקן,
ווי ס׳מאַניעט תמיד דיר דיין היימ־
לאַנד,
כאָטש אַלץ אַרום — ווי קליינע פלעקן.

און שיפן זיינען אונדז אַנטקעגן
אַפּט אָנגעקומען פון דער ווייטן;
ווי ווייסע פליגל פון מלאָכים —
די רעטונגס־שיפלעך ביי די זייטן.

באַגריסונג־טיכלעך פון די מענטשן,
פון האַנט געריסן זיך ווי פייגל;
כ׳וואָלט שטענדיק ביי דעם דעק
געשטאַנען
מיט אויפגעפּראַלטע גרויסע אויגן!

2

פויקן, פידל און באַנדורעס,
קופער־טאַצן, צימבלען, פלייטן, —
אָנגעוואָרפן אויפן שיף־דעק,
פונעם ים־ליכט אויפגעלויכטן.

די מאַטראָסן, פאַרמאַסקירטע,
לויפן אום — צעווילדטע חיות:

ווער — פאַר בערן, ווער — פאַר אָקסן,
ווער — פאַר הינקענדיקע מאַלפּעס.

אָט־אָ — קעמלען אויסגעדרייטע,
מיט די האָרבן אויף די אַקסלען,
גלייך ווי אָנגעוואַקסענע בערגלעך
אויף אַ זאַמדיק פלאַץ אַ הויכן.

---

* די טעמע פון דער פּאָעמע איז געבויט אויף אַן׳אמתער פּאַסירונג, געשען אין 1895, ווען כ׳בין אַלט געווען זעקס יאָר. מיר זיינע דאַן געפאָרן פון ליבאַווע ביז בוענאָס־איירעס פיר חדשים. אונדזער שיף האָט אַ וואָך צייט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַן אינדזל.

ווער — ווי עלפאַנטן, ווי הינטלעך, —
אַלע אויפן חיה־לשון, —
אַט־אַ מיאַוקען קעץ אַ חברה
אין אַ מיטן נאַכט אַ שוואַרצער.

אַט ווי וועלף, ווי הונגעריקע,
וואָיען, גרייטע צו פאַרצוקן —
פלוצלונג — ווילדע פרייד פאַרכאַפּט זיי,
הירזשען זיי ווי יונגע פערדלעך.

מוקען זיי ווי טרייע בהמות
רופנדיק צו זיך די קעלבלעך — —
און זיי שפּרינגען און זיי שטויסן
אויף די מענטשן אין די ווינקלען. —

יעדער נעמט אַ שפּיל־כּלי־זיין
אין די חיהש ווילדע לאַפּעס,
און זיי שפּילן און זיי טאַנצן
אין אַ קאַראַהאָד אַ ווילדן.

און די קינדערלעך — פאַרגאַפּטע
זינקען אין די מאַמעס ברוסטן,
וואַרפן בליקן אויף די גרויסע,
נאָר אויך זיי פאַרוואונדערט שטייען.

און די קולות און דאָס קלאַפּן
פאַלן אויפן ים ווי דונערס;
און די כוואַליעס מאָדנע רוישן,
לעקן הונגעריק דעם שיף־ברעג.

כ׳ליג זיך אויף דעם האַרץ דער מאַמעס,
ווי איך וואָלט פון קעלט זיך טוליען;
— מאַמע ליבע, מאַמע ליבע,
זאָג, וואָס טוט זיך אויף דער שיף
איצט? — — —

אי דערשראָקן, אי מיט נייגער,
בלאָנדזשען פרעגנדיקע בליקן;

וואָס זאָל אַט דאָס שפּיל באַדייטן
וואָס פאַרצווייפלטער צעשפּילט זיך?

פלוצלונג קומט צו גיין דער טאַטע
פון דעם מיטן טאַנץ דעם ווילדן,
זיינע אויגן פריילעך גלאַנצן,
ס׳שטיקט זיין האַלדז אַ ווילד
געלעכטער.

אוי, כ׳האָב מורא ווען ער קושט מיך,
ס׳ברענען זיינע הענט היינט מאָדנע.
גיט אַ כאַפּ מיך אין די אָרעמס,
טראָגט מיך נענטער וואו זיי טאַנצן.

אוי ווי מאָדנע קוקט דער ים היינט,
און די שטערן מאָדנע גלאַנצן!
ס׳האָט אַ וועלט זיך אָפּגעריסן
און שווימט אום אויף ברויזע כוואַליעס.

שטויסן מענטשן זיך צוזאַמען
ווי די כוואַליעס פאַר אַ שטורעם.
אויגן לויערן אין אויגן,
ווערטער צינדן זיך אויף ליפּן.

יעדער וואָרט וויל פריער רעדן,
און פון יאָגעניש — פאַרשטומט ער;
פלוצלונג לייכטן־אויף געזיכטער,
סוד אַליין האָט זיך צעעפנט:

— „אויף דעם ים־וועג וואו מיר פאָרן,
איז פאַראַן אַ גרויסער פויגל,
וואָס הערט קיינמאָל אויף צו זינגען,
ווי ס׳ווערט קיינמאָל ים אַנטשוויגן.

און זיין זינגען, אוי זיין זינגען,
שפּרייט זיך אויפן גאַנצן ים אויס.
ווער עס הערט דעם פויגלס טענער,
מוז פאַר אומרו אויסגיין, שטאַרבן.

און די שיף בלייבט אָן אַ פירער, —
דעמאָלט קומט אַליין דער פויגל,
פירט איר אָפּ אין טויטן־אינדזל —
אין דעם פּאָרט פון טויטע שיפן.

קלאַפּן דעריבער די מאַטראָזן,
און זיי שפּילן און פאַרשרייען
יענעם פויגלס מאָדנע טענער,
וועלכע זויגן אויס נשמות״... —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ווייס נישט, צי האָב איך געוואַכט, צי געשלאָפן,
נאָר אימיצער האָט מיך געגלעט ווייך דעם שטערן.
אַזוי ווי אַ קראַנקן באַרירט מיינע אויגן,
און עפּעס געמורמלט איך זאָל נישט דערהערן.

דער טאַנץ האָט ווי פריער געדרייט פאַר די אויגן,
די טענצער — ווי שונאים געראַנגלט פאַרביסן.
ביז ס'האָבן באַזיגט אונדז די קלאַנגען פון פויגל,
די צאָם פון מאַטראָזן־געשריי דורכגעריסן.

די קלאַנגען צעררייצטע, ווי קעצישע נעגל,
געדראַפּעט זיך ווילד אויף דער שיפס הויכע שטאַנגען,
אויף דר'ערד די באַזיגטע מאַטראָזן געלעגן,
פאַרחלשט צענאָגטע פון פויגלס געזאַנגען.

אָט ליגן שוין אַלע — פאַרגליווערטע בערגלעך,
כאָטש טאַנץ נאָך באַוועלטיקט פאַרכישופטע גלידער.
די פידלען און פויקן מיט קלאַנגען זיך ווערגן,
צעוואָרפענע ליגן פאַרחלומט פון מרידה...

און טריט פון די טענץ הילכן אָפּ אין דער פינצטער,
קוים־קוים, ווי די זיפצן פון גוססע קינדער.
און וואָס מען הערט מערער דעם קלאַנג פון דעם פויגל,
וויגט שאַרפער די שיף זיך, דער הימל ווערט בלינדער.

און ס'פאַלן די קלאַנגען אַזוי ווי זיגזאַגן,
פון זודיקן פּעך דורך צעלעכערטער כלי.
זיי זויגן אַרויס די פאַרגליווערטע אויגן
און ס'קוקן די גריבער ווי פינצטערע היילן.

ס'ווערט שטיל אויפן שיף... אַלע פייערס פאַרלאָשן,
און ס'גיט נאָך אַ פּוס וואו אַ שאָר — ווערט אַנשוויגן...
אָט הערט זיך אַ רוישיקער אָטעם און שיפען —
דער פויגל אַליין האָט די שיפדעק באַשטיגן.

ער קוקט אויף די טרופּעס וואָס זיינען געלעגן
אַזוי ווי פון שטורעם צעבראָכענע ביימער.
ער שטעלט אָן דעם קאָמפּאַס, די שיף נעמט זיך רירן,
רו־רו הויבט אָן מאָדנע צו רעווען דער קוימען.

און ס'דרייט זיך די שיף אויס צום שוואַרצטויטן אינדזל,
ס'הויבט אויף זיך דער ים און קוקט אָן וועך עס פאַרן, —
אַמאָל וואַשן כוואַליעס אַרום זיי די קערפּערס, —
די שיף ווערט אין פינצטערן נעפּל פאַרלאָרן.

1911

דער צויבער־קעניג

(באַלאַדע)

כ'געפין מיך אין אַ צויבער,
וואָס האַלט מיך אין געפאַנג.
כ'פיר אָן אַ באַנדע רויבער
אַנטקעגן מיין פאַרלאַנג.

די פינצטערניש געדיכטע,
איז אונדזער איינציק פריינט.
ביינאַכט־געסט אומגעריכטע —
באַפאַלן מיר דעם פיינט.

מיר רויבן און באַרויבן
אויף ים און אויף דער ערד;
פאַרלאָרענע, אָן גלויבן —
פאַרשיכורט אונדז דער שווערד.

מיר האַסן און פאַרהאַסן
די וועלט מיט גאָרער פרייד,
די רייכע הייל־פּאַלאַצן
מיט האָב און גוטס געגרייט.

די פרויען וואָס מיר רויבן
צעווילדטע און פאַרשייט, —
זיי קאָנען נישט פאַרטויבן
מיין גלייכגילטיקייט.

וואָס פאַר אַ פּיין קאָן גרעסער
ווי רויבער־קעניג זיין?
דער גלאַנציק שיין פון מעסער
איז פון זיין בליק דער שיין.

אַ קעניג פאַרן צוויטן,
אַ שקלאַף ביי זיך אַליין;
בין מיד שוין פון צו טויטן,
דאָך שווער פאַנאַנדערגיין!

אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע
האָט איינמאָל מיר פאַרטרויט;
— מיט שפּאָט וועט דיר אַיין קאָרבן
באַשפּייען פאַר זיין טויט.

זיין שפּאָט וועט דיר פאַרגאַלן,
דיין לעבן, רו און שלאָף;
ווי רויבער דיך באַפאַלן — —
און דאָס וועט זיין דיין שטראָף!

1913

די קאַץ

מיין טויט וועט קומען פון אַ קאַץ! —
באַשליס איך, ווען איך טראַכט פון טויט.
מיין לייב פאַרמאָגט אַ קעציש ראַץ, —
אַ בלויען זיגל אויף מיין הויט.

אָט־דער־געדאַנק פאַרפאָלגט מיך לאַנג,
האָב קעץ נאָך קינדוויַיז פיינט געהאַט;
פאַר זייער גנביש שטילן גאַנג,
און מאָדנעם אָנגעצויגענעם שטאַט.

די קאַץ, זי איז אין זיך פאַרטראַכט, —
איז פאַלש אַפילו אין איר שפּיל;
כ'זע דעמאָלט אין איר אויג די נאַכט
ווען זי וועט קומען צו מיר שטיל.

מען זאָגט: זי בייסט נישט, —
ניט זי פליקט,
נאָר לייגט זיך אויף דעם האַרץ אַרויף:
און פון איר הויך ווערט מען
דערשטיקט,
און מערער שטייט מען שוין ניט אויף.

ווי נאַריש אַזאַ טויט מוז זיין,
ווי בייז דאַרף זיין די קאַץ, און שלעכט!
און פאַלש דאַרף זיין דער לבנה־שיין,
וואָס שימערט אין אַזוינע נעכט!

אַ מענטש פאַרקלערט אַמאָל אַ זאַך,
און גייט עס טאָן מיט פרייד און שרעק:
נאָר אָט — ווי ס'שפּרינגט אַראָפּ
פון דאַך,
אַ שוואַרצע קאַץ, לויפט דורך זיין וועג.

און לויפט אַ קאַץ דעם וועג פאַרביי,
פאַרדרייט זיך שוין ביי דיר דער קאָפּ!
עס רירן זיך די הענט נישט פריי —
אַלץ גייט שוין דעמאָלט באַרג אַראָפּ.

אַמאָל — דערהערסטו אַ געוויין
פון קראַנקע קינדער ביי דער נאַכט;
דו ווילסט שוין נאָך די קולות גיין —
דאָס האָבן קעץ גאָר נאָכגעמאַכט!

און ס'טרעפן נעכט — איך גיי אַרום
אין גאַס, אין פעלד, ביז זייער שפּעט;
און טרעף אין צימער ווען איך קום,
די קאַץ — זיך ליגן אויף מיין בעט.

נאָר זי אַנטלויפט נישט,
בלייבט גאָר שטיין —
קוקט אָן מיך שלעפעריק און לאַנג.
זי שטעלט אַרויס די שאַרפע ציין,
ציט אויס זיך ווי אַ גרויע שלאַנג.

איך טרייב אַרויס זי, און די טיר
פאַרמאַך איך פעסט — ווי נאָר איך
קאָן;
באַגין — זי שטייט אויף ס'ניי פאַר
מיר,
און קוקט מיך פאַלש און חוצפּיש אָן.

איך גיב אַ שטויס איר, זי — אַססיק —
און גייט פאַרביסן, בייז, אַוועק.
איך זע דאַן אין איר ווילדן בליק: —
זי ציילט אין האַרץ שוין מיינע טעג!

1909

שווייגן

(פראַגמענט)

דיין טיר איז אָפן, — ווער עס וויל קאָן גלייך אַריין.
נאָר זיצסט פאַרטראַכט אין זיך, און וואַרטסט אויף קיינעם,
דו האָסט אויך מיין אַריינגאַנג ניט געהערט...
און זעסטו שטייך מיך קעגן דיר,
וויזט אויך דיין פּנים ניט קיין נייע פרייד,
דאָס אויג — קיין איבעראַשונג.
ווי פריער, ווי אַמאָל, זעט אויס דיין צימער;
ווי ס'בייט זיך קיינמאָל ניט אין אויג דיין בליק,
האָט זיך די פאַרב פון דיינע פענצטער־בלומען ניט געביטן.
דער ריח — רייצנדיקער, שאַרפער...
איך בין אַוועק, וויל ס'האָט געשראָקן מיך צו זען דיין בליק געענדערט,
די בלומען — טויטע,
פון בלומען־ריח — מתים אָטעם.
איך האָב געזוכט די אייביק יונגע יוגנט,
און זוכנדיק האָב איך צעזייט שטיל מיינע יאָרן.
אָן יאָרן שטיי איך איצט פאַר דיר —
ווי אַ יונגע קינד, וואָס האַלט ביים שטאַרבן...
און דו — די יוגנט האָסט ביי זיך געהאַט באַהאַלטן!
טאָ זאָג דעם סוד מיר פון דיין יוגנט!

***

עפּעס רעדט צו מיר דיין שווייגן.
אַלץ נאָר, וואָס ס'געפינט זיך אין דיין צימער, שווייגט,
ווי ס'וואָלט אַ הייליק סוד דאָ היטן...
שוועסטער! איך קאָן דיין שווייגן ניט באַגרייפן:
זאָג, וואָס רעדסטו צו מיר שווייגנדיקערהייט?
יוגנט, ווייס איך, פלאַפּלט
ווי דאָס וואַסער אונטער אייז אין אָנהויב פרילינג...
יוגנט לאַכט אַמאָל מיט אַ געלעכטער פון צעררייצטע כוואַליעס;
יוגנט פרייט זיך העל מיט טוי־באַטרערטע אויגן,
ווי דער שמייכל פון דער זון אין אַ פרימאָרגן.
שווייגן — דאָס נאָר, ווייס איך, טוט די עלטער.
ווי אַ דינסט מיט פאַרזיכטיקע טריט אין שלאָף־צימער פון האַר
גייט שטיל די עלטער...
יוגנט־שטימען מאַכן קנייטשן אויף אַן אַלטן פּנים...
מיט נאָך אַ יאָר הויבט אָן אַ מענטש מער שווייגן...

מיין באָבע האָט שוין יאָרן ניט פֿאַרמאָגט,
און דאָך געלעבט!
געקוקט מיט בלינדע, טרערנדיקע אויגן;
אויערן — שטאָק־טויבע, דאָס מויל — אָן ציינער,
און גערעדט האָט זי אָן ווערטער;
עס פֿלעגט שרעקן מיך, ווען זי פֿלעגט שווייגנדיקערהייט
מיט ביינערדיקע קאַלטע הענט שטיל גלעטן מיין געזיכט...
שוועסטער! איך קאָן דיין שוויגן ניט באַגרייפֿן!

***

וואָגלענדיק אַלץ אין דער וועלט האָב איך געזען,
און דורכגעלעבט פֿיל זאַכן.
נאָר גייענדיק צו דיר, האָב איך געהאַט שוין אַלץ פֿאַרגעסן...
און איצט האָב איך אויף ס'ניי זיך אַלץ דערמאָנט.
און אַלץ, וואָס איך האָב געזען און דורכגעלעבט,
האָב איך געטראָפֿן אָפּגעזיגלט אין דיין האַרץ,
ווי דו וואָלסט פֿאַרבאָרגעטערהייט מיין וועג שטיל נאָכגעגאַנגען...
און קומענדיק צו דיר —
אויך האָסטו מיר מיין יוגנט אָפּגעגעבן,
ווי דו וואָלסט דאַן די צעזייטע יאָרן מיינע
אויפֿגעקליבן און באַהאַלטן...

1913

פֿאַרגעסענע יוגנט

(פֿראַגמענט)

איך ווייס ניט וואו איך בין, און וואָס איך זע אַרום,
נאָר אַלץ, וואָס נעבן מיר קוקט אַזוי מאָדנע אויס! —
וואָס טו איך פּלוצלונג דאָ? און ווי אַזוי איך קום! —
פֿאַרדעכטיק, פֿרעמד, קוקט אָן מיין בליק די פֿרעמדע הויז.

ס'איז קיינער דאָ נישטאָ... און צימערן אַ סך —
פֿאַרפֿומען שטאַרקער שמעקט, אַזש אין די אויגן בליצט!
די רעשטלעך פֿון אַ באַל... אין פֿרעמדער פֿרייד פֿאַרבראַכט, —
די לופֿט — געדיכט און שאַרף, נאָך הייסער אָטעם שפּריצט!

די מעבל — אומגעקערט... און שטיקער פֿלעשער־גלאָז,
ס'ברענט רויטער ווייַן אויף דר'ערד, און שטויביק אַלץ אַרום;
נאָך שוועבט דאָ טאַנץ־געדריי, און ווי פֿון ווינטן בלאָזט,
און ס'דאַכט זיך, פֿנימער — ווי שאָטנס יאָגן אום!

אַט ווירבלט פאַר מיין אויג אַ ווילדער טאַנץ־געיעג,
און ס'שטעמפּלען אַפּ אין שטויב זיך קליינע פרויען־טריט;
אַ בלענד פון נאַקעטקייט האָט אויגן אויפגעוועקט,
מיט בליקן תאוושע דער שטויב איז אָנגעגליט. —

צי האָב איך לאַנג געלעבט? מיין קאָפּ איז גרוי, מיר דאַכט...
ס'מאַכט גליק אַ מענטשן אַלט, צי האָב איך גליק געזען? —
אַזוי פיל צימערן! און קיינער — אויסער נאַכט!
צי האָב איך פריינט געהאַט, און בין איך יונג געווען?

צי האָט אַ פאָטער מיך אַמאָל אַ קוש געשענקט,
צי האָט אַ מוטער מיך אַמאָל צום האַרץ געדריקט?
ס'האָט גרויער וויין־נעפּל מיין גאַנצע וועלט פאַרשווענקט,
האָט זייער אָנדענקן מיר טיף אין האַרץ דערשטיקט! — — —

***

דער שיכורער נעפּל אין מוח פאַרשווינדט און ווערט לייכטער,
ווי ס'וואָלטן אים קילינקע ווינטלעך צעטריבן.
און ווי פון אַ שלאָף אַ האַרט־מידן וועקט עמיצער ווייך מיין זכרון,
און כ'זע: —
אַ יידישע הייזל אַנ'אַלטע, מיט שטויביקע שויבן,
וואָס קוקט אין דער וועלט איינגעבויגן,
אַזוי ווי אַ וואַנדערער דורך ברילן מיט קרענקלעכע אויגן,
זוכט אום שטיל זיין וועג...
צוויי אַלטיטשקע לייט דאָרטן גרייזגרויע זיצן
מיט קלאָר־טיפע קנייטשן אויף זייער געזיכט —
וואָס קוקן ווי עדות פון ריינע פאַרגאַנגענע יאָרן...
דערנעבן — אַ יינגל מיט אומרו און שרעק אין די אויגן,
ווי אַ בוימל אַן איינזאַמס אין פעלד דערצויגן,
וואָס זויגט נאָך אין יוגנט פון דר'ערד איין די מורא פאַר שטורעם,
די בלעטעלעך פרעגן ביי יעטוועדן ווינטל:
— ביסטו עס דער שטורעם, ביסטו עס דער שטורעם? —
און כ'האָב אין די אַלטע דערקענט באַלד מיין טאַטן, מיין מאַמען,
אינם קינד — מיין פאַרגעסענע יוגנט...

***

אַ פאַרנאַכט.

אַ מיידל, אַ יונגינקע חברטע מיינע, און איך,
זיינען ביידע געגאַנגען אין פעלד
אַמאָל בלימעלעך רייסן, בלימעלעך רייסן...

די אויגן — קיין וועג נישט געזען,
נאָר טענער, ווי בלאָס־פאַרגייענדיקע שטראַלן,
האָבן פון וואו זיך ווי זילבערנע שלאַנגען געצויגן, געצויגן,
און זיינען ווי טויען געפאַלן
אויף אונדז... און זיי האָבן די פעלדער און וועלדער
מיט קלאַנגען באַשאָטן, פאַרהילט...
דער בלאַסער פאַרנאַכט האָט מיט אונדז זיך געשפּילט...
פון ווייט האָבן מאַט־בלאַסע פייערלעך שטיל זיך געצונדן,
אָט זיינען די ביימער פון אונדזערע אויגן פאַרשוואונדן,
די בלומען פון אונדזערע פינגער ווי פייגעלעך קליינע
צעלאָפן, צעשפּרונגען, —
זיי האָבן גענאַרט אונדז, גערופן...
די חברטע ווייט שוין געווען —
הו־הו — פון דער ווייט האָט איר ענטפער געקלונגען,
און פלוצלונג אַ רעגן פון בלומען האָט ווייך זיך צעגאָסן,
ווי ווינטלעך די פייערלעך בלאַסע צעלאָשן...
בין שיכור פון בלומיקן ריח אַ מידער געפאַלן,
נאָר ס'האַרץ האָט זיך פיינלעך געריסן, געריסן...
און ס'האָבן די בלומען אויף מיר זיך געשאָטן, געשאָטן,
מיר צאַרט מיינע אויגן ווי מאַמעשע פינגער פאַרשלאָסן...

***

אַז כ'האָב מיינע אויגן געעפנט
האָט ערגעץ געיאָמערט אַ קינדערשער קול...
אין האַרץ האָט הו־הו אָפּגעקלונגען —
נאָר פרעמדער און אַנדערש האָט מיר אויסגעקוקט אַלץ,
און כ'האָב זיך אַליין נישט דערקענט...
אַ רעגן — אַ בייסיקער, דראָבנער, האָט ווינטיק געגאָסן,
נעבן מיר זיינען בלומען פאַרוויאַנעטע, נאַסע, געלעגן,
און גרויע, פאַרגאָסענע וועגן
קרום האָבן פאַר מיר זיך געדרייט און געצויגן.
די ווינטן — ווי קראַאישע פליגל בייז האָבן געפּאַטשט אין די אויגן,
נאָר כ'האָב אין די וועגן די וועג צו מיין היים נישט געפונען...

דער הימל שטייט אָנגעשפּאַרט, מיד, אויף דעם הויך אַלטן וואַלד
ווי אַ גרויס און ריזיק געשטאַלט
מיט גרויע, פאַרשוואָלענע אויגן פון טרערן,
און קאָן זיך נישט האַרציק צעוויינען...
נאַסלעכע שפּריצן די בליקן —
אַזוי ווי דורך נעפּלען און וואָלקן — די שטראַלן פון זון...

ווי איך — זיינען אויך דעמאָלט די ביימלעך פאַרלאָרן געשטאַנען
פאַרטרויערט, פון רעגן צעווייקטע —
אַ צווייג אין אַ צווייג איינגעפלאָכטן,
ווי ווער מיט פאַרבראָכענע הענט...
און כ'האָב זיך דערפילט אַזוי עלנט און אַלט,
ווי ס'פילט זיך אין אָסיען דאָס פעלד,
ווען די שניטערקעס שניידן אַראָפּ אַלע זאַנגען,
נאָר ס'בלאָנדזשען נאָך אום אין דער לופט פון זייערע לידער די קלאַנגען...
דערנאָך — אויף ליידיקע בייטן נעמט גיסן אַ רעגן,
אויף יעטוועדן בייט פליסט אַן ערד־שוואַרצע רינע, —
אין דער רינע שווימט אום אַ פאַרבליבענער זאַנג...
און ס'ליגן אין זאַמד שטיל די נאַקעטע שטיינער און קוקן,
ווי בלאָנד־קאַלטע אויגן, וואו ס'האָט זיך אַ שמייכל פאַרגליווערט,
נאָר ווען שוין קיינמאָל זיך מער ניט צעשיינען, צעלאַכן...
ווי פאַרלאָשענע דונער אין טאָלן, וואָס וועלן שוין קיינמאָל ניט קראַכן —
אַזוי בין איך עלנט, אויף וועגן מיר פרעמדע,
אַליין אומגעגאַנגען, אַליין אומגעגאַנגען;
אַ קינדערשער קול האָט אין ערגעץ פאַרצווייפלט געיאָמערט,
הו־הו — האָט מיין אייגענע האַרץ אָפּגעקלונגען...

1910

יונתקע

(פון מיין ווייטער קינדהייט)

מאַמע, כ'וויל דיר וואָס דערציילן,
נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי;
ס'ברענט מיר וואָס ווי הייסע קוילן,
און עס טוט מיר זייער וויי!
זאָג מיר צו, וועסט מיך ניט שלאָגן,
נאָר מיך אַרט ניט סיי ווי סיי;
אַלץ איינס וועל איך דיר עס זאָגן,
מאַמען מוז מען זיין געטריי!

כ'קען אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפן,
בין בייטאָג ניט אויסגערוט.
וואָלסטו דאָס אַליין געטראָפן,
אוי, וואָלט מיר געווען גוט!
אונדזער יונתקען פאַרגעסן,
כאָטש איך זע, דו ווייסט אַמאָל;
דאָביים טיש איז ער געזעסן,
ס'קלינגט מיר לעבעדיק זיין קול.

כ'פלעג זיין בעטל שטענדיק היטן,
און דערלאַנגען דעם רעצעפּט. —
אוי, האָט יונתקע געליטן,
אוי, ווען יונתקע איצט לעבט!
נאָר ער פלעגט מיך תמיד רופן
מיט זיין קראַנקן דינעם קול.
פלעגט ניט זאָגן שאַרף די „קופן,"
פלעג איך לאַכן אַלע מאָל. —

דו פלעגסט, מאַמע, דאַן מיך שלאָגן
כ'זאָל לעם' יונתקען ניט שטיין:
וועסט זיך אָנבעמען, — פלעגסט זאָגן, —
גיך אין חדר זאָלסטו גיין! —
און, כאָטש יונתקע פלעגט בעטן,
כ'זאָל ניט לאָזן אים אַליין;
כ'פלעג מיט גוואַלט פון בעט אָפּטרעטן,
און צום טיר זיך לאָזן גיין.

כ'פלעג אין חדר דעמאָלט פליען,
און די גאַנצע וועג געקלערט:
וועט זיין קרענק זיך לאַנג נאָך ציען?
וועט אים לעבן זיין באַשערט? —
וועל איך טויזנט טריט נאָר ציילן,
ניט צעטומלען זיך אין מיט;
וועט זיך יונתקע פאַרהיילן — —
און כ'פלעג ציילן הויך די טריט.

איינמאָל גייענדיק אין חדר —
ער איז ערגער, ערגער אַלץ;
פון זיין שווערן הוסט כסדר,
ווערט צעריסן אים דער האַלדז! —
האָב איך הויך גענומען קלאָגן,
און אַוועקגעשטעלט זיך: ביין!
מעג מען מיך אויף טויט דער־
שלאָגן,
כ'וועל אין חדר היינט ניט גיין!

און געגאָסן האָט אַ רעגן,
ווי אַ ים אַראָפגעפלייצט,
שטראָמען האָבן אויף די וועגן
בלעזלעך קיילכיקע געקנייטשט;
איך אַליין אַן איינגענעצטער
בין געלאָפן איינגעשפּאַרט,
אויף דער האָפענונג דער לעצטער
האָב מיט אומגעדולד געוואַרט.

כ'האָב צום שולכל, צו דעם אַלטן
זיך מיט האַסט אַוועקגעיאָגט;
דורך די קינדערשע געוואַלטן
האָט זיין קול פאַר מיר געקלאָגט.

כ'האָב צען יינגלעך אויפגעקליבן,
וועלכע האָבן ביי דער טיר
אין די לוזשעס אומגעטריבן
קליינע שיפלעך פון פּאַפּיר;

זיי גערופן תהילים זאָגן,
ביז רבונו של עולם וועט
דעם מלאך המוות באַלד פאַריאָגן
פון מיין ברודערס קראַנקן בעט.
איך — אין אונדזער הויף פאַרשוואונדן,
אין אַ חדר זיך פאַרוקט.
כ'האָב אַ ליכט דאָרט אָנגעצונדן,
אויף דעם פלאַם זיך איינגעקוקט.

כ'בין אַ צייט אַזוי געשטאַנען
און דעם פלאַם מיט שרעק באַטראַכט, —
כ'וויס דעם סוד פון פעטער מאַניען,
ער האָט דאָס פון שטאָט געבראַכט:
אַז דאָס גאַנצע ליכט ברענט אויסעט,
און ס'פאַרדרייט זיך ניט דער קנויט,
ווייזט אויף לעבן — אויב עס גוססט,
צוקט און רויבערט, — ווייזט אויף טויט!

ס'האָט געברענט, געברענט זיך זיכער.
ס'פעלט אַביסעלע צו דעם; —
פלוצלונג... ס'צוקט, און צוקט אַלץ
גיכער,
ווי עס ראַנגלט זיך מיט וועם! —
כ'האָב שוין מער ניט אויסגעהאַלטן,
ס'האָט אַ שרעק מיך אויפגעדרייט,
ס'האָט פון שטוב דערהערט זיך גוואַלטן,
און אַ יאָמער אויף זיין טויט! —

1920

פון בוך „אומעטיקע וועגן"
1912 — 1908

יונגע יאָרן

יונגע יאָרן אויפן פלייצע, —
ליב צו טראָגן אַזאַ לאַסט!
ס'שמעקן קאָרן, ס'שמעקן ווייצן,
איבער טייך — לבנה־פּאַס!

כ'גיי אַליין, מיין טראַט — אַ גרינגער,
ס'שלאָפיק פעלד באַריר איך קוים,
שוועבנדיק אויף שפּיצן־פינגער,
ווי געטראָגן פון אַ טרוים.

וואו איך גיי, יאָגט נאָך לבנה,
אין אַ נעפּל־קרוין באַצירט.
אירע שטראַלן אויף מיין פּנים,
ווי איין וועג וואָלט אונדז געפירט!

כ'ווער אין ווייטעניש פאַרלאָרן, —
ריזן־בוימער אויסגעשטעלט,
האַלטן אויסגעשטרעקטע אָרעמס,
אין די אָרעמס שלאָפט די וועלט.

פייגל דרעמלען אין די נעסטן,
כ'וועק זיי אויף און רוף זיי מיט!
זיך אין פלי מיט זיי פאַרמעסטן, —
יאָג איך מיינע הירשן־טריט!

פליגל־רויש — אין נאַכט אין שטילער,
מענטשן־טריט — אין שפּעטער רו.
אַזאַ אַנדערשקייט דערפיל איך,
און עס טראָגט מיך ערגעץ־וואו.

כ'היפּער איבער באַרג און טאָלן,
שוואַרצע טייכן פליסן שטום.
אין אַ דורכגאַנגס־הייל אַ שמאָלער, —
האַלדזן שאָטנס מיך אַרום.

נאָר מיך שרעקן נישט די שאָטנס,
ווי די זון — צעטרייב איך זיי;
זיי צעגייען פון מיין אָטעם,
און אַ פרייער ווייטער כ'גיי!

יונגע יאָרן אויפן פלייצע, —
ליב צו טראָגן אַזאַ לאַסט!
ס'שמעקן קאָרן, ס'שמעקן ווייצן,
איבער טייך — לבנה־פּאַס!

1908

אַהין

עס איז נאָך דער פרילינג נישטאָ,
דאָך וועבט ער זיך שוין אין מיין זין;
מיין לאַנד איז פאַרהילט נאָך אין גראָ,
דאָך רייסט מיין האַרץ שוין אַהין!

עס שוויגט ווי אין דרעמל
די וועלט,
פאַר מיר שוועבט אַרום אַ געזאַנג,
דער רוים איז פון נאַכט נאָך
פאַרשטעלט, —
אין האַרץ מיינעם ליכטיקט שוין לאַנג.

איך האָב נישט געזען נאָך איר בליק,
מיין האַרץ זאָגט מיר אָן: „זי איז שיין!"
איך ווייס נישט איר היים וואו עס ליגט,
דאָך לאָז איך זיך דאָרטן צו גיין!

1908

לאָמיר שוועסטער...

לאָמיר, שוועסטער, ווי צוויי קליינע קינדערלעך זיין:
פאַר וועמען עס איז נאָך דאָס לעבן אַ שפּיל,
אַ רוישיקער טאַנץ, און אָט — שלעפעריק, שטיל;
וואָס לאַכן און וויינען מיט טרערן פון פרייד,
און ווייסן אין שפּיל ניט, אַז עפּעס פאַרגייט
פון זיי באַלד אין קינדערשע, פריילעכע טעג —
און שפּילן זיך ווידער מיט פרייד און מיט שרעק.

לאָמיר, שוועסטער, ווי צוויי קליינע קינדערלעך זיין:
דו מאַך, ווי דו רייסט זיך אַרויס פון מיין האַנט,
אַנטלויפסט, און איך יאָג דיך ביים וואַלדיקן ראַנד;
איך וועל זיך פאַרקוקן, און דו — זיך באַהאַלט...
דערנאָך וועל איך זוכן דיך טיפער אין וואַלד,
וועל פרעגן די ביימער מיט ווילדן געוויין,
צי האָבן זיי לויפן געזען דיך, אַליין? —

דאַן לאָך זיך פאַנאַנדער... און זאָל זיך דיין קול
ווי יונגינקע דונערס צעשיטן אין טאָל,
באַוויז זיך אַ רגע, און וייטער פאַרשווינד,
וועל נאָכיאָגן דיך ווי גרינגפיסיקער אינד,
אָט האַלט איך דיך ווידער, — באַפרייסט זיך צוריק, —
ווי ס׳יאָגן די מענטשן זיך נאָך זייער גליק...
לאָמיר, שוועסטער, ווי צוויי קליינע קינדערלעך זיין!

אַ מעשה

זיצט אַ פאַסטושקע אין פעלד
ביי איר שאָף און רינדער.
אירע אויגן לויפן אום
ווי די יונגע אינדן.

גייט אַ וואַנדערער פאַרביי,
פון גאַנצוועלט געקומען, —
האָט זי אים מיט קינדער־שרעק
ליב דאָך אויפגענומען.

האָט זיין הונגער, דורשט געשטילט,
ס׳האַרץ אויך אָפּגעגעבן, —
כאָטש צום ערשטן — לעצטן מאָל,
זעט זי אים אין לעבן!

אָט די מעשה שפּינט זיך לאַנג,
וועט זיך לאַנג נאָך שפּינען — — —
וועל איך יענע וייטע קינד
נאָכאַמאָל געפינען? —

1911

דער הערבסט־גאַסט

— ווער איז ער?
— עס ווייסט נישט קיינער.
מענטשן קומען פון די פעלדער און דערציילן:
ס'הויבט דער פרילינג נאָך פון יעדן בלויען בלימל.
ס'האָט קיין קאָסע נישט געגלאַנצט נאָך אויף די פעלדער,
שניטער־לידער — אין דער לופט נאָך נישט געקלונגען;
קילע ווינטעלעך ווי דורכן חלום שעפּטשען:
פרילינג, פרילינג.

און ס'טראָגט דער פרעמדער שוין אַ קרוין פון געלע בלעטער,
פאַרוועלקטע בלומען טראָגט ער אויף זיין האַרצן,
ווינטן בלאָזן פון די פאָלעס פון זיין קלייד,
טראָפּנס רעגן טריפן פון זיין קאָפּ,
פון די בליקן זיינע ווייט דער טרויער,
מתים־אָטעם הערט זיך פון זיין קערפּער...

ווי אַן אָבל גייט ער טרויעריק אַרום;
קיינער ווייסט ניט, ווי זיין האַרץ זיין שטילע וויינט...
צום קאַלטן צפון נאָר ער ווענדט זיין פייכטן בליק,
זיינע ליפּן — ווי זיי מורמלען תמיד שטיל,
קיינער ווייסט נישט צי זיי שילטן, צי זיי בענטשן,
קיינער פרעגט אים ניט נאָך וואָס ער איז געקומען,
— ס'איז דער הערבסט־גאַסט — סודן שרעקיק זיך די ביימער,
— אין זיין היימלאַנד איז דער פרילינג שוין געשטאָרבן.

1908

אין חלום

ס'איז מיין האַרץ פאַרליבט אין וועמען
און איך זוך זי אומעטום.
ס'דאַכט מיר, כ'קען איר הויך
פאַרנעמען, —
כ'פיל, זי זוכט מיך אויך אַרום.

גיי איך איינזאַם, און פון וויטן
הער איך עמיצן שטיל גיין.
שטרענגער קול מיין האַרץ צע־
שניידט מיך:
קוק נישט אום זיך — בלייבסט אַליין!

ווייל איך וויל איר באַנטקייט פילן,
קוק איך קיינמאָל זיך נישט אום.
אונדזער דורשט מוז חלום שטילן,
וואו מיר קוקן אָן זיך שטום.

1909

בלאָנדזשענדיקע

אַ מאָדנער קלאַפּן... גליק צי אומגליק
קומען דאָ? — נו, זאָל געשען!
— אַריין! — איך וואַרט דאָ אויף
אייך ביידן,
כ׳וויל אין פּנים ביידע זען!

נאָר ס׳עפנט מיט אַ רעש די טיר זיך,
פענצטער מאַכט ווער פלוצלונג אויף!
און ווי פון דרייענדיקע ווינטן
ווערט אין צימער אַ געלויף.

פון זיך אַליין ווערט לאָמפּ פאַרלאָשן,
ס׳שוועבט אַ בלינדקייט רוישיק אום;
דאָס הויז ווערט אָנגעפילט מיט
מענטשן,
ב׳וויל זיי זען — בלייבט פוסט אַרום!

מיין צימער ווערט אַלץ העכער,
ברייטער,
ווי אין נעפל ציט זיך, ציט;
אָט גלאַנצן בליקן אין דער פינצטער —
ס׳הילכן, טרעטן שווערע טריט.

און שטימען פריילעכע און באַנגע,
רעדן, לאַכן מיט אַמאָל;
זיי קלינגען אַלע ווי באַקאַנטע —
האָב דערקענט מיין אייגן קול.

אַ כאָר צעקלינגט זיך אין דער פינצטער,
ס׳הויז — מיט קלאַנגען אָנגעפילט;
ווי עכאָס פון אַ ווילדן שטורעם,
ווען ס׳איז אַלץ שוין איינגעשטילט: —

— „ס׳האָט ווער פאַר דער צייט אונדז
געהרגעט,
ס׳אַרט אונדז נישט, ווער, און פאַרוואָס;
מיר זיינען געבליבן אָן גופים —
בלאָנדזשען מיר אום אין כאַאָס.

אונדז קאָנען די מענטשן ניט זען מער,
מיר, אָבער, זעען זיי יאָ;
אויף זייערע שמחות, לוויהס,
זיינען פאַרבאָרגן מיר דאָ.

אָפט הערן מיר, ווי זיי דערמאָנען
וועמען פון אונדז אין דער שטיל;
ס׳פאַרגיט אונדזער האַרץ די רכילות, —
ס׳ווייכט אונדז נקמה־געפיל.

מיר בלאָנדזשען, מיר בלאָנדזשען,
מיר בלאָנדזשען,
וועגן און שטרעקעס אַרום;
די רו האָט אונדז עמיץ פאַרשאָלטן,
עמיצער צויבערט אונדז: קום!

מיר האָבן קיין הויז נישט געמיטן,
אונדזערע — קיינמאָל געזען;
אונדז ווילט זיך אַזוי זען די היימלאַנד —
מורמלט אַ קול: — וועסט נישט זען!

דיין הויז האָט פון וויט אונדז
געוואונקען,
איילן מיר גיכער אַהער;
קוקסט אויס ווי פאַרבאָרגטער
פאַרברעכן,
ווייטיקסט און מאַטערסט זיך שווער.

אַ, רעד נישט, אַ רעד נישט, מיר ווייסן,
האָסט נישט געטויט מיט די הענט;
די אויגן — זיי האָבן געזען אַלץ,
האָסט אים נאָך העלפן געקענט!

— — — — — — — — — — — — —

מיין שטוב ווערט ווידער לערער,
קלענער,
ס׳ווערט צוריק מיין אַלטע הויז;
די זעאונג בלויז ווערט אייביק ברענען,
ווי אַ בלאַנקע שווערד אַנטבלויזט!

1910

אָ, קיינער...

אָ, קיינער, קיינער איז אַנטקעגן מיר ניט שולדיק,
איר מעגט מיך מער באַליידיקן, יסורים אָנטאָן;
איך וועל די רשעות אייערע מיט ליבשאַפט דולדן,
פֿאַר פרעמדער אומגערעכטיקייט, פֿאַר פרייד פון נאָנטע.

די שלאַנג — וואָס בייסט די טריט מיינע אין ווילד־גראָז הויכן,
איך זאָג, — עס זאָל אַ טויב אַ שטילע פון איר ווערן.
און בלומען זאָלן אויפגיין פון די דערנער־שטרויכן,
וואָס שטעכן איין מיין ווייכן לייב ביז הייסע טרערן.

צעגליטע זון — וואָס ברענט מיר זומער מיינע גלידער,
די נאַכט וואָס לאָזט אין חושך ניט מיין וועג געפֿינען,
דער לבנה־שיין, וואָס הערט מיט גלייכגילט צו מיין ווידוי, —
עס לויערט אין מיין האַרץ אויף קיינעם ניט קיין שנאה!

און ווען איך אַליין האָב בייזוויליק דערצאָרנט,
צי האָב איך בלומען אומשולדיק אין גאַנג צעטראָטן, —
אַליין וועל איך מיט בלוט פֿאַרצייכענען די יאָרן,
האָב שאַרפֿע שטיינער אויף מיין וועג זיך אויסגעשאָטן.

1909

אַ בלויער צימער

אַ לעמפּל אַ בלויער פאַרשימערט דעם צימער,
און פאַרהענגלעך ווייסע די שויבן פאַרשטעלן;
די לופֿט רינט דאָ בלויער ווי פאַרן באַגינען,
די ווענט — בלוי באַשאָטנט ווי פרילינג־געמעלן.

עס גלאַנצן אין קלאָרקייט די קלאָר־ווייסע קישנס,
פאַרחלומטע קוקן פון צודעק די קוויטן, —
און זי — אויף איר בעטל, אין חלום אין זיסן,
די הענט אירע שלאַנקע, ווי צווייגן זיך שפּרייטן.

עס קרויזט אירע ליפּן אַ ליכטיקער שמייכל,
און נייע חלומות באַדרעמלען די באַקן,
זי גיט זיך אַ ריר — ווי צו ווען אַ צייכן, —
און ס׳וויגט אום אַ ווינטל די האָר אויף איר נאַקן.

נאָר פּלוצלונג — אַרום, מאָדנע טריט זיך דערהערן,
נערוועזע ווי האַגלען אויף שפּיציקע דעכער, —
זיי איילן זיך, דאַכט זיך, דיין חלום צו שטערן,
ווען וועלט איז אין פּיינונג, איז גליק אַ פאַרשוועכונג!

1909

צו דער גוטער מיידל

אָ, קום נישט מער צו מיר, מיין גוטע, ליבע מיידל,
פאַרגעס אָן מיר אויף אייביק, אייביק.
עס דריקט מיין האַרץ אַ זינד, וואָס כ'טאָר דערפון נישט רעדן,
אַ שווערע זינד, וואָס מיך באַפאַלט ווי רויבער.

ניט פרעג, ניט פרעג, וואָס איז אַזוינס... איך קאָן מיט ווערטער
מיין שווערע זינד פאַר דיר נישט זאָגן.
נאָר ווען איך טראַכט דערפון איינגאַנצן אַ באַשווערטער, —
פון הימל הויבן אָן די וואָלקן יאָגן!

עס הענגען מיד אַראָפּ די קעפּלעך פון די בלומען,
עס הויבן גרינע גראָזן אָן צו וויאַנען.
די פייגל־טענער אין דער שווערער לופט פאַרשטומען,
און ס'ווערן שוואַרץ אין טייך די ווייסע שוואַנען...

הער אויף, הער אויף צו וויינען, ליבע, גוטע מיידל,
און וויל נישט וויסן וואָס מיך האָט געטראָפן; —
נאָר וויס די לאַסט פון זינד, וואָס קיינער קאָן באַשיידן,
און וואַרט פון קיינעם קיין באַשטראָפונג!

1909

איידער...

איידער ס'רעגנט נאָך, פאַרשטיי איך:
ס'וועט אַ רעגן באַלד אַרויס, —
אָן די פאַרבן פון די וואָלקן,
אָן דעם שרעקיק ווינט־גערויש.

איידער ס'דונערט נאָך, פאַרשטיי איך:
ס'הויבט צו דונערן אָן באַלד, —
אָן דעם פליען פון די פייגל,
אָן דעם זיפצן פון דעם וואַלד.

איידער כ'זע זי נאָך, פאַרשטיי איך:
האָט זי ליב מיך, אָדער ניט, —
אָן דעם קלאַפּן פון מיין האַרצן,
אָן דעם קלאַנג פון אירע טריט.

1909

אַ ניו־יאָרקער פרימאָרגן

אַ גאַסן־פרוי, נאָר־וואָס פון נאַכטרויש דעם מידן,
די קליידער צעקנייטשטע, די אויגן פאַרשלאָפן, —
כאַפּט אויף זיך דער מאָרגן מיט וואונדיקע גלידער,
אַ פנים מיט בלוטיקע פלעקן פאַרלאָפן.

און ס'הויבט אין אַ ווינקל פון הימל אָן פלאַמען,
באַלד ווערט עס צעפלאַקערט אין אַלע פיר זייטן.
די שטאָט־טורעמס רוקן אין פלאַם זיך צוזאַמען,
ווי פלוצלונגע שׂרפה ביינאַכט פון דער ווייטן!

די ליכטיקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין די שויבן,
רייסט אויף אין די הייזער די שלאָפיקע אויגן,
צעשיידט בייז פון פאָרלעך די אָרעמס ווי רויבער,
די עופהלעך רייסט אָפּ אין מיטן דעם זויגן.

און אויף די פאַבריקן די קוימענס הויך שטייען
מיט אָפענע מיילער פון חיות צערייצטע.
זיי יאָגן צונויף מחנות מענטשן אין רייען,
אויף רוישיקע גאַסן פון טראַמווייס געקרייצטע.

ווי קינדער פון שלעכטע חלומות צעטומלט,
מיט וואַרימען שלאָף נאָך אויף זייערע ברעמען, —
דערוואַכן די מענטשן פון מאָרגנס מהומה,
דער פנים מיט רויביקע נעפּלען פאַרצויגן.

און ס'הויבן זיך שוואַרץ — כוואַליעס קעפּ איבער גאַסן,
ווי פינצטערער ים אין ביינאַכטיקע שטורעמס,
ס'צעשיט זיך אויף קעפּ ווי אַ שטייניקע משא
דער הילכיקער פייפן, דער רוף פון די טורעמס.

און ס'ציען זיך איילנדיק מחנות צעשפּרייטע,
געפלאָכטן פון מענטשלעכע זין און פון טעכטער, —
אַ רויש און אַ קלאַפּן פון רעדער באַגלייט זיי,
ווי ס'וואָלט ווער געשטיקט זיך פון ווילדן געלעכטער.

1909

אין פעלד

אָט פליסט אַ טייכל, אָט רוישט אַ וועלדל,
ריין איז די לופט, אַזוי דורכזיכטיק־בלוי;
ס'גייט אַזוי גרינג זיך, כ'גיי און איך זינג זיך:
האַרץ, זאָג, וואָס איז דיר היינט פריילעך אַזוי?

ס'קלינגען און זינגען אין לופטן די פייגל,
ס'נויגט זיך און בויגט זיך דאָס כוואַליקע גראָז;
שניי־ווייסע בליטן פאַלן און שיטן
פון יעדן בוים זיך, וואָס ווינט גיט אַ בלאָז.

ס'גליען און בריען טויאיקע שטראַלן,
ווי עמיצנס אויגן באַפּויכטן מיט פרייד.
און אין דער וואַלד־טיף ווער איך פאַרפאַלן,
כ'ווער פון די קלאָר־ווייסע בליטן פאַרשנייט.

ס'האַרץ ווערט צו קליין מיר, ס'ווילט זיך צעגיין מיר
גלייך מיט די בליטן אין שיין און קאָליר.
ס'האָט וואָס געטראָפן, — וועלט ווערט מיר אָפן,
און דאָס פאַרבאָרגענע שטייט פאַר מיין טיר!

1912

די באַליבטע כלה

(פאָלקס־טאָן)

פרעגן מיינע חברטעס:
— וואו איז ער פאַרלאָרן?—
מאַך איך האַרץ, און ענטפער זיי:
— ווייט אַוועקגעפאָרן.

— האָסטו שוין כאָטש בריוועלעך
פון דעם אָרט באַקומען?—
פרעגן זיי מיך נאָכאַמאָל,
כלומרשט שטאַרק צענומען...

ענטפער איך זיי ווידער אָפּ:
— יאָ, געהאַט, — אַ פולע;
און מיט אַ צעברענטן קאָפּ
גיי איך אום אַ דולע.

קורץ איז נאָר די ליבע־צייט,
נאָכדעם — ציט זיך, ציט זיך;
כ'בין אַ קלוגע, זאָגן לייט —
און דאָך נישט פאַרהיט זיך.

ס'וועט דאָך וואָך נאָך וואָך פאַרגיין,
שפּעטער — וואו אַנטרינט מען?
אויף די יאָרן צו דערגיין
אומעטום געפינט מען. —

כ'האָב קיין האַרץ צו שילטן אים,
וויינען אויף אים, קלאָגן.
כ'וויים נישט, צי ווען כ'זע אים איצט,
וואָלט איך שלעכטס אים זאָגן!

דער שוואַרצער הונט

אַ ניין, אַ ניין, איך בין נישט קראַנק,
עס האָט קיין זאַך מיט מיר געשען.
ווי פריער קלאָר איז מיין געדאַנק,
דאָך בין איך אַנדערש ווי געווען!

דער קאָפּ טוט עפּעס מאָדנע וויי,
די אויגן דעקט אַ נעפּל צו.
און אומעטום נאָר, וואו איך גיי,
לאָזט עמיצ'ס שאָרך מיך נישט צורו.

איך קוק זיך אום, און שטעל זיך אָפּ:
אַ שוואַרצער הונט מיט לאַנגע האָר,
מיט אַ קודלאַטן גרויסן קאָפּ,
מיט אויגן שרעקלעכע אַ פּאָר!

אין זיינע קודלעס דרייט זיך וואָס,
מיט מאָדנעם ברום און נאָכאַנאַנד;
ווי שטורעם־ווינט אין הויכן גראָז
צעשפּילט זיך מיט אַ כוואַליע זאַמד...

הונט ווינקט צו מיר און רופט מיך מיט,
אַט גלעט ער מיך, מיין קערפּער לעקט,

כ'וואָלט אים אין דער לעצטער שעה, —
ווען כ'זאָל דעמאָלט וועלן —
איינגערעדט, מיר זאָלן גיין
גלייך אַ חופּה שטעלן.

עס האָט זיין בליק מיך צוגעשמידט,
פון שטוינונג כ'ציטער, — ניט פון שרעק!

און וואו ער גיט מיין לייב אַ ריר,
קוקט שטומע וואונד פון דאָרט אַרויס,
און וואו ער גיט זיין בליק אַ פיר —
פאַרבלייבט אין לופט אַ שוואַרצער בלויז...

איך וויל נישט, און דאָך מוז איך גיין,
איך וויל וואָס פרעגן, — ס'מויל איז שטום:
ער האָט פאַרגליווערט מיין געוויין,
אַריינגעהויכט אין מיר זיין ברום.

איך קוק אים אָן, און איך פאַרשטיי:
אויך ברומענדיק זאָל זיין דיין טויט.
קיין איינציק וואָרט ניט פאַר דיין וויי,
און נישט קיין טרערן פאַר דיין לייד!

נאָר אַזאַ מיין לעבן שוין,
ליבער גאָט — אויף שונאים! —
ס'וואָלט ביי יעדן קרומען וואָרט
מיר געפלאַמט דאָס פנים!

1909

דער טאָפּאָל

ביי מיין פענצטער שטייט אַ טאָפּאָל,
ביזקל הימל איז ער הויך.
וועלכע וואונדער ער דערזעט דאָרט,
ווייס דערפון מיין האַרץ באַלד אויך.

אויפן טאָפּאָל רוט אַ פויגל,
שיינע לידער וויסט ער פיל;

זינגט ער... אין מיין האַרץ אין אייגן
זינגט ווער נאָך די לידער שטיל.

ווינטער פליט אַוועק דער פויגל,
און דער טאָפּאָל טרויעריק ווערט;
זינג איך דאַן אים פויגלס לידער,
ס'שטייט דער טאָפּאָל שטיל און הערט.

1908

איבערזעצונגען

מ. יו. לערמענטאָוו (1841 — 1814)

באָראָדינאָ

— זאָגט, פעטער, עס איז ניט
אומזיסט דאָך
געפאַלן מאָסקווע אַ פאַרוויסטע
איך פלאַמען צום פראַנצויז? —
געווען געשלעגן מיטן שונא,
מען זאָגט, גאָר שרעקלעכע אַזוינע!
ס'געדענקט ניט רוס אַ שלאַכט
נאָך איינע,
ווי באָראָדינאָ די גרויס!

— געווען דאָך לייט אין יענע יאָרן,
נישט דאָס, וואָס אייער דור געוואָרן,
גבורים — נישט ווי היינט!
אַ שלעכטער סוף זיי אויסגעגאַנגען,
אַ סך — נישט מער אַהיים דערגאַנגען...
וואָלט נישט גאָטס שטראָף אויף אונדז
געהאַנגען,
פאַלט מאָסקווע נישט צום פיינט!

מיר זיינען לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן,
אַ שלאַכט געוואַרט, פאַרדראָס —
געזאָטן...
בייז ברומען אַלטע לייט:
„אויף ווינטער וויל מען אונדז
קוואַרטירן?
צי וואַגן נישט די קאָמאַנדירן
פון פיינט צעפליקן די מונדירן
מיט רוסלאַנדס שפּיז אין שטרייט?"

אָט קומען מיר אין פעלד דעם
ברייטן,
פאַראַן דאָ וואו זיך פריי צעשפּרייטן!
געבויט דאָ אַ רעדוט.
אין אויער רוישט ווי טויזנט בינען,
באַלויכטן ווערט פון דעם באַגינען
דער גרינער וואַלד, די קריגס־
מאַשינען,
דער פיינט וואַקסט פון מינוט!

שוין גרייט איז מיין קאַנאָן צו שיסן,
כ'וועל, ברודערל, דיך באַלד באַגריסן
נו, גיב, מוסיע, דיין האַנט!
טאָ קום אַרויס, צו וואָס דאָס נאַרן,
מיר וועלן אייך ווי וואַנט פאַר־
שפּאַרן,
מיט קעפּ פאַרצאַמען די געפאַרן
פאַר אונדזער פאָטערלאַנד!

אין דורכגעשאָס צוויי טעג פאַרלאָרן,
נאָר וואָס איז פון דעם שפּיל געוואָרן?
אַ דריטער טאָג קומט באַלד;
מען הערט אין קריגער זאָגט
דעם צווייטן:
„שוין האַלט די האָגל־קוילן גרייטע!"
אָט, אויף דעם פעלד געבאַרגט
מיט טויטע,
אַן אָוונט־שאָטן פאַלט.

בין דרעמלען צום לאפעט געפאַלן,
געהערט ווי ס׳שאַלט, ביז טאָגס
צעשטראַלונג,
די פרייד אויף שונאס זייט.
נאָר אונדזער מחנה — שטיל,
דערשלאָגן:
ווער ס׳פוצט זיין קיווער מיד, צעטראָגן,
און ווער — זיין שפיז געשאַרפט
אין פלאָגן,
און ביין די וואָנס געקייט.

ווי ס׳צינדט באַגין די הימל־ברעגן —
הויבט פלוצלונג אָן זיך אַלץ באַוועגן,
און מחנות ציען ווייט.
אָט דער פאָלקאָווניק — ס׳אַראַ
גיבור!
דעם צאַר געטריי — צו אונדז אַ ליבער,
ליגט טויט אין איינער פון די גריבער,
געפאַלן אין דעם שטרייט.

זיין קול נאָך קלינגט אין אַלע וועגן:
„צי שטייט ניט מאָסקווע אונדז
אַנטקעגן?
קומט שטאַרבן פאַר איר מאַכט,
ווי אַלע ברידער דאָ, דערנעבן!" —
מיר האָבן אונדזער וואָרט געגעבן,
און מוטיק איינגעשטעלט דאָס לעבן
אין באָראָדינער שלאַכט!

געווען אַ טאָג!... דורך וואָלקן־שטויבן
פראַנצויזן האָבן זיך געהויבן
צו אונדז אויף דעם רעדוט.
אולאַנער — מיט געפאַרבטע פלעקן,
דראַגונער — מיט די פערדן־עקן,
זיך ציען אָן פון אַלע שטרעקן —
געמאָסטן אונדזער מוט!

שוין ניט פאַר היינט — אַזוי זיך שלאָגן!
ווי שאָטנס — פאָנען זיך געטראָגן,
דורך רויך האָט פלאַם געהעלט;
אין לופטן הילכט געווער־געקלאַנגען,
די הענט — פון שלאָגן מיד געהאַנגען,
דעם שונאס קוילן — נישט דערגאַנגען
דורך מתים־בערג פאַרשטעלט.

דער פיינט דערוואוסט האָט זיך
נישט ווייניק,
וואָס ס׳הייסט אַ רוסיש שלאַכט,
אַן אייניק,
דאָס האַנט צו האַנט געשלעג!...
די ערד—ווי אונדזער האַרץ געוויגט זיך,
און מענטשן, פערד — אין איינס
געדריקט זיך,
אַ רויש פון ביקסן האָט פאַרשטיקט זיך
געוואָיעט אין דער שטרעק!...

שוין נאַכט. מיר האָבן אויף באַנייטער
באַגין־שלאַכט קוים דערוואַרט
צו שטרייטן,
שטיין ביזן סוף אין ריי!...
נאָר ס׳קלאַפן שוין די באַראַבאַנען, —
עס טרעטן אָפּ די באַסורמאַנען, —
און מיר — ביי אונדזערע געשטאַנען,
געציילט די וואונדן זיי...

געווען דאָך לייט אין יענע יאָרן,
נישט דאָס וואָס אייער דור געוואָרן;
גבורים — נישט ווי היינט!
אַ שלעכטער סוף זיי אויסגעגאַנגען,
אַ סך — ניט מער אַהיים דערגאַנגען...
וואָלט נישט גאָטס שטראָף אויף אונדז
געהאַנגען,
פאַלט מאָסקווע נישט צום פיינט!

דער נביא

זינט ס׳האָט אַלמעכטיקער זיין גנאָד
און נביאס כוח מיר געגעבן,
פון יעדן לייען איך אַראָפּ
דאָס בייז און זינדיקייט פון לעבן.

איך האָב גערופן און געוועקט
צום אמת און צו ליבשאַפט ריינער;
די נאָנטסטע האָבן אויף מיין וועג,
צערייצט, געוואָרפן אויף מיר שטיינער.

מיט אַש דעם קאָפּ האָב איך באַ־
דעקט,
פון שטאָט אַנ׳אָרימער אַנטרונען;
אַליין אין מדבר בין אַוועק,
גאָטס שפּייז, ווי פויגל, פריי געפונען.

די חיות, אין באַשעפערס צוים,
צו מיר אויך אונטערטעניק ווערן.
מיט שטראַליקייט צעשפּילט אין רוים,
פאַרנעמען מיינע רייד די שטערן.

און שלייך איך דורך דער שטאָט אַמאָל,
אין איילעניש פון רויש פאַרשווינדן, —
מיט זיכער־שמייכל אין דעם קול,
די זקנים זאָגן צו די קינדער:

„פון נאָר אַ ביישפּיל נעמט אַראָפּ,
געווען צו שטאָלץ! אונדז אויסגעמיטן;
געוואָלט אונדז איינרעדן, ס׳רעדט גאָט
צו אונדז אַרויס פון זיינע ליפּן.

באַטראַכט אים, קינדער, זעט ווי בלאַס
ער גייט דאָרט אום, פאַרדאַרט
און אָרים!
אָט זעט, ווי נאַקעט און פאַרצאָרנט!
פון אַלעמען אַזוי פאַרהאַסט!״

נישט בייראָן

נישט בייראָן, אָן אַנדערער בין איך,
דערוויל פאַרבאָרגן אויסגעקליבן, —
ווי ער אין וואַנדערניש געטריבן,
נאָר מיט אַ רוסיש האַרץ אין זיך.

מיין סוף ווי אָנהויב — וועט זיין
פריער,
נישט אויפטאָן וועל איך שוין קיין סך.
אין האַרץ ליגט טויט מיין חלומ׳ס
בליאונג,
ווי ס׳ליגט אין ים פאַרזינקטע פראַכט.

אָ, ים, ווער ווייסט די סודות דיינע
אין ברויזן אָפּגרונט אָפּגעהיט?
דערציילן פאָלק די טרוימען מיינע —
וועט ווער? פאָעט — צי קיינער־ניט?

דער געפאַנגענער ריטער

זיץ איך ביים פענצטער פון תפיסה אין שווייגן,
כ׳זע בלויען הימל פון דאַנען זיך שפּרייטן;
מחנות פון פויגל אין הימל פריי שטייגן,
קוק איך אויף זיי דאָרט מיט חרפּה און ווייטיק.

האָט נישט מיין מויל קיין איין זינדיקע תפילה,
האָט נישט קיין לידער פון רום און באַגערן;
כ'זע בלויז פאַר מיר אַלטע שלאַכטן זיך שפּילן,
אייזערנעם פּאַנצער און שווערד מיינע שווערע.

איצט — אין אַ שטיינערנעם פּאַנצער אָן ענגן,
ס'דריקט אויף מיין קאָפּ מיר דער העלם פון שטיינער;
שווערד און מיין קוילן־שילד — פאַרכשופטע הענגען,
פערד מיינער פליט נישט געטריבן פון קיינעם.

פליאיקע צייט! — איז מיין פערד מיין געטרייער,
מאַסקע פון העלם — האַרטע גראַטעס פון פעסטונג;
ווענט פון דער תפיסה — מיין פאַנצער דער נייער,
שילד — די טשוגונענע טירן פאַרפרעסטע.

איילקע צייט! — טראָג און יאָג שנעל אַרום מיך,
בלייבן אין פאַנצער וועל איך מער נישט קאָנען;
טויט האַלט אויף זאָטל מיך צו, ווען מיר קומען,
כ'גיי באַלד אַראָפּ, רייס איך מאַסקע פון פּנים!

אַלעקסאַנדער בלאָק

סקיפן

פאַנמאָנגאָליזם! אַ קלאַנג אַ ווילדער,
דאָך גלעט דער נאָמען מיין געהער.

וול. סאָלאָוויאָוו.

מיליאָנען — איר. מיר — כמאַרעס קומען אָן,
נו, ווערט מיט אונדז אין שלאַכט אַריינגעצויגן!
מיר זיינען סקיפן — פון אַזיאַטן־זאַם,
מיט קרומע, הונגעריקע אויגן!

די דורות — איך. איין שעה — שלאָגט אונדזער ריי;
מיר — אונטערטעניקע, ווי כלאָפּעס, —
מיר האַלטן פאַנצער צווישן ראַסן־צוויי,
מאָנגאָלן און אייראָפּע!

ס'האָט אייער קוזניע דורות־לאַנג געשמידט,
פאַרטויבט דעם דונער פון לאַווינען;
אַ ווילדע מעשהלע פאַר איך האָט דורכגעגליט
די ליסאַבאָן־צעשטערונג און מעסינא.

יאָרהונדערטער האָט מזרח איך געלאָקט,
פון אונדז געצויגן פיינסטע פערל;
און איר, מיט שפּאָט, געוואַרט נאָר אויפן טאָג,
צו צילן די קאַנאָנען־רערן.

און אַט! — שוין אומגליק־פליגל קלאַפּט אין שויב,
די עוולה — יעדן טאָג ווערט גרעסער;
ס'וועט קומען טאָג — ס'וועט בלויז פאַרבלייבן שטויב
פון אייערע פּעסטומען־שלעסער.

אָ, אַלטע וועלט! ווי לאַנג דו שטאַרבסט נאָך ניט,
ווי לאַנג דו לײַדסט די זיסע ליידן;
בלייב, קלוגע, שטיק, ווי ס'איז אַמאָל עדיפּ
ביים ספינקס געשטאַנען נאָך באַשיידונג.

אָ, רוסלאַנד — ספינקס! אין ווייטיק און אין שייך,
גייט אָפּ אין אייגן בלוט אין שוואַרצן;
זי האָט געקוקט, געקוקט אין דיר אַרייך,
מיט האַס און ליבשאַפט אין איר האַרצן.

ווי אונדזער בלוט האָט ליב, קאָן קיינער ניט
פון אייך שוין ליבן און באַגערן!
פאַרגעסן האָט איר שוין, אַז ליבשאַפט גליט,
וואָס קאָן פאַרברענען און פאַרצערן.

מיר ליבן אַלץ — פון קאַלטער צאָל די היץ,
און גאָב פון געטלעכן חזיון.
מיר פילן אַלץ — אויך גאַלס געדאַנקען־בליץ,
אויך טונקעלען גערמאַנער גאון...

מיר ליבן לייב — איר טעם און רויען רוף
און די וועגעציער קילע פראַכטן;
און פון ציטרין־וואַלד — וייטן דופט־גערעג,
די קעלן־טעמפּלען שטיל־פאַרטראַכטע.

מיר ליבן לייב — איר טעם און רויען היף,
און שטערבלעכן גערוך פון קערפּער...
איז אונדזער שולד, אַז ס'ברעכט זיך אייער גוף
ווען לאַפּעס אונדזערע אייך צערטלען?

געניטע זיינען מיר צו וואַרפן צוים
אויף פערד, צעהוליעט ווילד און קאַפּיק;
אויף פערד צעברעכן שווערן רוקנביין,
ביז זייער ווילדקייט ווערט געבראָכן...

אָ, קומט צו אונדז פון אימהדיקן קריג —
אין אָרימס אונדזערע פון פרידן!
ביז ס'ווערט ניט שפּעט — רוקט שווערד אין שייד צוריק, —
חברים! — לאָמיר ווערן ברידער!

אויב ניט — פאַרלירן שטייט אונדז גאָרניט פאָר,
מיר מעגן הייליקייט פאַרשוועכן.
יאָרהונדערטער אַרום — וועט קראַנקער דור
פאַרשילטן אייך פאַר דעם פאַרברעכן.

מיר מאַכן וועג — אין דזשאַנגל טרעטן אָפּ, —
פאַר מערבס צירלעכע חילות.
מיר דרייען אויס פון סטעפּ, צו אייך דעם קאָפּ
מיט אונדזער פּרצוף, גראָב־מאָנגאָליש.

גייט אַלע, גייט, אין מחנות אויף אוראַל,
ס'איז שלאַכט־פעלד גרייט צו פראַווען מאָרדן!
ברענגט שטאָל־מאַשין, מיט האַרץ פון אינטעגראַל,
אויף די מאָנגאָלן ווילדע האָרדעס!

נאָר מיר אַליין — ניט מער שוין אייך קיין שילד,
אַליין געוועזער אין שלאַכט ניט הויבן;
נאָר קוקן ווי די טויט־שלאַכט קאָכט און ברילט
פאַר אונדזערע פאַרשמעלטע אויגן!

ניט רירן זיך, ווען ס'קריכט צערייצטער הון
אין קעשענעס פון טויטן חיל,
און צינדט אָן שטעט, אין קירך טרייבט פערד־טאַבון,
בראָט ווייסע ברודער־לייב אין פייער!...

צום לעצטן מאָל באַטראַכט זיך, אַלטע וועלט!
קום פראַווען ברודערלעכן יום־טוב!
באַרבאַרן־לירע קלינגט פון ברודער־פריד צעהעלט,
זי קלינגט, און לעצטן מאָל דערמאָנט דיר!

פּעטראָגראַד, 29־30 יאַנ. 1918.

א. פעט (1820 — 1892)

כ׳בין צו דיר

כ׳בין צו דיר מיט גרוס געקומען,
אַז די זון איז אויפגעשטאַנען;
הייסע ליכט האָט דורכגענומען
אַלע בלעטער ביז די שטאַמען;

אַז צעוועקט האָט שוין דער וואַלד זיך,
און דערוואַכט מיט יעדן ריטל,
אַלע פויגל שוין צעשאַלט זיך —
פול מיט פרילינג־דורשט צעגליטע;

אַז ווי נעכטן אַ צעשיינטער,
בין איך דאָ אויך היינט באַגינען;
פול מיט מענטשן־גליק און פריינטשאַפט—
קומט מיין האַרץ אויך דיר צו דינען;

אַז אַ העלער פריידיק קלינגען,
ווייט אויף מיר פון אַלע זייטן;
אַז איך ווייס ניט, וואָס כ׳וועל זינגען, —
נאָר מיין ליד אין האַרץ שוין צייטיקט!

ביי דער ווערבע

ביי דער ווערבע לאָמיר זיצן.
ס׳אַראַ פראַכט די קאָרע־קריצונג
אַרום בוים־לאָך אויסגעראָלט;
און ווי שיין ביים בוים צופוסנס
שטרעמלען גאָלדיקע די פלוסן —
ליכטיק־ציטערדיק קרישטאָל!

זאַפטע צווייגן איינגעבויגן
איבער טייך ווי רונדע בויגנס,
גלייך אַ גרינער וואַסערפאַל;

ס׳נאָדלט בלאַט זיך קעגן צווייטן
ווי צעקריגט, — און שניידן בייטן
אויף דעם קלאָרן טייך־געשטאַלט.

ס׳האָט מיין אויג, אין אָט דעם שפיגל,
אַ געזיכט דערזען זיך וויגן,
און ס׳איז ליב מיר יעדער שטריך;
ס׳קוקט דיין שטאָלצער בליק איצט ווייכער,
און כ׳בין גליקלעך וואָס דו אויכעט
ציטערסט שטיל אין טייך ווי איך...

באַגינען

דו ניט וועק איר באַגינען, ניט ריר,
אין באַגין שלאָפט זי שטאַרק און
געשמאַק!
דער פרימאָרגן ווייך אָטעמט אויף איר
ליכטיקט העל אין די גריבלעך פון באַק.

הייס די קישן ביי איר אונטער קאָפּ,
און איר מידיקער שלאָף — אַזוי הייס.
דער צעשאָטענער שוואַרץ־קרויזער צאָפּ,
ער צעלויפט אויף די אַקסלען אַנטבלויזט.

זי איז נעכטן ביים פענסטער זיך שטיל
לאַנג געזעסן אין נאַכט איינגעהילט.
האָט געהיט פון די וואָלקנס דעם שפיל,
וואָס די לבנה מיט זיי האָט געשפילט.

און וואָס העלער לבנה׳שע ליכט,
און וואָס העכער ס׳קלינגט נאַכטי־
גאַלס ליד,
ווערט אַלץ בלאַסער ביי איר דאָס געזיכט,
און איר האַרץ שלאָגט פון ווייטיק צעגליט.

ברענט דערפאַר דער באַגינען אויף איר,
ליכטיקט העל אין די גריבלעך פון באַק.
אין פרימאָרגן ניט וועק איר, ניט ריר,
אין באַגין שלאָפט זי שטאַרק און געשמאַק!

פ ר י י ד

אַט די פרייד פון די פאַרטאָגן,
קראַפט, וואָס טאָג־ליכט ברענגט
צוטראָגן,

בלויער רוים צעשפרייט! —
דאָס געשריי און די דערוואַכונג
פון די פריע פויגל־מחנות,
אַט דאָס קוואַל־גערייד!

אַט די ווערבעס, די בערעזעס,
אַט דער טוי און טרער אויף
גרעזער,

בלעטער — גרינער פוך!
אַט די הויכן, אַט די פלאַכן,
בינען, פליגן, פולע שליאַכן,
זשום און פייף נעמט דורך!

די פאַרפריע העלקייט ריינע,
זיפץ בייַנאַכט פון דאָרף־באַוואוינער,
און אָן שלאָף ביז פרי;
נעפל־טוי און היץ פון קישן,
אַט די קלאַנגען, דרויב־צעמישונג, —
אַלץ איז פרילינג־גלי!

באַגין, באַגין!

אָטעם, מורמל, העלע טרעלן
פון דעם נאַכטיגאַל;
זילבער־וויגנדיקער קוועלן
פון פאַרשלאָפן קוואַל.

שאָטנס נאַכטיקע פאַרוועבן
העלע נאַכט־געשטאַלט,
ליבסטע בילדער פאַר מיר שוועבן
צויבערדיק צעשטראַלט.

וואָלקן־איינגעהילטע בלומען,
אָפגלאַנץ פון בורשטין,
שטילער צערטל, טרערן שטומע,
און באַגין, באַגין!

דער רייטער

ווי די וואָלקן־כוואַליעס,
יאָגט זיך שטויב־געהויב;
רייטנדיק? — צופוסן?
ניט צו זען אין שטויב.

אויף אַ פערד אַ ווילדן —
זע איך עמיץ פליט...
פריינט מיין, וויטער פריינט מיין, —
נעם מיין אָנדענק מיט!

ב אַ ג י נ ע ן

פונעם בייַנאַכטיק געשטאַלט
פינצטערניש ווייכע צעפאַלט.

שאָטן אויף וויט־ברייטן פעלד
גרייכט שוין זיין לעצטן געצעלט.

דורשטיק נאָך שטראַלן־געשפין,
וואַרט נאָך פאַרשעמט דער באַגין.

דורכזיכטיק, קלאָר־קאַלטע לופט.
פויגלשער פליגל צוקט אויף.

כאָטש נאָך די זון ניט צעגליט, —
פרייד אין מיין האַרצן שוין גליט.

שטערן

כ׳בין לאַנג אומבאַוועגלעך גע־
שטאַנען, —
די שטערן די ווייטע באַטראַכט,
און ס׳האָט צווישן מיר און די שטערן
אַ נאָנטקייט אַזאַ אויפגעוואַכט.

געקלערט . . . וואָס געקלערט, —
איך געדענק ניט, —
אַ כאַר כ׳האָב געהערט אין דער וויט;
די שטערן שטיל האָבן געציטערט, —
און איך האָב זיי ליב זינט דער צייט.

צו י. פּ. פּאָלאָנסקין

אַ דאַנק, מיט דיינע לירע־קלאַנגען
האָסט דעם אַמאָל מיר אויפגעבליט.
געדאַנק האָט ניט געוואוסט פון צוואַנגען,
ביסט יונג געוואָגט אַרויסגעגאַנגען
מיט דימענט־פייערן צעגליט.

און איך, ווי פריער איינגעהאַלטן,
אַליין, אין שאָטן מיינע טריט;
איך שטיי געקניט, און אַ צעשטראַלטער
פון שיינקייט אַרום מיר צעפּראַלטער, —
האָב אוונט־פייערן צעגליט.

דאָס לעצטע וואָרט

מיט דונערס וועל איך זיי אין שרעק דערשלאָגן,
מיט בליץ — פליק איך פּאַלמעס פון גרונט אַרויס;
וועל נקמה און בלוט־דורשט אין זיי יאָגן,
ס׳וועט האַלדז זיי טריקענען מיין בייז־געברויז.

און כ׳וועל די מויער־ווענט פון באָדן פליקן,
די שטיינער — צו פאַרוויסטעניש אויף דר׳ערד;
ס׳וועט אָטעם זיי פאַרשטונקענער דערשטיקן,
ב׳וועל זייער לייב אַוועקגעבן דעם שווערד.

וועל מיט די גלידער יונגע אָדלערס שפּייזן,
צעאַשן זייער בייך אויף זאַמד־געשטויב;
דור־דורות וועל איך זיי מיין שטראָף באַווייזן,
קינדס־קינדער וועלן זיין פון קראַפט באַרויבט.

מיין קללה וועט דעם קרבן זיי פאַרשפּעטן,
און כ׳וועל אַוועק — זאָל טעמפּל וויסטער שטיין;
אומזיסט די טעכטער וועלן קומען בעטן,
און אין געבעט צו מיר — מיט זיפץ פאַרגיין.

דריי אַמעריקאַנער הימנעס

אַמעריקע די פּרעכטיקע

פון קעטרין ל. בייטס

אָ, פּרעכטיקע, מיט הימלען ברייט,
מיט זאַנגען ווי בורשטין;
מיט שטאָלצע פּורפּור־בערג צעזייט
אויף פעלדער פרוכפּער־גרין;
אַמעריקע, אַמעריקע,
גאָטס חסד קרוינט דיין שטאַם,
שפּרייט גוטס און קראַפט פון
ברודערשאַפט
פון ים ביז העלן ים! —

אָ, פּרעכטיקע, וואו פּילגרים האָט
באַגייסטערט אומגעשפּאַנט,
פאַר פרייהייט־גליק געקעמפט זיין טראָט
אין ווּיסטעניש פון לאַנד!
אַמעריקע, אַמעריקע,
וואָש אָפּ, גאָט, יעדן פלעק, —
נשמה־דיין זאָל הערשער זיין,
און פרייהייט־רעכט — דיין וועג!

אָ, פּרעכטיקע, ס'קלינגט מעשהדיק
פאַר אונדז דיין פרייהייט־שלאַכט!
די בראַווקייט דינט דעם מענטשנס גליק,
פאַר מענטש זיך אומגעבראַכט!
אַמעריקע, אַמעריקע,
אָ, גאָט, דיין גאָלד מאַך ריין;
צום גליק־דערפאָלג זאָל הערלעך פאָלק
דורך מענטשלעכקייט דערגיין.

אָ, פּרעכטיקע, וואו קעמפער זעט
זיין צוקונפט־טרוים צעהעלט,
ווי ס'בלאַנקען ציכטיק דיינע שטעט,
פון טרויער ניט פאַרשטעלט.
אַמעריקע, אַמעריקע,
גאָטס חסד קרוינט דיין שטאַם,
שפּרייט גוטס און קראַפט פון
ברודערשאַפט
פון ים ביז העלן ים!

אַ מ ע ר י ק ע

(ערשטער אַמעריקאַנער הימן)

פון סעמועל פרענסיס סמיט

מיין לאַנד, מיין ליבע דו,
מיין פרייהייט־לאַנד, נעם צו
מיין לויב־געזאַנג!
דאָ פאָטערס קבר שטייט,
דאָ פּילגרים־שטאָלץ, צעשפּרייט,
שטראָם, לאַנד, פון בערגער־קייט,
מיט פרייהייט־קלאַנג!

דו ליבע היימלאַנד מיין,
דו לאַנד פון פרייהייט־שיין,
ליב נאָמען דו.
דיין באַרג־וואַלד, פעלדז — מיר נאָנט,
כ'האָב ליב דיין קוואַל, וואָס שטראָמט,
דיין פרייער האָריזאָנט,
גיט האַרץ מיינס רו.

זאָל שוועבן קלאַנג אין רוים,
זאָל זינגען יעדער בוים
דאָס פריי געזאַנג;
זאָל וואַך זיין מענטשנס צונג,
גאַנץ לאַנד אין איין צעזונג,
ברעך, פעלדז, דיין שטילקייט־רונג,
און קלינג מיט קלאַנג.

פון מיינע אָבות, — גאָט,
דו האַר פון פריי־געבאָט,
מיין לויב נעם צו!
זאָל שיינען אונדזער לאַנד
מיט פרייהייט נאָכאַנאַנד,
באַשיץ אונדז מיט דיין האַנט —
באַשעפער דו!

די שטערן־שטרייפיקע פאָן

(אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער הימן)

פון פרענסיס סקאָט קעי

אָ, זאָג! קאָנסטו זען אין באַגין־שיין די פּראַכט
פון געיובלטער פרייד אין פאַרנאַכטיקע בלויען?
ווי די שטרייפן און שטערן אין גרויזאַמער שלאַכט
אויפן פאָרט העלדיש פלאַטערן נאָך מיט פאַרטרויען? —
רויטער שיין פון ראַקעט, וואָס קאַנאָן שיסט אין לופט,
אונדז באַווייזט, אַז די פאָן נאָך צו העלדישקייט רופט!
אָ, זאָג, איז נאָך שטרייפיקע פאָן אויסגעשפּרייט,
איבער היימען פון פרייע און בראַווע צעווייט?

קאָנסט ביים ים־ברעג קוים זען, דורכן נעפּל פאַרשטעלט,
אין דער אימהקער שטילקייט דעם שונא דאָרט ליגן;
וואָס באַוועגט זיך פון ווינט איבער בערגלעך צעהעלט,
גיט אַ ווײַ מיט אַמאָל און עס ווערט באַלד אַנטשוויגן? —
ערשטער שיין פון באַגינען צעגיסט זיך אַרום,
אין דעם שטראָם שפּיגלען אָפּ זיך די שטראַלן פון זון,
און מען זעט: שטערן־שטרייפיקע פאָן אויסגעשפּרייט,
איבער היימען פון פרייע און בראַווע צעווייט!

פלאַטער שטענדיק, ווען מענטש מיטן שווערד אין זיין האַנט
וויל באַשיצן זיין היים קעגן שונאס פאַרגוואַלטן;
גאָט זאָל בענטשן מיט זיג און מיט פרייד אונדזער לאַנד,
וואָס ער האָט אונדז ביז איצטער געהאָלפן צו האַלטן.
מיר געדרעכטע, מיר וועלן די זיגער אַרויס,
ווייל דער גלויבן אין גאָט גייט אונדז שטענדיק פאַראויס!
שטערן־שטרייפיקע פאָן זאָל זיין זיגרייך צעשפּרייט,
איבער היימען פון פרייע און בראַווע צעווייט!

טעות אויסבעסערונג

דאַרף שטיין:

זייט 62, שורה 3 — ס'לייגט גלויבן יאָכן דיך אַרויף,
זייט 62, שורה 21, שפּאַלט 2 — ס'וועט יענער שולד זיינס טראָגן,
זייט 70, שורה 2 — מען רופט אומזיסט זיי שלעכטע נעמען,
זייט 77, שורה 18 — און צייגער־בליאַסק ווי בליץ שניידט איין;
זייט 102, שורה 7 — און ווען עס זעט אים ווער, —
זייט 106, שורה 12 — איין ווינט פאַרשיט זיי און פאַרמעקט,
זייט 254, שורה 13 — געדענקען אַלץ — פאַריזער גהינם־וועג,
זייט 254, שורה 17 — מיר ליבן לייב — זיין טעם און רויען רוף,

אינהאַלט:

דער פּולער קרוג 5
באַלאַדע פונם ריטל 6
אַ שרפה 7
ס׳הויבט מיט וואָרט זיך אַלץ אָן ! 9
אין אַ ליידיקן פויגל־נעסט 9
דאָס וואָרט מוז הונגערן נאָך
לאַסט פון נדר 10
די זון 11
אַ טויער 11
מיין וועלט 12
וויזיע פון אַ רעגנבויגן 12
גלויבן 13
אויפן גרעניץ פון זאַכן 14
וואַלקנס 15
דודס שטיין 15
די מייל־שפּרונגען 16
מיינע לאַנען 16
דעם שם 17
ניט באַזיגט 17
אין אַ שנייאיקער נאַכט 18
אַ האַנט איז געשטאָרבן 19
אין היינטיקער וואָר 20
מיין ליבער חבר, זאָג 20
אַלכעמיע פון וואָרט 21
מיין ווערטער־פּאַרמעג 21
היינטיקע ווערטער ! 22
נשמה־ליכט 24
אַליין 24
צער פון צען געבאָט 25
אַ שויב אין וואַנט פון צייט 26
אין פורעם ליגט דער סוד 27
מיינע רייד — ניט גערעדטע 27
פּאַרזיי דעם מענטשן אומעטום 28
ווי אַ פויגל אָן אַ ליד 28
פּאַר אַלע פינגער מיינע 29
שטרומאַ 30
די אַמאָליקע געלע לאַטע 31
די זון וועט שיינען 32
י. ל. פּרץ 33
שענסטער חלום 33
דו וויזט דעם נס ער זאָל אָן קוליעס
שטיין 34
דער כרוב פון קינדער־חלום 35
מיטן בלום אויפן לאַץ 36
אַ קאָרנדיקער לאַבן ברויט 37
A HAVE NOT 37
דעם טאָג כ׳לעב צוויי מאָל איבער 38
אויגן 39
דער טייך 39
אַ פּאַראיינזאַמט הויז 40
צום יידישן בטחון 41
זיין מאַיעסטעט דאָס קינד 41
די קלוגשאַפט פון מלאכה 42
צו מיין מי 43
אַ גלויבן ליכטיקט אַרויס 43
ברוך גלאַזמאַן 44
נאַטור — 1, 2 45
דער זעקס־מיליאָניקער סקעלעט 45
דער געוואָרפענער שטיין 46
מיין פעסטונג 47
ס׳קומט משהס צייט אַנטקעגן 47
דער הייליקער מרידה־נדר 48
דער זין פון קערפּערלעכע אַרבעט 49
מלחמה 50
אין דעם לאַנד פון טויטערהייד 50
אַ פריינטשאַפט דאַרף אויפגיין 51
דריי וועגן לאַדן דיינע טעג 51
לעגענדע פון אַ פרילינג־טאָג 52
דאָס ליד פון גוטס 53
צו אַ ברודער 54
צום הימל־שפּרונג 55
ס׳איז אומעטיק מיט גוטס אַליין 55
דיין אייגן דענקמאָל־שטיין 55
מיינע פריינט 56
אָט יענער אַמאָל, דער באַגינען 57
ס׳האָט גאָט דיר פּאַר דיין מום באַצאָלט 58
ס׳ווערט שווער אויך טרייסט צו טראָגן 59
איך האָב אַ זון אין ארץ ישראל 59
איך האָב אַ חלום־טרייסט פּאַר דיר 60
מיין זון, דו זעכצניעריקער 61
משפחה איז מיר טייער 62
רעמבראַנדט 62
פונוואַנען, וואָרט ? 63
אין ווייטקייט 63

דו זאָלסט מצליח זיין 64
דער עדות 65
צוויי ווערטער — טראָץ, גענוס 66
אַנאַנאַס 66
אַ, טרייסט אונדז ווידער 67
דער מענטש פון ערד 68
מאָרגן... 68
איך פאַרמאָג אַ פּאָר וויליקע הענט 69
האַנט נומער פערצן 69
קאַלטע פּלייצע 70
איך ברענג היינט צו קבורה... 70
דיך פאַרשטיי איך 71
די באַלאַגערונג 72
אין שפּיגל 72
אַ, גלויב! 73
דער טרויער פון אַ טויטן טאָג 74
וועסט זיין, מיין זון, אַ מאַן! 75
אייזיק ראַבאַי 76
יוגנט... 77
צוויי לידער 78
שנייעלעך 79
ביינאַכט, ווען פוטער הענגט... 80
ירמיהו — דזשעק... 81
כ'טרייב די חוצפה פון ניי... 82
דער ספר 82
אַ שמחה פאַרן טרויער 83
אַן „עד" 83
מיין צווייטער „עד" 84
פרילינג 84
מיין פרילינג, מיין זומער (פּאָעמע) 85
צו מיין קינד 93
אויף קלאַנגען־פליגל 94
זיך אויסצורעדן בלויז... 94
מיין אַנגעשטרענגטע זעל 94
אויף דיין קישן — די לבנה 95
אַ גבאי גייסטו אום... 96
די שבועה 96
יעקב'ס הענט 97
פרייטיק, ביי אַ פולער לבנה 99
די רחמנות־פּרעסער 100
1943 101
אַ מעשהלע פון שטאָט ניו־יאָרק 102
וואַכע לאַנדאַנער מעת־לעתן... 105
וואָלקנדיקע טעג 106
מיין אַטעמדיקער ווינט 106
פון ווייטן אַמאָל 107

פון בוך „נייע לידער"

ברודער 108
ווי בוים... 108
מיין בערעזע 108
דער לייטער 109
מיין בייט 109
דיין בעכער פרייד 110
יעדע זאַך 110
מוטער־וועלט 111
אויף ווינטיקע רוימען 111
עכאָ 112
זוניקע טריט 112
היינטיקע טעג 112
פּאָר מענטשנס גליק 113
ער... 113

לידער פון ניו יאָרק

צלם־שניט 114
אין דזשאַנגל פון שטאָט 114
אַכטע עוועניו 115
כאַאָטישע ניו־יאָרק 116
גרויס־שטאָט 116
דער מאַרש פון צוויי 117
המון 118
באַגין 120
זונטיק 121
פאַרשעמונג 121
עס יאָגט, עס יאָגט די אַרבעט 122
מיינע טעג 122
סטרייק 122
דער רונדער לאַבן 123
אויף די קני 124
מיין פאַרהאַריקטע טאָרבע 124
דער זאָאָלאָג 125
מיין לאַנד 125
פריש ברויט 126
מיינע לייבלעכע ברידער 127
הענט 127
פּראַצע 128
הבל שלאָגט צוריק 128
מיין טאָג 129
דיאַלאָג 130
וואָג־שאָל 130
קלאַנגען 131
דיין וואָרט 131

ביזן טויער 131
אַמאָל 132
המון און פּאָלק 132
ס'איז אַלעמענס די מאַמע ערד 133
דער גאַסט 133
ערד 134
ס'זאָל העלער לייכטן די זון ! 134
אַ פּאַנצער 134
ימ'ען טריט 135
טורעם 135
אין לייבן־גרוב 136
וואונדער 136
טראָט פון דיין פּאָלק 137
מיין שטאַם 137
דער פּאַטום 138
צוויי וועגענער 138
ווינטער־שליאַך 139
געטריי ווי ערד 139
דער צייכן 140
גאָט 140
דיין ברויט 141
אַ הימן צום קינד 141
אַ וואָלף 141
מיין יידישע שפּראַך 142
אונדזער דאָן זשואַן 142
די פרומע קאַץ 142
אַ רעגן־שטורם אין שטאָט 143
אַ גוטע פריינטשאַפט 144
פּאַרלויב נישט 144
צו איינעם... 144
ווי לייכט־טורעם 145
זיין וועג 145
צו לעבן לאַנג 145

פון בוך „צייכנס"

דער שפּיגל 146
IMAGO DEI 146
מענטש 147
מיין הימל 148
צייכנס 149
בלומען 150
די מרידה 150
מיר מוזן 151
דאָס לעבן 151
אַ קינד 151
וואָס וועט זיין ? 152
ביים פרעמדן גאָרטן 153
יודאַ 153
לאַנגוויל 154
שניי 154
דער ליגן 155
צוועלף יאָר 155
דאָס קראַנקע קינד 156
עלי און שמואל 157
דאָס וואָרט 157
לידער צו משה וואַרשע 158
מיין בלאָנדער פריינט 158
מזרח 159
קינדער 159
דאָס קינד 160
מאַמעס וויגן 160
קליין יינגעלע 160
צו דיינע דרייצן יאָר 161
ווינטער 161
דאָס פייער 162
אַליין 162
מיין חבר 162
אַ שאָטן 163
אַ מיידל 163
די בשורה פון גוטס 164
אַ חלום 165
צו איינער 165
די שענסטע גאָב 166
טריט 166
נעכט 166
אַמאָל 167
מוטערשאַפט 167
צו דיר 167
אין לאַנד פון זינד 168
אַ גולם 168
דאָס מיידל־גליק 169
זיין חבר 169
טונקלקייט 170
רעד צו מיר יידיש 170
מיין פעלד 171
מיין עלטער 171
בלוי 172
טשילע 174
די מולע 174
זיין שאָטן 175

אויגוסט 176
מאָרגן 176
שניט־צייט 177
אַלאַסאַן 178
אין פעלד 179
אין האַפן פון האַוואַנאַ 180
שטיינער 180
טריט 181
אַ פליג 183
ים און ים 184
שפיל 184
די בליצן 184
פינצטערער ים 185
אין פאַרט 185
דער קאַפיטאַן 185
דער ים 185
אין איינציק כוואַל 186
אין שרעק 186
רעד צום ים 186
ביים שיף־ברעג 186
„אַ שיף גייט״ 186
צווישן בערג 187
אָוונט 187
אין וועג 188
דאָס ליד פון דעם פרייען 188
מיין וועג 189
ביים וועג 189
אין רויש פון גאַסן 190
הו־הו 192
פאַרנאַכט 192
לידער פון אַרבעט 193
שטאָט 194
טעג 194
דער רוף 195
דער פלאַמען־יום־טוב 195
אָן אַ האַנט 196
סאַקאָ־וואַנזעטי 197
סאַקאָ־וואַנזעטי און סעלעסטינא מאַדעראָס 197
טריט פון גאַס 198
אַ גאַסן־מיידל 198
דער ערשטער שניי 199
די באַלאַדע פון פיר טעג 200
די סטאַטוע 203
ווער ביסטו ? 204
ווי יוספס חלום 206
דער נס איז ניט געשען 207
אַ גוטע נאַכט 208
קדיש 209
זאָרג 209
פאַרוואָס וויינט דאָס קינד ? 210
שוואַנען און זשיראַפן 210
דריי מאָל 211
דער פאָטער (טאָג־בוך פון אַ זעלבסט־
מערדער) 212
דאָס זיידן העמד 223
האָב ווי אברהם אָפגעוואַרט 224
רויט (אַ בריוו פון שלאַכט) 225
באַלאַדע וועגן איינעמס טויט 226
די טויטע שיף 229
דער צויבער־קעניג 232
די קאַץ 233
שווייגן (פראַגמענט) 234
פאַרגעסענע יוגנט (פראַגמענט) 235
יונתקע 238

פון בוך „אומעטיקע וועגן״

יונגע יאָרן 240
לאָמיר שוועסטער 241
אַ מעשה 241
דער האַרבסט־גאַסט 242
אין חלום 242
בלאָנדזשענדיקע 243
אַ, קיינער... 244
אַ בלויער צימער 244
צו דער גוטער מיידל 245
איידער... 245
אַ ניו־יאָרקער פרימאָרגן 246
אין פעלד 247
די באַליבטע כלה (פאָלקס־טאָן) 247
דער שוואַרצער הונט 248
דער טאָפאָל 248

איבערזעצונגען

מ. יו. לערמענטאָוו 249
אַלעקסאַנדער בלאָק 253
א פעט 256
דריי אַמעריקאַנער הימנעס 259